STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06197

FUN TSAYT UN DOYER

Abraham Bick

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון צייט און דויער

אברהם ביק

פֿון צײַט און דױער

עסייען

ניו יארק

1959

FUN TZAIT UN DOYER

(From Time and Duration)

Essays

Copyright - Abraham Bick
New York, 1959

ארויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
ביי דער שול פון יידישן וויסן
י. אדלער, פאָרזיצער   בען ספיוואק, סעקרעטאר

שער געצייכנט פון יצחק ביק.

באמערקונג

די מערסטע עסייען וואָס זיינען געדרוקט אינעם בוך, זיינען שוין פריער דערשינען אין יידישע צייטשריפטן און זשורנאַלן, ווי „די צוקונפט״ (די עסייען וועגן הערמאַן קאָהען און וועגן ריינהאָלד ניבור), „יידישע קולטור״ און „זאַמלונגען״ און אנדערע אַמעריקאַנער און אייראָפּייאישע זשורנאַלן.

כמעט אַלע עסייען זיינען טיילווייז איבערגעאַרבעט געוואָרן. די עסייען י. ל. פרץ — השפעה און פאַרגלייך —, ל. פויכטוואַנגער — ביי די קוואַלן פון געשיכטע, און „אין מיסטישן קיינעמס לאַנד״, זיינען נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן.

דאָס בוך איז א המשך פון מיין פריערדיקן עסייען־בוך וועגן שרייבער, ווערק און ליטעראַטור־פּראָבלעמען „וואָרט און צייט״, וואָס איז דערשינען אין פארלאַג „איקוף״, בוענאָס־איירעס, ארגענטינע, 1952, און איז אין די פאראייניקטע שטאַטן וויניק פאַרשפּרייט געוואָרן.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן מיין יישר־כח און אַנאַרקענונג צו די פאָלגנדיקע פריינט, חשובע קולטור טוער: אין לאָס־אַנדזשעלעס: צו שמואל פראַנצבלוי, יוסף קאַראַבעלאַ, אַהרן קערטמאַן, נייטען גארפילד, מאיר גאָלדין, דאָרא מייזיל, הערי גאָלדשטיין און דעם גאַנצן אברהם ביק־לייען קרייז; אין ניו יאָרק: דעם גאַנצן קאָמיטעט ביי דער שול פאר יידיש וויסן בראש מיטן דירעקטאָר נ. קאַמענעצקי, מ. ראָדזשער, י. אדלער, יעקב לייזעראָוויטש, צו מיין פריינט אהרן אָווסייעוו — עליזאבעט; אין דעטראיט, די חשובע פריינט נ. סאבוראָוו און אייב בערניקער און דער קעסלער־משפּחה און אחרון אחרון, דעם קולטור־בויער יוסף מאָרגנשטערן קליוולאַנד. זיי אלע מיין דאנק און יישר כח פאר הילף וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון א בוך וועגן א ליטעראטור פון צ י י ט א ו ן ד ו י ע ר...

א. ב.

יחיד און כלל אינעם שאפן פון י. ל. פרץ

י.ל. פרץ איז דער צענטראל־פונקט פון דער מאדערנער יידיש־שער ליטעראַטור, ווייל ער איז געווען דער גרויסער סינטעטיקער. ער האָט סינטעזירט דאָס בילד מיט דער אידעע, דאָס ראָמאַנטישע מיטן רעאלן, דאָס נאציאָנאַלע מיטן סאָציאלן, דעם אַנאָנימען פאָלקס־מענטש מיט דעם דערהויבענעם יחיד.

פרצעס שאפן טיילט מען געוויינלעך איין אין צוויי הויפט־וועגן: זיין אזוי גערופענעם רעאליסטישן וועג, דעם פעריאָד פון „שטריימל", „חתונה געהאָט (וואו ער שילדערט דעם שווערן גורל פון דער יידי־שער פרוי) און די „יומטוב בלעטלעך", וואָס האָבן געוועקט און עג־מונטערט די יידישע מאסן, און זיין צווייטן ראָמאַנטישן וועג, דעם פעריאָד פון זיין נעאָ־חסידיזם און זיין באזינגען די יידישע פרוי אין אָרעאל פון ראָמאַנטיזם („דריי מתנות"), האַלטן זיך אבער ביי דער איינפאכער קלאסיפיקאַציע פון י.ל. פרצעס שאפן, דערקלערן אַז דער ערשטער פעריאָד, דער רעאליסטישער, איז געווען פּראָגרע־סיוו און דער צווייטער — מכלומרשט רעאַקציאָנער, אָדער א צוריק־קער צום אַלטן, אַפּגעלעבטן, אומרעאַלן, — מיינט פאַרפלאַכן דעם סאמע אינהאַלט פון דעם קלאַסיקער. „רעאליזם" קען נישט זיין ווײ־ניקער רעאקציאָנער ווי „ראָמאַנטיזם" און פארקערט: ראָמאַנטיזם קען אַמאָל זיין נישט ווייניקער פּראָגרעסיוו ווי „רעאַליזם". אַלץ ווענדט זיך פון דעם מיט וואָסער אינהאַלט אָט די צוויי נוסחאות אָדער מעטאָדן ווערן אָנגעפילט און וואָס עס באהאלט זיך אונטער די דאָזיקע באגריפן.

מיר דארפן געדענקען, אז אין פרצעס שאפן און אין דער פרץ־טראַדיציע ליגט דער אייגנארטיקער סינטעז, וואָס פארברידערט דאָס רעאַליסטישע מיטן ראָמאַנטישן, פארוואַנדלט עס אין איין גאנצן סטיל — דעם סטיל פון דינאַמישן שאפן, פון אויפגעוואכטן מאַסן־

ווילן. ווען מיר האָבן דאָס אין זינען, באַנעמען מיר, אז פרצעס ראָמאַנטיזם איז נישט ווייניקער פּראָגרעסיוו ווי זיין רעאליזם. עס איז ביי אים בכלל קיין גרויסער אונטערשייד ניט געווען צווישן די באַגריפן, ווייל ער פארשמעלצט זיי אין דער טיפקייט, אין זיין סינטעטישקייט.

כדי צו פארשטיין פּרצעס סינטעזן, דארפן מיר געדענקען, אז זיין שאפן איז שטענדיק פול געווען מיט גרויסן געראנגל. ער האָט זיך געראנגלט מיט פארשיידענע מאָטיוון אין יידישן לעבן פונקט ווי מיט פארשיידענע פאָרמען אין דער ליטעראַטור. מיר געפינען אין זיין פילזייטיקן שאפן די פאַרשיידענסטע מאָטיוון פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק, די שפע פון פאָלקסטימלעכקייט, פון פאָלקס־געמיט און דעם קינסטלערישן תיקון פון אויסדערוויילטן יחיד; דעם אויסבליק פון מאָדערנער וועלטלעכער יידישקייט און היס־טאָרישער אלט־יידישקייט; דעם פוילישן נוסח פון וועלט־דערלייזונג; די השפעה פון סאָציאל־רעוואָליוציאָנערן, דעם פּראָטעסט קעגן סאָ־ציאַלן עלנט פון הארפאַשנעם מענטשן און די בונטאַרישקייט פון דעם יחיד, וואָס וויל איינפירן דעם „אייביקן שבת". פונקט אַזוי האָט ער אויסגענוצט און קולטיווירט יעדן ליטעראַרישן זשאַנר, פון די פארשיידנאַרטיקסטע ניואַנסן פון דער באַלאַדע־פארחלומטקייט ביז רעאליסטישע איינאַקטערס, פון דער סימבאָלישער לעגענדע ביזן עקספּרעסיאָניזם. דאָס איז נישט געווען בלויז אַן עקספערימענטירן מיט פאָרמען און אינהאלטן, נאָר א מין גלגולים־וועג צו העכערע מדרגות פון באפרייאונג און מענטשלעכער און יידישער אויסלייזונג.

באַזונדערס באַלערנדיק איז פּרצעס געראנגל מיט דעם אינ־דיווידואליזם, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך, און געפירט האָט ער דעם דאָזיקן געראנגל א סך יאָרן און מיט גרויס עקשנות, אָפטמאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ער האָט דעם אינדיווידואַליזם נישט באַ־זיגט. אין דער פּאָעמע „עס זיינען קיין וואונדער געשען" דערציילט פּרץ:

„פארביי איז געגאנגען א העלדן־ארמיי וועלטן חרוב צו מאַכן, נייע צו בויען . איך בין געווען איינער פון זיי, איינער פון די

גרעסטע — און בין אויפן וועג געבליבן, און איבערגעלאָזט האָבן זיי דעם שוואכן".

אין אָט דעם, וויי־געשריי פון איבערגעלאָזענעם, נאָר נישט ביי־געקומענעם אינדיווידואליזם, פאַרגעסט פרץ נישט צו דערמאָנען, אַז ער איז „איינער פון זיי", איינער פון יענער „העלדן־ארמיי", צו וועלכער עס האָט אים געצויגן און וועלכע ער האָט שפּעטער קינסט־לעריש געשטאַלטיקט.

פרץ איז געווען אן אינדיווידואלער דיכטער, אבער נישט קיין „אינזיכישער" דיכטער". זיין אינדיווידואליזם האָט ער קיינעם נישט אנטקעגנגעשטעלט, נאר אים אריינגעשטעלט אין ארום אין כלל. אַפילו דאָרט וואו ער שטעלט אַרויס דעם יחיד, קען ער אים נישט אויסשיילן, אָפּשיידן פונם המון, פון דער מאַסע.

פרצעס דערציילונג „דער פרוש און דער בער" געהערט זיכער צו דעם אזוי גערופענעם ראָמאַנטישן פעריאָד. דאָס איז א פּראָוו אויפצולעבן די נשמה פון דער וועלט, פונעם באַשאַף, פון אומפּאַלקאָ־מענקייטן און חסרונות „...עוולות קומען דערפון וואָס די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאָפן... כל זמן די נשמה איז וואַך, טוט דער מענטש, וואָס עס טויג אים, פלאַנמעסיק, על־פי־שכל, אַלע אברים פאָלגן די נשמה. שלאָפט אָבער א מענטש איין, די נשמה, דער מושל איבערן גוף דרימלט איין, הויבט אָן דער גוף צו וואַרפן זיך אָן א סדר, אָן א ציל און יעדער איינער פאר זיך, איין האַנט אהין, די אנדערע אהער, דער קאָפּ באזונדער, דאָס לייב באזונדער — אָן שכל... און מען קען געשעדיקט ווערן..."

„די וועלט וואַרפט זיך, צאַפּלט אָן א סדר; און די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאָפן, און יעדעס שטיק וועלט טוט זיך זיינס, נישט לטובת הכלל..."

אמת, דער וועלטס איינגעשלאָפענע נשמה קען אויפוואכן נאָר דורך גרויסער טאַט. ווען מען זאָל אָפּוועגן די מעשים פון דער וועלט — טראַכט די בלאָנדזשענדיקע נשמה אין „דריי מתנות", — ארויפ־לייגן אויף איין וואָגשאָל די מצוות און אויף דער צווייטער די עבי־רות, וואָלט דאָס צינגל זיך נישט א וואקל געטאָן; אזוי קליין און

דראַבנע זענען די מעטשלעכע מעשים. די אויסלייזונג קען קומען בלויז דורך דער געוואגטער הערָאַישער און אקטיווער טאַט.

און דער פרוש קומט צום אויספיר, אז מען דארף וועקן די איינגעשלאָפענע נשמה פון דער וועלט, כדי זי זאָל טון אלץ לטובת הכלל פארן אַלגעמיינעם וואוילזיין. האָט איר שוין דאָ דעם געפלעכט פון יחיד און כלל.

די דאָזיקע אידעע גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדים, איבער אַלע „פאַלקסטימלעכע געשיכטן״, אָבער אַמ׳בולט׳סטן און שטאַרקסטן ווערט דער מאָטיוו ארויסגעבראַכט אין דער „גאָלדענער קייט״ דורך שלמהן, דעם גרויסן יחיד, וואָס שפירט דעם צער און פיין פון דער וועלט און וויל דאָס צאַפלדיקע צינגל פון דער וועלט אריבערציען דורך דער גרויסער טאַט.

די גרויסע טאַט דארף האָבן מענטשן פון ווילן און אַן אַטמאָספערע פון שבת־יום־טובדיקער דערהויבונג, אָבער ווען דער נשמה־יתירה׳דיקער שלמה רופט אויס דעם שבת, רופט ער צו אים די עדה, דעם כלל. ווען דבורה אין דריטן אקט פון דער „גאָלדענער קייט״ פארגייט זיך אין דבקות און מורמלט: „א הויז מיט נסים; ווייטער א נס!״ ענטפערט איר ישראל גבאי מיט א סאָציאַל־רעאַלער פאָרמולע, וואָס פארטייטשט דעם נס.

„דער קיבוץ!
רביצין, דער כח פון קיבוץ איז עס!
צוזאמענגערופן האָב איך אים פון אלע עקן וועלט...״

די „גאָלדענע קייט״ איז אפשר די ערשטע טראַגעדיע אין אונזער ליטעראַטור; א טראַגעדיע, וואָס איז יידיש לויט די אידעאישע אַספעקטן. מען האָט די קאָנסטרוקציע און דעם אינהאַלט פון דער „גאָלדענע קייט״ פארגליכן צו איבסענס „בראַנד״. ביי איבסענען ווי ביי פרצן ווערט ארויסגערוקט די פערזאָן, וואָס איז פעאיק צו דער גרויסער טאַט, וואָס וויל זיך דערהייבן איבער דער גראָער ווירקלעכקייט, אָבער לויט דער אינהאַלטסרייכער סימבאָליק איז פאראַן אַ גרויסער אונטערשייד פון פרצעס שלמה און איבסענס ״בראַנד״.

בראנד שטרעבט אויפצובויען פאר זיך אַ טעמפּל אויף די נאָרוועגישע העכסטע בערג, שלמה אָבער וויל איינפירן אייביקן שבת אין דער געשיכטע. דאָרט איז שטח, דאָ ביי פּרצן, — איז צייט.

אין דער „גאָלדענער קייט" האָט פּרץ זיך נאָך געראַנגלט מיט דער פּראָבלעם פון יחיד און כלל. ער האָט דערפאר קיין קאָנקרעטן אינהאלט נישט אָנגעצייכנט פאר דער גרויסער טאַט, וועלכע דאַרף ברייגנען דעם שבת, דאָך איז געווען קלאָר, אויף וועלכן פעלד ער האָט געזען דעם שבת פון דער וועלט. וואָרים די „גאָלדענע קייט" האָט אַריינגעוועבט די שטימונגען און געדאַנקען, וואָס פּרץ האָט אויסגעטראָגן אין דער צייט פון איר שאַפונג, אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. שפּעטער האָט פּרץ אָנאַרקענט, אַז נישט בלויז דער יחיד, נאָר אויך דער קאָלעקטיוו ראַנגלט זיך פאר אַ נייעם לעבנס־סדר און ברעכט זיך איין אין פּראָצעס פון קאַמף.

אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז „באָנטשע שווייג", דער העלד פון פּרצעס באַרימטער נאָוועלע, איז דער סימבאָל פון די יידישע מאַסן, איז די פּיעסע „אין פּאָליש אויף דער קייט" דער שאַרפסטער משפט אויפן אינדיווידואַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור.

די סאָציאַלע פיגור פון באָנטשע שווייג איז נישט געבליבן איינגעפּאַסט אין דעם ראַם פון אַ געשלאָסענער סביבה, זי איז געוואַקסן און האָט באַקומען העכערע השגות ווי אַ בולקעלע מיט פּוטער אין גן עדן. אין דער פּרעכטיקער דערציילונג „שלום־בית" איז ער שוין נישט מסכים, אַז זיין ווייב זאָל אים דינען ווי אַ פּוס־בענקעלע אין גן־עדן, — ער וועט זי אוועקזעצן לעבן זיך, און דאָרטן, אין הימל, וועט מען זיך שוין מוזן אונטערוואַרפן דעם ווילן פון באָנטשע שווייג, וואָס ווערט ביסלעכווייז אַ קאָלעקטיווער העלד (זע די סאָציאַלע דערציילונגען „דער כעס פון אַ יידענע", „אַ משולח"", „מוסר", אַ. אַ. ז. וו.). פּרצעס יחידים ווערן נעענטער צו די מאַטעריעלע און גייסטיקע נויטן פונם כלל פון זיין דור. אין „פּאָליש אויף דער קייט" זעען מיר שוין נישט שלמה'ען ווי די מעכטיקע פיגור פון אַ מין יידישן דאָן־קיכאָט, וואָס דערהויבט זיך איבער דער וואָכעדיקייט און רופט צו עפּעס און פאָדערט עפּעס. אין „פּאָליש

אויף דער קייט״ דערשיינט דער פארחלומטער „זינדיקער״ קלויז־ניק נישט ווי אַ קעמפער מיט ווינטמילן, נאָר ווי אַן אויפרייסער פון אַן אָפּגעלעבטער וועלט פון אויסנוץ און אונטערגאַנג, כדי אָפּ־צורוימען דעם וועג פאר א וועלט פון רעאַלער נייקייט. עס רעדט זיך שוין דאָ וועגן קאַמף קעגן די וואָס לאָזן דעם אָרעמאַן נישט עסן ברויט צו דער זאַט. דער אין שכינה־פארבענקטער קלויזניק פאר־אייניקט זיך מיט די פון דער עדה פארשטויסענע, כדי אינאיינעם מיט זיי „מיט געשריי פון העכסטן בונט״ צעקרישלען די „פארהייליקטע מנהגים פון לעגאַליזירטן טאָג־טעגלעכן אומרעכט.

ער שטייט דאָרט, דער יידישער בונטאַר, צעגעבונדן צו דער קונע, א באַזיגטער יידישער פראָמעטיי, וואָס איז צוגעשמידט געוואָרן צו די פאָליש ״פעלזן״ פאר זיינע „גרויסע זינד״, ווייל ער האָט געפּראוווט ווידערשפעניקן און רעוואָלטירן קעגן א פאַרגליווערטער אַטמאָספער און א צוגענאָגלטער צו דער קונע חלומט ער וועגן באַ־פרייאונג. און אָט קומען די באַלעבאַטים אין פאָליש אַריין און רופן צום שלאָסער:

שלייף, מייסטער, שלייף,
ברעך די קייט״.

צי וואָס דאַרף מען ברעכן די קייט?
און דו וועסט באַפרייען אונז
פון ר׳ ברכיה׳ען, פון דעם רויבער״.

נאָך די באַלעבאַטים באַווייזן זיך די בעלי־מלאָכות, וועלכע קלויבן זיך אויס דעם זינדיקן פאר אַ מנהיג־באַפרייער און אויך זיי זיינען גרייט צו קרישלען די קייטן. זיי ווענדן זיך צום שלאָסער:

„פייל, פייל,
אויף אונזער חשבון פייל.
זאָל א האַנט די צווייטע וואַשן,
דו וועסט אונז די יאָך צעברעכן,

מבטל וועסטו זיין די מאַכט. ....

....

....דו וועסט לאָזן, דו וועסט הייסן,

....וועלן מיר עסן ברויט צו זעט...״

אויך דאָ גייט עס אין אַן אינדיווידועלן אויטאָראַטיוון שטיץ־פונקט, אַז ״דו וועסט לאָזן, דו וועסט הייסן, אַנדערש קען דער כלל נישט שטעלן קיין טריט.

דער באַפרייטער דאַרף זיך באַפרייען, דער יחיד איז באַרופן צו אַקטיוויזירן דעם צעשטויבטן כלל, אָבער זיין כח שעפּט ער פון קאָלעקטיוו, דער סינטעז צווישן יחיד און כלל, צווישן גלויבן אין יחיד, און אין דער אַרויסגעהויבענער פּערזענלעכקייט, וואָס איז פאַראייניקט מיט דער נאָמענלאָזער מאַסע.

פּרץ האָט דעם קלויזניק פון דער ״פּאַליש אויף דער קייט״ פאַר־וואַנדלט אין א מין בריק, וואָס האַלט די גלייכגעוויכט צווישן יחיד און כלל, צווישן אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון.

אָט־דער גלייכגעוויכט אין דער קונסט צווישן יחיד און כלל פירט אונז נאָך צו איין שטריך פון פּרצן דעם סינטעטיקער, צו דעם סינטעז פון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם.

אין א בריוו צו פ. לאַסאַל וועגן זיין דראַמע ״פראַן זינקינגען״ שרייבט פרידריך ענגעלס: ״איר טרעט אינגאַנצן מיט רעכט ארויס קעגן דער איצט הערשנדיקער אינדיווידואַליזאַציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם וועזנטלעכן סימן פון דער אויסגעהויכטער ליטע־ראַטור. מיר דאַכט אָבער, אַז די פּערזענלעכקייט ווערט כאַראַקטע־ריזירט נישט בלויז דורכדעם וואָס זי טוט, נאָר אויך דורך דעם ווי אַזוי זי טוט עס״.

אינעם אַריינפיר צו ״דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע״ גיט מאַרקס א קלאַסיש וואָרט וועגן דעם ״זיין״ פון דער פּערזענלעכקייט: ״דער מענטש איז אינעם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט נישט בלויז א געזעלשאַפטלעכע חיה, נאָר ביז אַזאַ גראַד אַזאַ געזעלשאַפטלעכע חיה, וואָס נאָר אין דער געזעלשאַפט קען ער

זיך אויסטיילן אלס א זעלבסטשטענדיקער איינס״.

דער אבסטראקט־ראָמאַנטישער מעטאָד באַטראַכט דעם מענטשן אויסער די קאָנקרעטע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן. ער פרעמדט אים אָפּ פון זיי. דער מענטש הייבט אָן אויף אַזאַ אופן צו שוועבן איבער די רעאלע געזעלשאַפטלעכע פארהעלטעניסן. זיין פרייהייט איז אַ דאָן קיכאָטישע. אָבער דער שעפערישער ראָמאַנ־טיזם מאָלט דעם מענטשן, דעם יחיד, אין די ראַמען פונם כלל, טיילט אים אויס אלס „זעלבסטשטענדיקן איינס״. ערשט אין דער געזעלשאפט, אזוי ארום, ווערט דער ראָמאַנטישער עלעמענט דער־הויבן צו אַקטיוון און שעפערישן רעאליזם און דער יחיד — צו הערא‌ָאישן טאַט.

פרץ האָט זיינע העראָאישע געשטאַלטן פארבונדן מיט דעם כלל, מיט דעם קאָנקרעטן, מיט די רעאַלע נויטן פון דער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און געווירקט. זיין ראָמאַנטיק און יחידישקייט איז דערפאר געווען אַזאַ וואָס האָט ארויסגעהויבן דעם יחיד אין די ראמען פון כלל.

טרוים אוןווירקלעכקייט ביי שלום עליכם און פרץ

די צוויי אָבות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור טיילט מען איין געווײנלעך לויט די סימנים: שלום עליכם האָט דער עיקר געגעבן שטייגער און זעלטענער אידעע; פרץ האָט ניט בלויז אויפֿגעפראַלט טיר און טויער פאַר אידעע און פאַר דעם פּאַרטיפֿטן געדאַנק. ער האָט דער ערשטער געגעבן פּראָבלעמען, פּראָבלעמען פון מענטש וועלט און צייט.

אין זיינע ראָמאַנען, נאָוועלן און מאָנאָלאָגן האָט שלום עליכם ארויסגעפירט ברייטע בילדער פונעם לעבן פון די יידישע מאַסן, געשילדערט די פארשיידנאַרטיקסטע ווינקלען פון זייער לעבן. קיין איין פרט פונעם פאָלקס־שטייגער, קיין איין קלאַנג פון דער פאָלקס־שפּראַך, איז ניט דורכגעגאַנגען פארביי דעם גרויסן מייסטער. אין זיינע צוויי צענטראַלע געשטאַלטן, טוביה דער מילכיקער און מנחם מענדל האָט שלום עליכם פארקערפּערט צוויי פאָלקס־קאַטעגאָריעס פונם יידישן שטייגער אין רוסלאַנד פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט טביה — דאָס איז א פאַרקערפּערונג פון יענע פאָלקס־געוואוינהייטן וועלכע האָבן זיך היסטאָריש אָפּגעזעצט אין יענעם תחום. ער איז דער לעבעדיקער טרעגער פון פאָלקס־הומאָר און פאָלקס־שטייגער, און אין דער פּאַנאָראַמע פון דאָן־קיכאָטישן מנחם מענדעלס פינאַנץ־אָפּעראַציעס. האָבן מיר דאָ דען ניט אַן אייגנאַרטיקע אָפּשפּיגלונג פון עקאָנאָמיק און דעם שטייגער פון יידישן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד ?

שלום עליכמס „פריילעכע מעשות” זיינען איין גרויסע סאַטירישע עלעגיע אויף דער אונטערדריקטער נאַטור פון מענטש, אויף זיין דערנידעריקונג דורך אָרעמקייט, דורך פיינטשאַפט פון פאָלק צו פאָלק, דורך דער פארקריפּלונג פון זיין שעפערישן כוח, — און דאָס אלץ צוליב דער גרויזאַמער אָרדנונג. פרייער שעפערישער שוואונג קומט פון רחבות, אָבער ביי די אויסגעצערישע פאַרהעלטענישן ווערן א סך מענטשן אַיינגעזונקען אין דער קלייניקייט פון לעבן, זיי ווערן „קליינע מענטשן מיט קליינע השגות”. דאָס איז זייער שטייגער, דאָס איז זייער ווירקלעכקייט.

וואָס שייך שלום עליכמען דאַרף זיין כאַראַקטעריסטיק ניט גע־

אברהם ביק

זוכט ווערן צווישן זיינע פילצאָליקע בריוו, וואָס זיינען איבערפולט מיט אינטימע ארויסזאָגונגען וועגן זיך אליין, עס איז גענוג זיך צו באקענען בלויז מיט זיין צוואָה, וועלכע איז אויך זיין קינסטלערישע קרעדאָ, וואָס ער האָט געהייסן אויסקריצן אויף זיין מצבה:

„דאָ ליגט א ייד א פשוטער
געשריבן יידיש דייטש פאר ווייבער
און פארן פראָסטן פאָלק האָט ער —
געווען אַ הומאָריסט אַ שרייבער".

פון פילפארביקן געזעמל מענה־לשונדיק בארעדעוודיקע נאָוועלן, דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, סצענישע בילדער אאזוו. בליקט ארויס דאָס פונדאמענטאָלע פונעם טראדיציאָנעל־יידישן שטייגער. בקצור, שלום עליכם איז דער געניאַלער מאָלער פונעם שטייגער.

פרץ איז אבער געווען און איז פארבליבן דער אידעען־דיכטער, דער מענטש וואָס איז דורך קינסטלערישע מיטלען געגאנגען צו אינדיווידועל־מאָראלישע און סאָציאל־עטישע צילן.

אָבער דער שילדערער פון דעם שטייגער לעבן פון די פאָלקס־מאסן איז ניט געווען סתם א רעאליסט א „מאָלער צוליב מאָלן", ער איז אויך געווען א גרויסער טרוימער, ער האָט אויסגעדריקט דעם טרוים, דעם דורשט, דעם באגער פון די פאָלקס־מאָסן. פונקט ווי פרצעס לץ אין „באנאכט אויפן אלטן מארק", וואָס פראוווט קלעטערן איבער א לייטער צום שול־דאך בכדי דאָרט איינצושטילן דעם צעבלאָזענעם און צעקרייעטן בלעכענעם האָן, דעם גליק צע־שטערער, אזוי קלעטערן שלום עליכמס גאָלד שפינער.

און אין דער געשיכטע פון מנחם מענדל׳ס נסיעה, וואָס איז אַ פאָנטאָסטישע געשיכטע פון געוואָגטע און וויזיאָנערישע פּראוון, וואָס האָבן אונטער זיך נישט קיין רעאלען פונדאמענט, ווערט אויך געבראכט צום אויסדרוק אָט די דאָזיקע איינהייט פון פאנטאזיע און ווירקלעכקייט. ניט אומזיסט פירט אים דער שרייבער פון קאס־

רילעווקע קיין יעהופּעץ אין דער גרויסער און גערויש צעוויגטער שטאָט שמייכלט צו אים דער „אוצר“, א ביסל וואַרשיינלעכער איידער אין קאַסרילעווקע. בכלל איז דאָס סטאַבילע אין מנחם מענדל׳ס געמיט דאָס כסדרדיקע פּיבערן צווישן חלום און וואָר, צווישן פּאַרמעסט, וואָס הייבט זיך אָן געוויינלעך גאָר גוט און ענדיקט זיך תמיד גאָר שלעכט.

אָבער וואָס האַלט אים אונטער בעת זיינע שטענדיקע מפּלות? קודם־כל דעם מחבר׳ס אייגנשאַפט פון טרוים. זיין אינעווייניקסטע פאַנטאַסטישע וועלט. אויך אין יעהופּעץ האָט דער קאַסרילעווקער מנחם מענדל ניט דערלאַנגט צום „טעלערל פון הימל“ אָבער דער אמת איז, אַז טעלערל בלייבט טעלערל, וואָס וועט די פאַרשיידענע מנחם מענדלס קיינמאָל ניט אויפהערן צו כשופן.

שלום עליכם, דער „גרויסער אָפּלאַכער“, האָט געהאַלטן אין איין צעשטערן די קליין־השגה׳דיקע טרוימען און אראָפּרייסן נאַ־איווע אילוזיעס, האָט דאָך פאַרמאָגט אין זיין שאַפן עלעמענטן פון גרויסער פאַנטאַסטיק. מער ניט וואָס פּונקט ווי פּרץ האָט ער דער פאַנטאַזיע געשטעלט גרענעצן, איר קיינמאָל ניט געלאָזט אריבער־שפּרייזן דערווירקלעכקייט. דאָס באַשטעטיקט זיין קאַסרילעווקער מלמד וואָס קלעטערט אַזוי ווייט אין זיינע פאַנטאַזיעס צו די גליק־לעכסטע מרחקים, אַז ער איז שוין גרייט „עס זאָל גאָר לחלוטין ניט זיין קיין שום געלט אויף דער וועלט“. אָבער ער פאַרהאַלט זיך ביי דער הארבער פראַגע: „וואו וועל איך איצטער נעמען אויף שבת?“

אָט דאָס איז דער עיקר, דער ריס צווישן טרוים און ווירק־לעכקייט, פּונקט ווי אין פּרצעס טענה צום יתומל: „וועסט וויינען א שטיקל ברויט! פאַרגעס די לבנה“....

פּרץ און שלום עליכם זיינען ביידע געווען טראַגיקער (אָן טראַ־גיק איז בכלל קיין קונסט ניטאָ), ביידע געווען אָפּטימיסטן און זייער אָפּטימיזם איז געווען א שעפערישער. זיי האָבן פאַרשטאַנען ווי צו מישן זייער רעאַליזם מיט פאַנטאַסטיק. מיט זייער שאַפן האָבן

זיי באצייכנט דעם סאָציאַלן אויסדויער כוח, וואָס ברעכט זיך ניט אפילו ביי די שוידערלעכסטע היסטאָרישע באדינגונגען, האָט פּרץ ניט אויפגעהערט צו מעסטן דעם ראָמאַנטישן „וועג ביז הימל" און שלום עליכמס גרונט־שטימונג איז געווען דער גרויסער פאָלקס־בטחון וואָס פלעמלט ווי א נר־תמיד אין זיין אינעווייניגסטער טרוימערישער וועלט, איז טאקע שלום עליכם א שרייבער, וואָס זיינע טרוימען זיינען ניט אבסטראקט נאָר גייען אויס אויף דעם ניט אַבסטראקט, נאָר וואקסן און גייען אויף דעם פּרוכטבאַרן באָדן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

אין איינער פון זיינע עסייען האָט פּרץ אליין כאראקטעריזירט אָט־דעם סאָרט אידעען־דיכטער, וואָס ער האָט אונטערשיידט פונעם קינסטלער. „פריי — האָט פּרץ געשריבן — איז דער קינסטלער, ער מעג מאָלן דעם אויפגאַנג, דעם אונטערגאנג פון דער זון, ים שטורעם און סטעפּ, נאָכיאָגן זומער־פייגעלעך, פונקען פון קוימען ביים שמיד, גאָלד־גלאַנצן פון אויגן אויף בלאסע געזיכטער באזינגען. נישט פריי איז דער דיכטער; זיין וועג איז דער טוריסטן־וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן פעלזן און אָפּגרונטן און אויף דער הויך, וואו עס שפּילט זיך אָפּ די מענטשלעכע טראַגעדיע, וואו צווישן שרעק געפאר און שגעון עס ווערן געוואויגן די גרעסטע מענטשלכע פּראָבלעמען; וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט? ווער בין איך און וואוהין פירט מיין וועג?"

עס וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרונט אונטערשייד צווישן פּערצעס בעלי חלומות און שלום עליכמס „דאַך־קלעטערער" וואָס ווילן דאָס „טעלערל פון הימל". פּרצעס ארויסגעהויבענע געשטאלטן שטיקן זיך אין זייער ענגשאפט, זיי רייסן זיך צו העכערע ספערן פון גייסט. דאָס איז נוגע סיי די חסידישע פירער סיי די פּראָסטע האָלצהעקער, די פארשטעלטע לו׳ניקעס.

די דאָזיקע הימל־שטורמער מאַניפעסטירן גייסטיקן אומרו און בענקשאפט צו וועלטן פון „כולו שבת", פון גאָלע יום־טוב, זיי ווילן די ערד פאַרהימלישן. שלום עליכמס פארשווינען קלעטערן איבער א לייטער פון „ערדישע גליקן", זייער דאַך־עקסקורסיע איז

איז שלום עליכם אין אלץ געווען דער היפוך פון פרצן? זיינען גאָרניטאָ קיין באריר־פונקטן וואו די צוויי קלאַסיקער זיינען נאָענט?

עס זיינען דאָ אַזעלכע פונקטן און איינעם פון זיי וויל איך דער־מאָנען, דאָס איז דער סינטעז פון פאנטאזיע און ווירקלעכקייט.

איך האָב אין זינען, למשל, זיין „יינגל״ אין די „רייזע־בילדער״, וואָס פרץ האָט מיט דריי יאָר שפּעטער וואָראַאירט אין דער אַראָ־בישער מעשהלע ,המחשבה והכנור״ אָפּגעדרוקט אין העברעאישן זאַמלבוך ״החץ״, וואַרשע, 1894 און שפּעטער איבערזעצט פון א פרומקין א. ג. „דער געדאנק און די הארפע״)

אָט איז דער צווייטער נוסח, דער העברעאישער:

דער נביא שוועבט אין דער לופטן און אין די אָרעמס האלט ער זיין פון ליכט געבוירענע טאָכטער. זיי טראָגן זיך פון דעם מדבר צו דער גרויסער שטאָט. פון דער שטומער נאַטור צו די מענטשן קינדער.

עס איז פאַרנאַכט. פון איין זייט הימל זעט זיך די זון, — א גרויסע רויטע ביים אונטערגיין; פון דער אַנדער זייט די לבנה, א קליינע, א בלאסע — ביים אויפגיין.

די טאָכטער זיפצט. איר דאכט זיך צו הערן ווי די לבנה קלאָגט: קליין בין איך און נידעריק, קליין און באליידיקט... דער פאָטער טרייסט זי און אמאָל וועט די לבנה לייכטן ווי דאָס ליכט פון דער זון...

און די זון, וואָס וועט מיט איר דעמאָלט זיין?...

די זון — ענטפערט דער פאָטער — וועט דעמאָלט ווערן זיבן מאָל אזוי גרויס ווי איצט. די טאָכטער זיפצט שווער:

אויב אזוי וועט אין יענעם סוף פון טעג זיין מער ליכט; אָבער די עוולה וועט בלייבן די זעלביקע...״

און אָט איז דער נוסח פון די „רייזע בילדער״:

דעם גאסט־הויזערס שיין, חנוודיק יינגעלע מיט די מיאוסע תנועהלעך מיט די לעקעלעך פון פעדערן, קאָנען מיר אויסן קאָפּ ניט

אַרויס. אָדער ער שטייט מיר פאַר די אויגן מיט אַ ציפּיאַרעק (אַ יינגעציבעלקעלע), איך הער אים ביי מנחה־מעריב זאָגן אזוי קינדיש ווייַנענדיק ערנסט דעם קדיש, אז עס כאַפּט מיר אָן ביים הארצן... אונטערטאַנצנדיק אויף איין פיסל, רייסט ער אַרויף דאָס קעפּל צו דער לבנה. ער זיפצט. צי האָט ער געזען אַ שטערן פאַלן?

— נייַן, אוי — זאָגט ער — וואָלט איך וועלן משיח זאָל קומען! וואָס איז אויף איר אזא רחמנות! זי האָט טאַקע געזינדיקט אָבער אזוי צו ליידן!... עס גייט שוין דער אלף הששי! אין גאַנצן צוויי בקשות: פון טאַטן אויף דער ערד נאָך אַ סצעפּיאַריק און פון פאָטער אין הימל די לבנה זאָל גרעסער ווערן! עס כאַפּט מיר אָן אַ ווילדער חשק אים צו זאָגן: לאָז געמאַך. דיין היגער טאַטע וועט באַלד חתונה האָבן, דו וועסט באלד אַ שטיף־מאַמע קריגן, אַ שטיף־קינד ווערן, און וועסט ווייַנען, אַ שטיקל ברויט! זיי מוחל דעם סצעפּיאַריק און פאַרגעס די לבנה...

דאָ דערהויבט זיך פּרץ איבער דעם ערשטן פּרימיטיוון סאָציאַלן מאָטיוו („דריי נייטאַרינס" „באַנטשע שוויַיג") און פאָרמולירט אים אַ סך טיפער און קאָמפּליצירטער. ער נעמט אַרום דעם סאָציאַלן פּראָבלעם פון אַ טיפערן גרונט, בינדט אים צענויף מיט דעם קאָסמישן פּראָבלעם, מיט דעם טרוים וועגן דעם תיקון פון יעדער עוולה אין דער יצירה. די טעמע פון דעם קינד'ס זאָרג פאַר דער פּגימת הלבנה, די פאַרקלענערונג פון דער לבנה־ליכט, איז אַ וויזיע וועגן דער צוקונפט און וואַקסט אויס, מעגלעך קעגן פּרצעס כוונה, צו אַ צוקונפט־פּראָבלעם.

„אַ כשוף־חן איז אויסגעגאָסן אין דער שענק און אויפן פּנימל פון יתומל, וואָס דאַוונט פאַר דער ליידנדיקער לבנה, נעמט זיך אָן פאַר אירע יסורים און בעט גאָט ער זאָל פאַרריכטן די קאָסמישע עולה.

„ווערט דען דאָ ניט אָפּגעשפּיגלט דאָס געשטאַלט פון דער כנסת ישראל און אירע בענקענישן אין ביטערן גלות נאָך דער קאָסמישער גערעכטיקייט און חלום וועגן תיקון פון באַשאַף..."

(הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייטשיק, אין דער עסיי, „איש ההלכה").

דאָס בילד פון „יינגעלע מיט דער לבנה" פאַרענדיקט פּרץ מיט

די ווערטער: „מיר זיינען ארויס פון טישעוויץ. דער פרילינגס־אָטעם בלאָזט אויף אונז פון גרינעם פעלד. ער שלעפּט מיך צו צו אַ צוים, מיר זעצן זיך.

און דאָ וואַקסן דערנער! צי עסט קיינער קיין דערנער ניט?

אייזלען זאָגט מען עסן דערנער!

פאַרוואָס — פרעגט ער — האָט גאָט באַשאַפן יעדע בריאה זאָל עסן עפּעס אנדערש? ער ווייסט נישט, ווען אַלע זאָלן גלייך עסן וואָלטן אַלע גלייך געווען".

אָט די ווערטער גיבן אַ גלאַנץ מיט יענער דיאַלעקטישער איינהייט פון פאַנטאַסטיק און ווירקלעכקייט וואָס פּרץ וויקלט פאַנאַנדער, ווי אַ ריכטשנור אין זיינע ווערק.

פּרץ ווייסט אַז מיט גלייכהייט מיינט מען צו פאַרניכטן די קלאַסן, „אַז אַלע וועלן גלייך עסן וועלן אַלע גלייך זיין". אייגענטלעך איז דער זעלבער געדאַנק אויסגעדריקט אין פינאַל צו זיין „באַנטשע שווייג" ווען מ'דערקלערט באַנטשען אַז די גאַנצע וועלט איז זיינע, אַז ער קען זיך נעמען וואָס זיין האַרץ גלוסט; ווען מען פרעגט וואָס איז זיין באַגער, און ער ענטפערט: „אויב אַזוי וויל איך אַ טאָקע אַלע טאָג אַ פרישע בולקע מיט פּוטער. דער שטן צעלאַכט זיך טאַקע בייז און שטעכיק, די מלאָכים שמייכלען פאַרשעמט, אָבער פּרץ פאַרשטייט אַז די באַדערפענישן און באַגריפן פון דעם טעמפּן שווייגער זיינען דערווייל קליין, ווייל אים פעלט די מינימאַלסטע עקאָנאָמישע באַפרידיקונג, און זאָל ער נאָר באַקומען זיינס וועלן זיך זיינע באַגריפן און האָריזאָנטן פאַרברייטערן און ער וועט וויסן וואָס צו טאָן מיט דער וועלט, וואָס וועט ווערן זיינע...

שלום עליכם האָט אין איין דערוויזן די פאָלקס־מאַסן, אַז גליק און פרייד זיינען אין דער געזעלשאַפט אין וועלכער מיר לעבן, אַן אילוזיע, פאַנטאַזיעס, ווייל ווירקלעך רעאַל אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז בלויז איין זאַך: מען זאָל ווערן אָפּגענאַרט. די אילו־זאָרישקייט פון דעם גאַנצן מין לופט־לעבן פון דער אָפּנאַרערישער לופט וועלט, דאָס איז די הויפּט־טעמע פון זיין שאַפן.

אין זיין ארבעט וועגן שלום עליכמ׳ס הומאָר ווייזט מ. ווינער אַז שלום עליכם האָט פּיינט צו פאַרענדיקן מיט אַ פריילעכן סוף. ס׳וואָלט געווען אַ ליגן און ניט רעאַליסטיש, עס וואָלט געווען א ווידערשפּרוך צום תוך פון זיין שאפן.

די מעשה וועגן „פארכשופטן שניידער״, וואָס איז ווי א זוניקער שפּאס, און איז דורכגעדרונגען מיט לירישע און אידילישע טענער, איז אין אמת׳ן א שווערע מעלאנכאָלישע וואונדערלעכע פּאָעמע מיט אַן אומענדלעך טרויעריקן סוף. און אייגנטלעך האָט זי גאָר קיין סוף ניט ווייל דער טרויער איז דאָ אָן א ברעג. זי פארענדיקט זיך מיט דעם דיכטערס אַ טרויעריקן מאך מיט דער האנט: „און דער שניידער נעבעך?... און דער היוצא לנו מזה? — און דער מאי־קאָ משמע לן פון דער מעשה? וועט פרעגן דער לעזער. צווינגט מיך נישט קינדער! דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער סוף. אָנ־געהויבן האָט זיך די מעשה זייער פריילעך און אויסגעלאָזט האָט זי זיך ווי דאָ סרוב פריילעכע מעשיות״ („צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור״, 2־טער באַנד).

און ניט נאָר אין „פארכשופטן שניידער״ ווייזט מ. ווינער איז ניטאָ קיין „העפּי ענד״ (א גליקלעכער סוף). „ביי דער לעצטער רעדאקציע פון זיין ראָמאַן „די בלאָנדזשענדיקע שטערן״ איז דער שלוס־אקאָרד פון בוך אין די ווערטער: „א פנים אז קיין גליק איז גאָר ניטאָ אויף דער ערד. עס איז נאָר פאראן דאָס שטרעבן צו גליק״. אזא סך־הכל שטעלט שלום עליכם פאר יענעם פעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע: „כל זמן מענטשן וועלן געוועלטיקן אויף מענטשן, כל זמן מענטשן וועלן ארויסוייזן פון צייט צו צייט אז אין זיי געפינען זיך נאָך סימנים פון חיות״.

דער מתנגדישער טיפּ אין דער יידישער ליטעראַטור

די יידישע ליטעראַטור האָט אירע ערשטע שריט געשטעלט אויפן באָדן פון כלל־לעבן. אַפּגערעדט פון די סאָציאַלע דיכטער, די פּיאָנערן פון דער יידישער פּאָעזיע, מ. ווינטשעווסקי, ד. עדלשטאַט און י. באָוושאָווער, האָבן אויך מענדעלע און שלום עליכם זיך אָפּגעגעבן מיטן יידישן כלל־שטייגער. אפילו ביי י. ל. פּרצן, דעם דיכטער פון אינטראָספּעקטיוון „משוגענעם בטלן", פון שבת־יום־טובדיקן ר' שלמהן (אין דער „גאָלדענער קייט") און פון מילד־הללדיקן נעמיראָווער פון „אויב ניט נאָך העכער" — הערשט, דאָס פאָלקיש־קאָלעקטיווע.

י. ל. פּרץ און שלום אַש אין דער פּראָזע און ח. נ. ביאַליק אין דער פּאָעזיע זיינען געווען אנדערש פון זייערע פאָרגייער דערמיט, וואָס להיפּך צו די ערשטע האָבן זיי ניט געזוכט צו באהאלטן די פּערזענלעכקייט מיט אירע יחידישע געפילן, שטימונגען, איינדרוקן און קאַפּריזן. עס מוז אָבער באַמערקט ווערן, אַז פון די דריי גרויסע קינסטלער, — י. ל. פּרץ, ח. נ. ביאַליק און שלום אַש — האָבן מיר בלויז ביי ביאַליקן מאָטיוון פון פאָרמאַליסטישער פּערזענלעכקייט און כאַראַקטער אין א קינסטלערישן תיקון. דער געדאַנק ווערט קלאָר, ווען מיר באַטראַכטן דעם אופן ווי אַט די אַלע דריי באַהאַנדלען די צוויי קעגנגעזעצטע אידעען און שטרעמונגען: חסידות און מתנגדות.

אז אין פּרצן האָט זיך אָפּגערופן דאָס דערהייבנדיקסטע פון חסידיזם — איז גוט באַקאַנט. פּרצעס „חסידיש" בלייבט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי דער ערשטער קינסטלערישער צוגאַנג צום חסידיזם. אינעם יסוד פון די פּרצישע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשיות איז אָבער געלעגן בעיקר די רעליגיעזע פאָלקס־מעשה. אמת, ער האָט די חסידישע מעשה פאַרפיינערט, באַוואוסט־זיניק פאַרקינסטלערישט, אָבער ניט אַלע מעשיות, רביים און העלדן

פון „חסידיש" זיינען געמייסטערט ווי מענטשן מיט שטאַרקע כאַראקטן און אייגענעם, אַנגעלאָדענעם ווילן.

פרצעס „ר' נחמנס מעשהלעך" זיינען געווען א וועג צו פאַראייביקן די שיינקייטן פון בראַסלעווער חסידות. אין די מעשיות איז די סימעטריע, דער אָטעם און אימפעט פון דערציילן און דער עיקר — דער ניגון. אָט דער ניגון אָדער „גלגול פון אַ ניגון", וואָס האָט אַזוי פאַרכאַפּט פרצן און זיין דור. איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס פון די „צוויי בערג" ווערט דער ביאַלער, דער פאָלקס־טיפּ, וואָס ווארפט ניגונימלעך איופן מאַרק און די חסידים כאַפּן זיי אויף — מער פארקריצט אין זכרון ווי די טרוקענע, קאַלטע, שאַרף־קרישטאָלענע תורה פונעם בריסקער רב. צו געבן די נשמה־מוזיק פונעם לומדישן בריסקער, ארויסציען די לירישע טענער פון מתנגדישע פרומקייט האָט מען אַליין געדאַרפט זיין א תלמיד פון בריסקער, לערנען אין זיין בית־המדרש אָדער ישיבה.

אין „חסידיש" האָט פרץ תלמידים, יורשים. זינט פרצן איז אויסגעוואַקסן א גאנצע חסידישע ליטעראַטור אין העברייאיש און יידיש. א חוץ גאַנצע ווערק, דערציילונגען, ראָמאַנען, האָבן מיר ביז איצט אין יעדער צייטונג, אין יעדן זשורנאַל עסייען, פאָרשונגען, לידער, לירישע אויסגוסן איבער חסידות. וועגן די שטרענגע, ערנסטע מתנגדים, וועגן די מענטשן מיט די הויכע שטערנס און שארפע מוחות, וואָס האָבן געצויגן די קייט, געשפונען די פעדים, די גאָלדענע אָדער שפּינוועביקע — ווי מען וויל — וועגן די גאונים, — כמעט קיין וואָרט ניט.

באַטראַכט מען די זאַך פון אויבנאויף איז עס גאַנץ נאַטירלעך..

דער חסידיזם איז איינע פון די רעליגיעזע באַוועגונגען ביי יידן. ער איז געקומען ווי א רעאַקציע צום קאַלטן שכל פון רבנישן יידנטום, וואָס האָט זיך אוועקגענויגט אַן דער זייט פון פלפול, פונעם סכאָלאַסטישן דענקען און פילן, וועלכע איז פרעמד געווען דעם פּראָסטן יידן, וואָס האָט ניט געקענט נאָכגיין דעם שטרענגען און פאַרשפּיצטן לערנען און דענקען. ס'איז אויך נאַטירלעך געווען, אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל אין די מתנגדים ניט זען מער ווי מענטשן

וואָס האָבן זיך ארומגעגנומען מיט א געוועב פון קאַלטע דאָגמען, פון קאָפּ און מנהג; זיי האָבן ניט געקענט רעדן צום הארץ פון קינסטלער.

אין די געשטאַלטן פון ביאלער און נעמיראָווער איז פאר פרצן געווען לייכטער צו אַנטפּלעקן אי זיך אַליין, אי די טיפסטע פאָלקס־באגערן. ווי ווייט פרץ און זיינע מיטצייטלער איז נאָכגייער זיינען שוין ניט געווען פון דער השכלה, האָבן זיי נאָך א סך פון אירע אידעען אָנגעווענדט אין זייערע קונסט־באגריפן, און די השכלה האָט דאָך אין רבניזם, אין זיינע טרעגער און אין זיין שאפן געזען בלויז גרויען און שווערן פאָרמאַליזם.

אונזערע מאָדערנע וואָרט־שאַפער — פרץ און אַנדערע — וויפיל זיי האָבן ניט געוואָלט אַנשלאָגן אין די עולמות־העליונים, אין די העכערע וועלטן, זיינען זיי אין עצם געווען איינפאך, האַרט ביי־דער־ערדיק. איז ווי זשע האָט זיי געקענט לאָקן די מתנגדישע געשטאַלטן, אַזעלכע פיגורן ווי, לאָמיר זאָגן, דער ווילנער גאון, דער דובנער מגיד, אָדער דער בריסקער רב?

אין דער מחשבה און אין דער פאַנטאַזיע פון א פרץ און אַן אַש האָט דעם ווילנער גאונס געשטאַלט ניט געקאָנט פלעמלען מיט א באַזונדער צוציאונגס־ליכט. אמת, מ׳האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאר דער גאונישער פיגור און אירע נאָכפאָלגער, דער בריסקער רב און די געציילטע מתנגדישע טיפּן אין אַש׳ס ווערק (זע ס׳קאפּיטל „אין דאָס לאַנד פון דער יידישער נשמה" אין אַש׳ס „תהלים־ייד"). אָבער זייער בליק, זייערע אַנשויאונגען און זייערע פאָרמאַליסטישע כאַראַקטערן האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדערן רייץ.

דאָ האַנדלט עס זיך נישט וועגן דעם שרייבערס סימפּאַטיע צו דער אידעע פון רבניזם אָדער מתנגדיזם. עס האַנדלט זיך דער עיקר וועגן קינסטלערישן נייגער פונם שרייבער. ביים באשרייבן א העלד מוזן געגנומען ווערן אין אַכט צוויי מאָמענטן: דער עמאָציאָנעלער און אינטעלעקטועלער. וואָס איז שייך דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט האָט דער ווילנער גאון, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן אין די פיר איילן פון זיין תורה־געצעלט, ניט געקענט באפליגלען די פאַנטאַזיע פון די קלאסיקער. זיי האָט אפילו ניט פאראינטערעסירט דעם ווילנער

גאונ׳ס עקשנות׳דיקער ווילן און ברען, די דראַמאַטישע פּונקטן פון זיין לעבן, זיינע חרמות און קללות אויף די חסידים, וואָס איז אַ פאַרביק קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע פון אכצנטן יאָרהונדערט.

עס איז אינטערעסאַנט: דער גאַנצער העלדן־מאַטעריאַל פון אַשס ראָמאַנען באַשטייט פון מענטשן וואָס ווערן געפירט פון אַזאַ מאָראַלן כוח וואָס דערלאָזט נישט די שטייפע דאָגמע, די באוואוסטזיניקע כאַראַקטער־אייגנשאַפט, צו ווערן דער איינציקער דאָמינירנדיקער כוח אין זייער לעבן.

אַשס טיפּן זיינען ביי זייער גאַנצער גייסטיקייט, צו ערדיש־מענטשלעך זיי זאָלן געפירט ווערן פון אַ שטאַרקן ציל־באַוואוסטן ווילן צו דערגרייכן די הימלען פון מאַקסימאַלער עטישער שלימות (אַן אויסנאַם איז נאָר דער קאַצקער פון „תהלים ייד״). מתנגדישע טיפּן זיינען, להיפך צו די חסידישע, מער גאַנץ און אויסגעהאַלטן, און אַשס העלדן זיינען מענטשן וואָס גייען פון מדרגה צו מדרגה.

„אַזוי זיינען מענטשן,— טראַכט זיך ר׳ שלמה נגיד, ווען מען רופט אים אין שטעטל בעל עבירה — דער מענטש איז זינדיק, און גאָט איז דאָ אַז ער זאָל מוחל זיין אונדזערע זינד און גאָט איז מוחל! וואָרים ווי האָט דען דער מענטש געקענט לעבן, אַז אַ גאָט וואָלט ניט געווען קיין אל רחום וחנון״.

דער זעלבער מאָטיוו פון אמונה און מחילה ווערט איבערגע־חזרט כמעט אין אַלע ווערק פון ש. אַש. דער גאָסטינינער רב האָט אַמאָל געזאָגט צו שלמה נגיד, אַז אַ ייד אָן אַן עבירה איז גאָר ניטאָ. אַ ייד דאַרף אַלץ פילן אויף זיך, אי רעגן, אי ווינט און אמתער ייד. א ייד דאַרף אַלץ פילן אויף זיך, אי רעגן, אי ווינט ווי דער בוים אויפן גאַס.

יחיאל, דער פאָלקס־צדיק, דער הויפּט־העלד פון „תהלים ייד״, „האָט פון זיין קינדהייט אָן געפילט דעם עול וואָס איז געפאַלן אויף אים״. ער איז ניט אַנטלאָפן, ווי דער ווילנער גאון, זיך ניט באַהאַלטן פון דער וועלט מיט אירע פינצטערנישן. ער איז, ווי דער קינסטלער אליין זאָגט, „נישט קיין קדוש וטהור און קיין פּרוש קען ער אויך נישט זיין, ער קען נישט צעברעכן די תאווה... אַלץ, וואָס

ער קען טאָן, איז — די תאווה רייניקן דורך דער גוטער כוונה״. איז ער א שלמה נגיד אויף א ניט אַן ערך העכערער מדרגה פון מאָראל און קונסט.

קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, אז אַ ווילנער גאון אָדער א בריסקער רב זאָל אזוי טראכטן? האָבן דאָך די מתנגדישע גאונים געקעמפט קעגן קעגן דער אידעע פון היילי̈קן דעם חומר, קעגן רייניקן די תאווה, איז דאָך זייער ציל געווען ניט די כוונה,נאָר די פאָר־מאליסטישע מצוות מעשיות.

דעם תהלים יידס לעבנס־מאָטיוו איז רחמנות. „יעדעס מענש־לעכע אומגליק, יעדעס לייד, יעדע נויט האָט זיין האַרץ צעריסן און צעלעכערט״, בשעת דער ווילנער גאון און זיין חבריא, האָבן פאַר־שלאָסן זייער האַרץ פאַר רחמנות ווען עס האָט זיך געהאלטן ביים ברעכן די מינדסטע דינים און סייגים (אָפּצאָמונגען).

לאָמיר דאָ, פארבייגייענדיק, זיך אָפּשטעלן אויף ביאַליקס באוואוסטער און פּראכטפולער ארבעט „הלכה און אגדה״, אלס צוויי מאַניפעסטאַציעס פונעם מענטשלעכן שעפערישן גייסט, אָדער ווי ביאַליק אליין דריקט זיך אויס, אלס צוויי „סטילן״, און זען ווי מען קען דאָס זעלבע אָנווענדן אויף די צוויי פארשיידענע כאַ־ראקטער־טיפּן — די חסידים און מתנגדים.

ביאַליק הייבט אָן יענע ריטמישע עסיי, וואָס האָט דעם קלאַנג פון גינגאָלד, מיט די ווערטער:

„די הלכה האָט א צאָרנדיק פנים, די אגדה — א שמייכלענדיק פנים. די — איז א שטרענגע, א האַרבע, האַרט ווי אייזן — מדת הדין; די איז מוחל אויף דאָס איריקע, א לייכטע ,א צאַרטע — מדת הרחמים. די — אז זי מאַכט א גזירה — איז זי אומקאָמפּראָמיסלעך; איר יאָ — איז יאָ, איר ניין — איז ניין; און די האַלט זיך אָן עצה און רעכנט זיך מיט די מענטשלעכע כחות און כאראקטער״ (איבערזעצט פון י. י. שוואַרץ).

ביאַליק ווייזט מיט אַ סך קראַפט, אַז עס איז אין דער אמת׳ן קיין גרויסער אונטערשייד ניטאָ צווישן הלכה און אגדה און אַז די מענטאַליטעט פון די בעלי הלכה איז ניט אנדערש פון די מקו־

בלים און פייטנים, און אז די געפילן פון גערעכטיקייט און רחמנות אפילו נאָכדעם ווי זיי זיינען פארקערפערט געוואָרן אין שריפט, ניט פאַרשטיינערט געוואָרן. ווען עס האָט זיך געפאָדערט האָבן בעלי הלכה, ליטווישע גאונים, מתנגדים, זיך ניט אָפּגעשטעלט פון „בויגן" דעם דין, דעם געזעץ, זיך אָפּט אָפּגעזאָגט פון שטרענגן, הארבן דין — „מדת הדין" — צוליב די תביעות פון הארצן — „מדת הרחמים".

באַטראַכטן מיר אין ליכט פון ביאַליקס געדאַנק אזא ווי ר' יצחק אלחנן, און נאָך אים דער שוין כמעט־לעגענדאַרער „פשוטער ייד", דער „חפץ חיים", זיינען זיי דאָך געווען פאָלקס־מענטשן און לויטערע עטישע געשטאַלטן.

די סביבה פון רביים, חסידים און רבנים אין די ווערק פון י. י. זינגער, באַזונדערס אין זיין ראָמאַן „יאָשע קאַלב", זיינען געגעבן קאַלירפול, בולט (בוילעט) און לעבעדיק. ווי זעט אויס די מתנגדישע פערזענלעכקייט אין זינגערס ווערק?

אָט איז, א שטייגער, ר' שכנא דיין, זיכער איינער פון די גע־לונגענסטע פיגורן אינעם בוך „יאָשע קאַלב". ר' שכנא וויל ווייזן דער וועלט, אז נחומטשע, וועלכער האָט זיך אומגעקערט צוריק צו זיין ווייב, דעם ניעשאַווער רבינס טאָכטער, נאָכדעם ווי ער האָט 15 יאָר נאָכאַנאַנד געפּראַוועט גלות, — איז דער זעלביקער, וועלכער איז געשטאַנען אונטער דער חופה אויפן בית עולם מיט צביהן, קנה דעם שמשס טאָכטער אין ביאַלאָגורע בעת דער מגיפה. ר' שכנא איז אַן איינגעשפּאַרטער ייד, אָבער ער איז, ווי זינגער אליין זאָגט, „א זוכער פון גערעכטיקייט, אויף זיין אופן, און ער פירט זיין ביטערן קאַמף קעגן דעם ניעשאַווער הויף מיט אמת'ן ברען און מסירת נפש: „ער האָט זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, ער איז געגאַנגען צופוס, געגעכטיקט אין בתי מדרשים, געהונגערט און גע־פירט מלחמה קעגן ניעשאַווע, קעגן גרויסן, שטאַרקן, מעכטיקן ניע־שאַווער הויף". אָבער ער האָט עס געטאָן, ווייזט זיך אויס, ניט לשם שמים, און זינגער ווערט ווייניק נתפעל פון ר' שכנאס „זוכן יושר".

פונקט ווי ער וואָלט באמת זיין בלויז א מחרחר־ריב, א קריגער. ער מאָלט אים ווי א „יידן א כעסן, וואָס תמיד איז ביי אים די רויטע נאָז זיינע פארקאָטערט און ער הערט ניט אויף שנייצן זי אין א גרויסער רויטער קעשענע־פאטשיילע״ און זיין כעס אויף ניעשאָווע נעמט זיך דערפון וואָס „נאָך ר׳ מאירל, דעם רבס טויט אין ביאַלאָגורע, האָט ער, ר׳ שכנא, געוואָלט איבערנעמען דאָס רבנות אין שטאָט אָבער די ניעשאַווער חסידים האָבן אים ניט געוואָלט צולאָזן צום רבנות א.אז.וו.״. אלץ פערזענלעכע פניות.

ר׳ שכנא דייַן געלינגט „אויפצורודערן די רבנים״ קעגן ניע־שאַווער רבין, און פאַרוואָס גיט זיך עס אים איין? ווייל ער האָט זיי באוויזן די ירידה פון חסידות, די דעגענעראציע פון אלטן רבין, דאָס פוילע שטרוי, וואָס קלעפּט זיך אויפן הויף? ניין, די רבנים האָבן זיך צוגעהערט צו אים דערפאַר ווייל זיי האָבן אויך געטראָגן א הארץ אויפן ניעשאווער, וועלכער „האָט זיי די גרעסטע צרות אָנגעטאָן. אומעטום אריינגעזעצט משפחה. דאָס האָט די רבנים שטאַרק פאַר־דראָסן און די מעשה יאָשע קאַלב האָט זיך זיי גוט אונטערגערוקט. עס האָט זיי נישט געלאָזט איינזיצן אויף די הויכע שטולן״. די רבנים האָבן זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט א קעגנער — קיין שום פּראָטעסט־מאָטיוון קעגן דער פארפוילטקייט פון חסידישע דינאסטיעס.

און געוועזן זיינען עס ניט קיין געוויינלעכע רבנים. אויך פאַר זיי האָט זינגער ניט קיין שום סימפּאַטיע.

„עס איז געקומען דער אייזערנער קאָפּ פון דינאַבורג, א יידל א דיקס, א קיילעכדיקס, וואָס סיי מיט זיין אויסזען, סיי מיט זיין אָנטאָן זעט ער אויס ווי א קרעמערל, אָבער אויגן האָט ער גרויסע, ווילדע, וואָס שטייען ניט אויף קיין רגע נישט אויף איין אָרט, לויפן הין און צוריק ווי וועלף אין א שטייג. עס איז געקומען דער לובלינער גאון, אן אלטער מאַן מיט א ווייסער באָרד ביזן גאַרטל, ענלעך צו אברהם אָבינו, וואָס גויים מאָלן אויף די בילדער. עס איז געקומען דער ליוזשאַנער, א ייד וואָס קיין למדן איז ער נישט אזא גרויסער, אָבער ער מאַכט א סך ספרימלעך, אָן א שיעור ספרימלעך, אין וועלכע ער האלט אין איין פארבאָטן, אין איין שרייבן, אז מען טאָר

נישט. שוין לאנג ווילן יידן צו אים פאָרן, פאַר א רבין אים מאַכן, נאָר ער וויל נישט".

איך וועל ברייגנען אן אנדער מוסטער פון „יאָשע קאַלב", דער רב ר' מאירל. די פאקטן וואס י. י. זינגער גיט איבער, ווייזן אז ר' מאירל איז, ניט־קוקנדיג אויף זיין אָבער־גלויבן, א ליכטיקע געשטאַלט. אביש קצב מיט זיינע יונגען ברענגען די „זינדיקע" צביה אין בית־דין שטיבל, ווארפן זי אויף דער ערד און לאָזן זי ליגן. אָבער ר' מאירל זאָגט: „ניט מיט תקיפות". עטיש און איידל באַגייט ער זיך מיט יאָשע קאַלב, ווען מען האָט אים געבראכט א צעשלאָגענעם, א פארבלוטיקטן: „ער האָט אָנגענומען דעם צע־בלוטיקטן יאָשען פארן ארבעל, ארויסגעפירט אים צום פעדערהויז, וואו ס'שטייט דאָס פאָס וואסער, און אליין אים אויפגעגאָסן וואָסער פון דעם קופערנעם שעפּער אויף די הענט".

זינגער פארלייקנט ניט ר' מאירלס עטישקייט, זיין נשמהדיקייט, אָבער ער באַשטראלט ניט ר' מאירלס גייסטיקע שיינקייט. מיר האָבן דעם איינדרוק אַז אַזאַ גייסטיקע שיינקייט עקזיסטירט גאָרניט ביי די געשטאַלטן און אז אויב זי עקזיסטירט, אז ניט כדאי צו ווייזן אזעלכע זאַכן וואס זאָלן דעמאָנסטרירן אַז מתנגדישע אָדער פאָר־מאַליסטישע כאַראַקטערן זיינען מסוגל אויפצוהייבן זיך איבער זיך אליין.

וואו עס איז דאָ נשמה דארף אויך זיין עלית נשמה, אָבער דאָס איז א זעלטנקייט אין זינגערס פראָזע און אויך אין די ווערק פון י. אָפּאַטאָשו. אָפּאַטאָשוס, ווי זינגערס ,רבנים האָבן אינסטינקטן, עמאָציעס, תאוות, גלויבונגען און אומגלויבונגען, אָבער מיר זעען זיי נישט אין דער וועלט און אין די ספערן פון זייערער העכערע און אינטולעקטועלע עטישע עקסטאַזן. מיר הערן ניט פון זייערע ריין־רוחניותדיקע איבערלעבענישן, פון זייער התלהבות, דביקות, מסירת נפש.

אין „פוילישע וועלדער" איז דעם העלדס זיידע, דער רב ר' משה, לאַין־ערך קלענער ווי ר' איטשע מקובל. ר' משה — דערציילט אונז אפּאַטאָשו — איז אין תוך געווען א מתנגד, געטראָגן א שנאה

אויף חסידים שוין פון יאָרן, „דער רב איז תמיד געזעסן און גע־לערנט, פיינט געהאַט אַן עם־האָרץ און דער עיקר גְעווען פרום ביז משוגעת. פאר דער קלענסטער זאַך האָט ער גערודפט די שענ־סטע באַלעבאַטים פון שטאָט, זיך נוקם ונוטר געווען, אזוי אַז אַלע האָבן זיך געשראָקן פאר אים. יעדן פרייטאָג איז ער געגאַנגען מיטן שמש פון געוועלב צו געוועלב, פּרובירט יעדע וואָג, יעדעס געוויכט און נישט ביי איין קרעמער האָט ער צוגענומען די געוויכטן, גע־שטראָפירט מיט געלט. פאר ליכט־צינדן האָט ער תמיד געעפנט אין בית־דין שטוב א קופערט געשמידט מיט מעש, איבערגעציילט די נדנס, וואָס אָרעמע חתן־כלה האָבן ביי אים איינגעלייגט״.

אין זיין בוך „מענטש און חיה״ האָט י. אָפּאַטאָשו א דערציילונג „נסים״, וואו דער העלד איז דער גאון און קנאי ר׳ יעקב עמדין. אָפּאַטאָשו שילדערט דעם דריי און צוואַנציק יעריקן ר׳ יעקב „אין א געהויבענער שטימונג״... ער שטייט איין ביי זיין פעטער וואָלף אין פּראָג. „דער פעטער מיטן ווייב זיינען אוועקגעפאָרן אויף יאריד. אין הויז איז געבליבן שרהלע ,דעם פעטערס יינגסטע טאָכטער״ און דער פרומער גאון איז געבליבן מיט איר אליין. א יונגער רב, לאַנג שוין פון דער היים און אליין מיט א יפת תואר, א שוועסטער־קינד, וואָס פאר א פּראכטפול בילד פון עמאָציאָנעלער שטייגונג און גייס־טיקער גבורה דאָס איז! טריי צו דער סכעמע פון ר׳ יעקבס אייגענער באַשרייבונג אין זיין אויטענטישן בוך „מגילת ספר״ לאָזט אויך אָפּאַטאָשו דעם גאון ניט געשטרויכלט ווערן אין זינד, אָבער ער ווייזט בלויז, אַז דער גאון האָט פאַרמאָגט אינסטינקטן. ער דערציילט ווי „ער איז צעמישט געוואָרן, דאָס יונגע בלוט האָט זיך אין אים אַ גאָס געטאָן פון די פיס אין די הענט אריין, פון די הענט אין די שלייפן״ און ווי ער איז געלעגן אונטער דעם קישן און „מיט א שווערן זיפץ גענומען זינקען צווישן די פוכנע דעקעס״. דער שריי־בער וויל זיך ניט הייבן מיט דער רבניש אינטערעסאנטער פיגור אויף די געפערלעכע העכערע טרעפּ, וועלכע ער, דער גאון, האָט גובר געווען, אויף די טרעפּ פון ר׳ יעקבס נשמה. עס איז אזוי ווי א רעאַליסט וואָלט מורא געהאַט זיך א גריבל צו טאָן אין די פּסיכאָ־

לאַגישע אָפּגרונטן פון א גאון וואָס באהערשט זיין חומר, באצווינגט זיין אינסטינקט. אַפּאַטאָשו האָט ניט דערמאָלן ביזן סוף די עלית־נשמה פון יעקב עמדין, ער האָט פארקערפערט דעם גוסט פון מתנגד, ניט זיין גייסט. ....

גרויס אינטערעס צו דער געשטאַלט פון פאָטער פון מתנגדיזם ביי יידן, ווייזט ארויס ז. שניאור אין זיין ראָמאן „קיסר און רבי״, ועמענס צווייטער טייל טראָגט טאַקע דעם נאָמען „דער ווילנער גאון״.

די באַשרייבונג פון עפּענען די לאָדן אין אויבערשטיבל פון ר׳ אליהו, מיט וואָס עס עפנט זיך דער צווייטער באנד פון ווערק גיט אַ קלאָר בילד וועגן דער געשטאַלט פון דעם אַסקעטישן גאון, וואָס זיצט איינגעשלאָסן אין זיין חדר און לעבט אין דער וועלט פון די תנאָים און פארצייטיקע גאונים. דער ווילנער גאון קוקט ניט אויף דער וועלט. „א שטראַל פון דער זון קען פאַרפירן, א שטיקל בלויער הימל קען זיין אָנגענעם פארן אויג׳ — דאָס אויג איז א אַ מעקלער פאר זינד, א „סרסור לדבר עבירה״, אָבער אין די גייס־טיקע ספערן ווערט ער דאָך דורכגעדרונגען מיטן צייט־גייסט. אָט לערנט ר׳ אליהו די גמרא גיטין, דעם דין וועגן „עבדים משועבדין און בני חורין״ (פארשקלאפטע און פרייע) און אין זיין מוח רופט זיך אָפּ אַ צייטיקע אַסאָציאַציע „בני־חורין, בני חורין״ — די פראנצויזישע רעוואָלוציע״...

מער ווי אין דער פּראָזע האָט די פּאָעזיע אָפּגעשפּיגלט דעם מתנגדישן טיפּ. צו די ערשטע לידער פון אברהם רייזען געהערט די „יידישע טרער״ (1896) — „עלעגיע אויף דעם טויט פון הרב הגאון ר׳ יצחק אלחנן״. די עלעגיע איז ניט געשריבן אינעם גוסט פון אַ פאָלקס־ליד מיט ניגונים ווי ״מאי־קא־משמע־לן״ און „וואָס־זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא״.

די ישיבה האָט פארנומען אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור א חשובן פלאַץ. פּרץ סמאָלענסקי, י. י. לינעצקי, אברהם רייזען און אַנדערע האָבן געשילדערט און באזונגען די ישיבה און דעם ישיבה בחור. די שילדערונגען און אויך די לירישע

געזאַנגען זיינען אָבער געווען דאָס רוב טענדענציעז. די השכלה־שרייבער האָבן איראָניזירט איבערן ישיבה בחור און קלויזניק, זייער ציל איז געווען ארויסצושלעפן דעם ישיבה־בחור פון די ישיבה־ווענט צו אנדערע וועלטן, עפענען פארן „קלויזניק" נייערע, ברייטערע האָריזאָנטן. זיי האָבן דעריבער אָדער געטאַדלט די ישיבה (סמאָלענסקין, לינעצקי), אָדער זי באקלאָגט. מאָנכע האָבן געהאַלטן אַז די ישיבה געהערט שוין צו אַ וועלט פון שאָטנס.

ביי דעם מילד־רחמימדיקן אברהם רייזען ווערט דער ישיבה־בחור און קלויזניק ארויסגעבראכט אין א גוטמוטיקן טאָן פול מיט ליריזם, ווי דער קינסטלער וואָלט געבעטן פארגעבונג פאר זיינע העלדן, וואָס זיי זיינען אזוי נעבעכדיק; דערפון ליידט אָבער ניט דאָס בילד, די גוטמוטיקייט און דער ליריזם. עס ווערט אונטערגעשטראָכן זיין מענטשלעכע באציאונג צום בחור אין בית־מדרש.

וואָס זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא ?
קלויזניק בלאסער, קלויזניק ליבער,
און דיין וויינענדיקער ניגון
אין מיין הארצן גייט אריבער;
און דו האָסט זיך איצט דערמאָנט אלץ
און דו קאָנסט עס ניט פארטראָגן,

....

און ביי רבאָן ביי רב פפאן
ווילסטו איצט דיין וויי אויסקלאָגן?

....

הייב זשע העכער אויף דעם ניגון,
שטארקער העכער דריי די טרעלן!
וועסט דיין בענקעניש פארגעסן
און דער הונגער וועט ניט קוועלן...

חיים נחמן ביאַליק האָט אויך געוויזן די שאָטנס פון דער ישיבה, אָבער אליין א תלמיד פון וואָלאָזשין, האָט ער אין זיין מייסטערישער גרויסער פאָעמע „המתמיד" ארויסגעוויזן א קינסטלעריש

שעפערישע און אינטימע נאָענטקייט, ניט נאָר צום מתמיד נאָר אויך צום ראש הישיבה.

ביאַליקס אייגענע באַציאונג צו דעם מתנגדיש־ליטווישן טיפּ גאון מערקט מען דורך די לירישע ווענדונגען, וואָס טויכן אויף אינעם גאַנג פון דער פּאָעמע. דעם מתמיד, וואָס פאַרברענט זיין יונג לעבן אויפן מזבח פון דער גמרא, לאָזט ער באַשטראַלט ווערן פון א סענטימענטאַל־עמאָציאָנעלן הינטערגרונט, די באַציאונג פון זיין אלטן רבין, דער באַוואוסטער רבי הירש לייב וואָלאָזשינער:

„נאָר איינער איז דאָ וואָס הערט איין זיך אין שטילקייט
צום קלאָגענדיק קול פון דעם מתמיד, זיין זאָרגן;
צום טרערן געוויין און צום שמערצלעכן ניגון,
וואָס שוועבט אויף די פליגל פון פריאיקן מאָרגן —
דער ראש הישיבה, דער אלטער און גרויער
סאיז תמיד זיין אויער צו הערן אים אָפן —
עס לאָזט אים די פריאיקע שטים פון דעם מתמיד
דער פּיפּס פון זיין פויגל, עס לאָזט אים נישט שלאָפן.
ער ליבט דאָן צו הערן דעם קול פון דעם מתמיד
אין שטילקייט ווען ס׳פליען די קלאַנגען און שוועבן —
דאָס הערט ער דעם אָפּקלאַנג פון אייגענער יוגנט,
דאָס זעט ער די קייט פון זיין גייסטיקן לעבן.
און ס׳קייקלען אַראָפּ זיך צוויי טרערן ווי פּערל
און פאַלן אין שניי־ווייסער באָרד טיף אריין;
פון יינגל מיט עפּעס א כשופדיק שיין״. ....

אין ביאַליקס „המתמיד״ האָבן די ישיבה און אירע געשטאַלטן באַקומען זייער קאָלאָריט, ניגון, מעלאָדיע.

א. ליעסין איז געווען א יידישער ביאַליק, אָן ביאַליקס וואָרט־דערפינדערישקייט און פּאָעטישער ליכטיקייט. דער ליריקער ליעסין איז ניט געווען אזא שטראָפער ווי ביאַליק, ער האָט אָבער אײַנ־איינעם מיט זיינע העלדן־געשטאַלטן אויך ארויסגערופן די גדויסע מתנגדישע געשטאַלטן פון ווילנער גאון און די מוסרניקעס.

ליעסין איז געווען איינער פון די באַוואוסטזיניקסטע דיכטער.

דער בלינדער עמאָציאָנעלער אויסדרוק איז נישט דער פּסיכישער מעדיום פון זיין שאפן. ביי זיין גאנצער לירִיק האָט ער געהאַט אין זיך די פולע ניכטערקייט באוואוסטזיניק צו שאצן די עלעמענטן פון זיין פּאָעזיע און אירע קאָלירן.

כדי צו פארשטיין ליעסינען, דעם אינהאלט פון זיין ליד, דארף מען גיין צו זיין לאנד, צו זיין שטאַם און צו דער סביבה, אין וועלכער ער האָט פארבראכט זיינע יונגע יאָרן.

אין א בריוו צו ב. ריוווקין האָט ליעסין אָנגעגעבן די הויפּט־שטריכן פון זיין ביאָגראפיע (ב. ריוווקין, „יידישע דיכטער אין אמעריקע״). זיין עלטער־זיידע אין 18־טן יאָרהונדערט איז געווען ר׳ רפאל כהן, וועלכער איז שפּעטער בארימט געוואָרן אלס ר׳ רפאל האַמבורגער, מחבר פון ערשטן מוסר־ספרל „מרפא לשון״ קעגן רכילות און לשון הרע. אין זיין שטאַם זיינען ווי ב. ריוווקין שרייבט געווען טיפּישע פארטרעטער פון דער אויבערשטער ליט־ווישער אידישקייט בעלי־שכל און בעלי־תכלית. די גאונות פון זאמ־לען, פון איינהיטן און אויפקלערן, וואָס גאונות האָט באשאַפן. זיין פאָטער אין לערנען א נאָכפאָלגער פון דעם ווילנער גאונס שיטה, וואָס שטעלט פּשט איבער פּשטלען; מיט א רעליגיעזיטעט, וואָס שטייגט אריבער די וואָכעדיקע פרומקייט — אָ געלייטערטע, פריי פון יעדער פאלשקייט, געמאַכטקייט ארויסווייזעריי — דארום אויך א הייסער אָנהענגער פון ישראל סאַלאַנטערס מוסר־שיטה״.

זיין יוגנט האָט ליעסין פארבראכט אין וואָלאָזשין און אויך אין סלאָבאָדקע, וואו ער האָט אָנגעזאַפּט אין זיך דעם מוסר־ גייסט.

דער פרומער פּעסימיזם און לירישער אסקעטיזם פון מוסר האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויפן דיכטערס געמיט. ליעסינס נטיה צו עטישן פּעסימיזם איז אזוי ארום געוואָרן איינע פון די גרונט־עלע־מענטן אין זיין דיכטערישן מאַטעריאַל. די דאָזיקע מוסר־נייגונג האָט ער אויסגעדריקט ניט אין איין ליד. אויף זיין וועג צו מוסר און השכלה און יידישן סאָציאליזם האָט ער מיטגעטראָגן זיין מוסר־מאָטיוו און מוסר־ניגון.

אין זיין ליד „רעפלעקסיעס״ (פון דער סעריע לידער וועגן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע טריט אויף דער יידישער גאַס אין רוס־לאנד) זאָגט ער:

אָנשטאָט דעם „ראשית חכמה״, לעז איך מירטאָווס בריוו,
און וידער גריבל איך זיך אומרואיק און טיף,
און מיטן זעלבן סומנעם מוסרדיקן ברומען,
און מיטן זעלבן מתים־ליכט מאָטיוו״.

די מוסר־ספרים, דאָס סלאָבאָדקער מוסר־שטיבל, האָבן אריינגעפּאָמפּעט אין אים נאָכאַנאַנד די געפּרעסטע עבר־לופט, און ער האָט זיך פון פון דער שטימונגס־לופט ניט געקענט באפרייען. אין א סך לידער געפינט זיך דער אָפּקלאנג פון 'סומנעם מוסר־ניגון״. אין ערגעץ האָט ער אָבער ניט אויסגעדריקט אזוי קלאָר דעם מוסר־געמיט ווי אין די לידער וועגן אלטן מוסר־שטיבל און „אין גאונס קלויז״.

די שטראַליקע גבורה פון לייטערונג און רעליגיעזן אַסקעטיזם פון ווילנער גאון קומט צום אויסדרוק אין די פערזן:

„איך האָב אין זיין נשמה א געזאַנג דערהערט,
פון קדושים־דורות אויסגעליכטיקט, א געזאַנג.
און פּאַרכטיק האָט מיין הארץ מיין זינגענדיקס באַגערט
אים דורכצוציטערן, דעם אָפּקלאַנג פון זיין קלאַנג.
און מיינע ווערטער האָב איך אין געזאַנג פארוועבט,
אין מיטן פון די שאָטנס אויפן באַנק ביינאַכט,
און זעלטן האָב איך פרעכטיקערס דורכגעלעבט,
ווי דעמאָלט, ווען איך האָב אין גאונ׳ס קלויז געוואַכט״.

גאון גייט ביי יידן צוזאַמען מיט צדיק, און דעם ווילנער גאון, די אויטאָריטאַטיווע אינטעלעקטועלע פערזענלעכקייט, פארבינדט ליעסין פסיכאָלאָגיש מיט זיין רעוואָליוציאָנערן פרייהייט־עקסטאַז.

אין זיין גרעסערער פּאָעמע „דער גייער״ ברייננגט מנחם באָריישאָ ניט ווייניק חסידישע און מתנגדישע געשטאַלטן צווישן זיי אויך דעם ווילנער גאון און דעם בריסקער רב.

אַט ווי דער דיכטער גיט איבער דעם עטישן געמיט פון מת־נגדישן גאון.

דער בריסקער רב ר׳ יהושע לייב דיסקין בלעטערט אין זיין בית־דין שטוב א ספר פון קאָוונער רב ר׳ יצחק אלחנן, וועמענס נאָמען עס „קלינגט ווייט און ברייט״.

ר׳ יצחק אלחנ׳ס גרויסקייט, ווייסט ר׳ יהושע לייב, נעמט זיך פון דעם וואָס —

דער גרויסער מקיל איז ער, האָט אויף אלץ א היתר
איז מתיר באָב און אַרבעס פסח אין א הונגער־יאָר,
און ער יהושע לייב, איז א האַרבער מחמיר,
און וועט דין נישט אָפּטרעטן א האָר. ......

פאַר וועמען אָבער האָט ער יהושע לייב געליטן,
כאָטש ניט דערוועגט זיך מתיר זיין אויף פסח באָב?
נישט פאַר זיין כבוד, נישט פאַר גדלות חס ושלום
....
פאַר יושר, פאַרן אָרעמאַן און אביון קומט ער אָפּ.
ער האָט פאַרדינט זיין שם... כאָטש ס׳וועט יהושע לייב אין תורה
און חריפות אים נישט נאָכלאָזן אָ שפּאַן.
מ׳וואָלט געדאַרפט אדורכקוקן דעם ספר — סאיז מסתמא
נישט ווייניק אָפּצופרעגן דאָ פאַראַן.

דער סך־הכל: שווער איז דער וועג צו דער יידישער מתנגדישער פערזענלעכקייט, ווייל דער עמאָציאָנעלער הינטערגרונט איז דאָ שמעלער ווי אין חסידיזם, אָבער דער מאָטיוו און דער כאראַקטער איז דאָ אין דער ליטעראַטור. די מתנגדים־טעמע, דער מוסר־מאָטיוו איז אַ טעמע, וואָס וועט נאָך רייצן דעם יידישן וואָרט קינסט־לער.

דער יידישער מאטיוו אין דער סאוועטיש-יידישער ליטעראטור

„אחרי מות — קדושים". פונקט ווי אן אוועקגעגאנגענע פער־זענלעכקייט איז איינגעוויקלט אין גלאָריע אזוי איז אויך אַ פאַר־שוואונדענע אָדער אָפגייענדיקע עפּאָכע איינגעוויקלט אין אָרעאָל פון קדושה, באזונדערס א תקופה, וואָס איז מארטירעריש פארשניטן געוואָרן.

אז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, איידער איר ליכט איז אויס־געלאָשן געוואָרן, האָט פארמאָגט גענוג סימנים פון יידישע מאָטיוון, — זיינען שוין איצט מודה אפילו די וועלכע האָבן זי באַקעמפט בעת איר עקזיסטענץ. דער אמת איז, אַז די סאָוועטיש־יידישע ליטע־ראַטור האָט אָנגעהויבן אריינוועבן דעם יידישן מאָטיוו קינסטלעריש, נאָך מיט אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר פאר איר טראַגישן אומקום.

מיר וועלן אָנהייבן מיט דעם וויכטיקסטן פּאָעט אירן, פּ ר ץ מ אַ ר ק י ש. און זיין פּאָעמע וועגן בירגער־קריג.

צוויי ברידער, זין פון אַ קליינשטעטלדיקן יידישן באַלעמעלאָכע און אַ פרומער יידענע, וואָס לאָזט ניט אַרויס דעם טייטש־חומש פון די הענט, עזריאל און שלמה־בער, ווערן אריינגעצויגן אין דער אר־בעטער באוועגונג און אין צייט פון בירגער־קריג גייען זיי אוועק אין דער רויטער ארמיי, עזריאל און שלמה־בער זיינען אויף די פראָנטן,

די פּאָעמע־ראָמאַן „ברידער" איז א מאָנומענטאַל ווערק. זי פארמאָגט מאַרקישער טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט, זיין אומגע־הויערע בונטקייט און סטיכייאישע האַסטיקייט. עס איז אויך איינס פון די יידישסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור.

די געוואָגטע הערױאישקייט און העלדישע אַנטשלאָסנקייט פון די ברידער איז צונויפגעמישט מיט אַזאַ קינדיש־נאַאיוון, קליינ־שטעטלדיק־ראָמאַנטישן בענקען נאָך טויבן, וועלכע זיי האָבן גע־כאָוועט אין שטעטל.

פון צייט און דויער

„ציען זיך דורך פעלדער רויטע עשאַלאָנען
שטעטעלעך דערשראָקענע, אומעטיקע יידן,
— אפשר וועט איר הערן נייען דאָרט און שטעפּן?
אפשר וועט איר זען א טויבנשלאַק אַ קרומען?"
ציגן אויף די גאַניקעס, אימה אויף ארומען.
שינדלענדיקע דעכעלעך — מאָכיקע און טויבן.
אפשר וועט איר זען אַ טויבנשלאַק א קרומען?"

דורך דער דאָזיקער שפּיל אין קאָנטראַסט, העלדישקייט און שלאַכט־גרויל אויפן פאָן פון טויבן־אידיליע, ווערט פארשטאַרקט דער כאראקטער פון די צוויי ברידער.

מאַרקיש שילדערט די גרויסע און הייסע ליבע פון דער קליינ־שטעטלדיקער מאַמע צו אירע זין אין שיין פון איר אייגענער תחינה־דיקער וועלט. עס ווערט דערביי אָפּגעשפּיגלט די פסיכיק פון דער פרומער פאָלקס־פרוי, וואָס געפינט איר טרייסט אין די בלעטער פון טייטש־חומש.

„דער שבת׳דיקער שניי איז קויטיק און פארשעמט.
און ס׳לעכערן אים שווארצע פאַכדיקע קראָען.
— זי האָט עס אויך דערקענט, ס׳פארבלוטיקט זיידן העמד,
געוויס האָט זי פארצוקט א בייזע חיה רעה".

זי בלעטערט דעם טייטש־חומש און פארבינדט די מעשיות מיט אירע העלדישע זין.

„זיי טרעטן איבער בלעטער איבער טרערנדיק־געבעטע,
„און ס׳האָט זיך אים געחלומט,
אז זיבן זאַנגען ליידיקע שלינגען איין די זאַטע,
אַז זיבן דאַרע בהמות עסן אויף די פעטע".
די אַלטע טוט א פיר אַ האַנט איבער די שויבן
און מיט א קרעכץ די אַלטינקע דעם טייטש־חומש דערוואַרעמט.

אברהם ביק

„איז זיינען זיי אוועק, אוועקגעגאַן אויף געפּאַרן,
ווען געגרינדפּעסטיקט דער הונגער האָט זיך אין כנען״.

מאַרקיש שטעלט אַריין אין סימבאָלישע לבושים די אידייען־בילדער פון דעם אלטן יידישן שטעטל. דער קליינשטעטלדיקער עלנט פון דער אלטער מאַמען, די עצבות פון פּאַגראָמען ווערן איבער גע־וואָרפן אויפן עקראַן פון תנכישן עבר.

די קינסטלערישע רעמיניסצענצן פון דער פּאָעמע „ברידער״ זיינען אויך געבונדן מיט קאָנקרעטע און היסטאָרישע געשעענישן. די „ווייסע״ באַנדעס, ווי באַוואוסט פלעגן חושד זיין יעדן יידן אין „קאָמוניסטישן שפּיאָנאַזש״. איין מאָמענט אַזאַ, א שיף סימבאָליש־יידישער, ווערט געשילדערט אין דער פּאָעמע. מען קאָן דעם מאָ־מענט ניט פאַרבייגיין. וועל איך ציטירן דאָס ליד:

„יידן אין די פענצטער, יידן אין די קעלערס,
טוקן זיך דערטרונקענע, זינקען, גייען אויף.
און מיט דער פּאַטשיילע, מיט דער רויטער, העלער
אויף זיין ווייסן גאַניק שטייט דער אַלטער רב.

אכציק ווייסע יאָרן פון זיין פּנים ברענען,
אַכציק ווייסע יאָרן פון שנייען קלאָרע — קלערער
הענגען שטיל אַראָפּ פון באָרד און פון ברעמען
און מיט דער פּאַטשיילע ווישט ער זיך דעם שטערן.

לויפן אָפיצירן, פּוסגייער און רייטער,
שטעלן צום ראַפּאָרט זיך, שוועבן שנעלע אָן,
אויף א יידיש הייזל אַן אָרעמינקס זיי טייטן.
— א יידישער, אן אלטער קאָמוניסטישער שפּיאָן!

איז אין פעלדשטאַב האָבן זיך צענויפגעקליבן אַלע
און אויף גיך באַקלערט, באַשלאָסן וואָס צו טאָן:
— „מ׳האָט געזען דעם ראַבין געבן דאָרט סיגנאַלן

פון צייט און דויער

צו די באַלעטעוויקעס מיט א רויטער פאַן״.

און ס׳רייסן זיך אריינעט זעקס לעגיאָנערן:
„שטיי, דו אלטער הונט! אַהער די רויטע פאַן!״

האָט דער גרייזער זקן די שויב געטאָן א וויש
און א וואונק צום שמש מיט דער שאַרף פון אויג:
„מאַך מיך גרייט אין וועג אריין, מאַך מיך גרייט, אלישע,
מאַך מיך גרייט אין וועג — מע רופט מיך שוין אַ היים!״
דורכן אַלטן מאַרק צו פעלדער צו פאַרלאָזטע, —

זייענען איבער שטעטל דורכגעגאַן אין זאַקן
דער שמש ר׳ אלישע און דער עלטסטער זקן
אין ארינג פון זעלנער פוילישע געשלאָסן. ......

פון די נאָענטע וועלדער אָטעמט אַ געוויטער,
ווינטן אָפּגעריסענע בלאַנדזשענדיקע לויפן.
— „טו מיר אָן דעם טלית, טו מיר אָן דעם קיטל,
נעם אין מיין פאטשיילע וויקל איין דעם שופר״.

גרינע זיינען פעלדער, בלויע זיינען ווייטן —
הינטער שטעטלעך יידישע, הינטער שטילע היימען;
גייט דער אַלטער רב און קוקט ניט אין די זייטן
ווי ס׳בויגן זיך אין טרויער קלאָגנדיקע ביימער.

זיינען זיי געקומען צו אַ גרינער לאָנקע.
ס׳האָט א גרוב געוואַרט שוין, זעלנער און באַגרעבער.
„בלאָז אלישע, שופר! ביז די נאַכט וועט אָנקומען!
זאָלסט ניט זיצן שבעה נאָך דעם אלטן רבין!״

האָט אלישע שמש זיך געריסן קריעה,

א ב ר ה ם   ב י ק.

האָט געריסן קריעה מיט די אַלטע ציין —
איבערדעקט דאָס פּנים, איבערדעקט די ראיה.
„רבי!" — האָט ער אויסגעשריגן — „רבי!" — און געוויינט.

און ס'האָט אונטער דער ביקס דערהערט זיך אַ געשריי:
„בלאָז אלישע, שופר! — ביי דער העלער ליכט,
ס'זאָל דיין שופר זיין דער שופר של משיח!"

אין צענטער פון פּרק מארקיש'ס צוויי בענדיק ווערק ,דעם ראָמאַן „דור־אויס דור־איין" שטייען צוויי העלדן: אַ פאָטער מיט אַ זון, וואָס פארענדיקן ביידע טראַגיש. דעם פאָטער האָבן אין די צייטן פון בירגער־קריג די פעטליורישע באַנדעס אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט געבונדענע פיס, „ווי מען האָט גע־בונדן יצחקן צו דער עקידה"... און דאָס צווייטע בוך ענדיקט זיך מיט דעם העראָאישן טויט פון עזרא, דעם זון, וואָס פאלט אין שלאַכט.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס פון פאָטער בלייבט איבער אַ בריוו צום זון, אַ מין צוואָה, געשריבן אין אַלט־מליצהדיקן העברייאיש, און עס שיינט פון אים ארויס די וואונדערלעכע געשטאַלט פון אַ פאַר־שטייער פון ערשטן דור, וואָס אוועקגייענדיק פון דער וועלט און געזעגנענדיק זיך מיטן זון, נעמט ער אָן אַלע יסורים מיט ליבשאַפט און זעט אין זיך אַ המשך פון דור־דורות, וואָס זיינען מיט אַ דערהייבן געמיט געגאַנגען אויף קידוש־השם און אומגעקומען מיט אינעוויי־ניקסטער הדווה און אמונה, און דעם זעלבן המשך זעט ער אין זון, צו וועמען ער שרייבט אַ פּאָר שעה פאַר זיין טראַגישן אומקום:

„וואָס זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייערער זון? צו קיין גרע־סערן גורל ווי צו שטאַרבן פארן פאָלק האָט ניט זוכה געווען קיינער פון די לעבעדיקע... און ווי אַזוי האָט זיך אומגעקערט צוריק אויף יענער וועלט ר' עקיבא? צי זיינען דען געווען שווער גענוג פאַר אים די אייזערנע קעמלען, וואָס מיט זיי האָט מען געגרימפּלעוועט לע־בעדיקערהייט די זיילן פון זיין לייב? און ווי אזוי האָט פאַרלאָזט די

וועלט ר׳ חנינא בן תרדיון, ווען מהאָט אים איינגעוויקלט אין יריעות פון פּאַרמעט? און ר׳ אמנון?.. אז גאָט האָט געטאָן באַ־וויליקן, ס׳זאָל פון מיין גזע ארויסקומען אַזאַ,ווי די וואָס שטאַרב; על קידוש־השם פאַר אָרעמע און יתומים, באַדאַרף איך ניט זאָרגן..

„וואָס זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייער׳ער זון? וואָס איז דען פאַראַן אַזעלכעס, וואָס איך וויס און דו ווייסט ניט?... אַז ר׳ עקיבא אליין איז דאָך ארומגעפאָרן און געפּריידיקט קעגן מלכות, קעגן רוים, קעגן פאַרדאַרבער און קעגן דער אומגערעכטיקייט... דעריבער, טייער־ער זון מיינער, גיי מיט דעם וועג ,וואָס דו האָסט פאַר דיר אויס־געטראָטן... נאָר די געלייטערטע מענטשלעכע איידלקייט, אזוי ווי דו פאַרשטייסט, זאָל זיין אויסגעקריצט אויפן טאָוול פון דיין האַרצן, אַז זי זאָל דיך פירן אין די שטעגן פון רעכטפאַרטיקייט אַלע טעג פון דיין באַשערטער צייט אויף דער וועלט...״

פון וויטן און פון נאָענטן עבר האָבן סאָוועטיש־יידישע דיכטער און דערציילער געצויגן מאָטיוון.

אין זיין בוך „הימ און וועלט״ (קיעוו, 1940) האָט דער דיכטער משה כאַשטשעוואַצקי געדיכטעט וועגן מיטלאלטערלעכע יידישע דענקער און אויף ביבלישע און העבראַישע מאָטיוון. אין דערמאָנטן בוך זיינען דאָ איבערדיכטונגען פון ״שיר השירים״, יידישע מע־לאָדיעס וועגן שאול און יפתח׳ס טאָכטער, וועגן שמשון און דבורה און יעל און חנה און אירע זיבן זין, ווי אויך א גאַנצע דראַמאַטישע פּאָעמע וועגן מתתיהו און זיינע העלדישע זין.

דער נאַציזם און די גרויליקע צווייטע וועלט־מלחמה, דער אומ־קום פון מיליאָנען יידן האָט נאָך מער באוואויגן די יידישע שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צו זוכן המשך, ירושה און זיך דערגרונטעווען צו די אייגענע וואָרצלען.

אין אָנבליק פון געשענדעטן און אומגעבראַכטן יידישן לעבן איז אויפגעגאַנגען דער מאַרטירערישער שטאָלץ אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. דעמאָלט האָט איציק פעפער אָנגעשריבן זיין באוואוסט ליד „איך בין אַ ייד!״

א ב ר ה ם ב י ק

„דער ווייַן פֿון דורותדיקן דויער
האָט מיך געשטאַרקט אין וואַנדער וועג,
די בייזע שווערד פֿון פּיין און טרויער,
מאָן ניט פאַרניכטן מיין פאַרמעג.

דער קלוגער קנייטש פֿון ר' עקיבא,
די חכמה פֿון ישעיהו'ס וואָרט,......... ....
....

איך הער יהודה הלוים קלאַנגען יאָרהונדערטער און ווער ניט מיד
כ'האָב אָפּט געוועלקט נאָר ניט פאַרגאַנגען,
איך בין אַ ייד!"

פּרץ מאַרקיש'ס יידישער שלאַכטמאַן איז געגאַנגען אין קריג ווי א ייד, וואָס איז אַ שפּראָץ פֿון די וויטסטע דורות אַזש ביזן באַרג סיני מיט די עשרת הדיברות. אין פעסט געשמידטע פערזן, וואָס גליען ווי שאַרפע שפּיזלעך, זינגט ער:

„דו האָסט אַמאָל פֿון בערג געבאָטן צען דערקלערט,
אז ס'זאָל מיט זיי דאָס האַרץ פֿון וועלט זיך פּיטערן און פעסטן.
פאַרפאָלגטע טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד,
דורך אַלע ארבע מיתות בית־דין". —

אין זיין פּאָעמע „שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ" שפּאַנט א. פעפער אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט.

„מיין אור־זיידע וואָלט די מלבושים צעריסן,
מיט אַש זיינע קרויזן באַקרוינט וואָלט מיין זיידע,
און איך האָב געירשנט דעם ריינעם געוויסן,
דעם אַש און דעם טרויער פֿון ביידע, פֿון ביידע".

אלט און נײַ העברעאיש

אלט און נייע העברעאיש

שלמה בן גבירול

„און די קינדער פון אונזער פאָלק, נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד האָבן א סך פון זיי זיך פאַר־קליבן אין די אַראַבישע לענדער, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זייער לשון, און זייער הארץ און געדאַנק אין דער דאָזיקער שפּראַך אויסגעגאָסן — אַזוי דערציילט אונז דער דיכטער יהודה אַלחריזי, אין זיין ווערק „תחכמוני", און אין יענער צייט אין דער דער רעליגיע־זער און האַלב־פאַרגעסענער העברעאישער שפּראַך דער גרעסטער דיכטער פון זיין צייט, דער שר (האַר) פון דער פּאָעזיע אין יענער „גאָלדענער עפּאָכע", וואָס איז געווען דער ערשטער און גרעסטער אין זיין עפּאָכע, ווי עס כאַראַקטעריזירן אים דער זעלבער אלחריזי און דערוויכטיגסטער קריטיקער פון דער ליטעראַטור אין ספרד משה אַבן עזרא.

„דערנאָך ווי שלמה דער קעניג פון ליד איז איינגעדרימלט גע־וואָרן, און אברהם זיין פרינץ האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן, און יהודה זיין קריגס־פירער און משה זיין נביא זיינען אויסגעשטאָרבן — איז דער קוואַל פון ליד געוואָרן געשלאָסן", שרייבט אַלחריזי. פון די פיר פּאָעטן, וואָס ער רעכנט אויס, איז ביי אים בן גבירול דער פּאָעט־קעניג און דער דערמאָנטער קריטיקער שרייבט מיט מער רע־זערוואַציע וועגן זיין עלטערן קאָלעגע, זאָגט אויך אז אין פאַרגלייך צו שלמה׳ס לידער זיינען אלע פריערדיגע פּאָעטן און זייערע לידער געווען גאַרניט מיט גאָרניט, בעת ער איז געווען דער „משורר מוחלט" (אַבסאָלוטער דיכטער) און מען דאַרף צוגעבן: בן־גבירול — דער ערשטער וועלטלעכער פּאָעט ביי יידן.

שלמה בן גבירול, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין די שפּעטער־דיגע דורות ווי דער „אידישער פלאַטאָן", האָט געלעבט א קורץ לעבן. טייל האַלטן, אַז ער האָט קוים דערגרייכט די עלטער פון דריי־

סיק יאָר ווען ער איז געשטאָרבן אַרום 1072, אָבער אין זיין קורץ לעבן האָט ער באוויזן מחבר צו זיין מער ווי צוואנציק ספרים אויף די פאַרשידענע געביטן פון פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, וויסנשאַפט און עטיק פון וועלכע בלויז זיינע לידער און עפּאָכע־מאַכנדיק ווערק „מקור חיים״ (דער קוואַל פון לעבן) זיינען פאַרבליבן.

הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד, האָבן בן גבירולס ווערק געדרימלט אין שטויב. בלויז אין די יידישע שולן און בתי־מדרשים האָט מען געקענט דעם „פייטן״, דעם תפילות־שרייבער ניט דעם וועלטלעכן פון „געזאַנג, ליבע און וויין״ נאָר דעם פייטן, דעם פאַרפאַסער פון עלעגיש־פילאָסאָפישע תפילות. מען האָט זיין גרויסע פילאָסאָפישע פּאָעמע „כתר מלכות״ (די קרוין פון מלוכה) אריינגענומען אין מחזור וועלכע אידן זאָגן יום כפור פאַר נעילה.

ערשט אין ניינצנטן יאָרהונדערט איז בן גבירול אנטדעקט גע־וואָרן און האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער גרויס ווען דער היסטאָריקער שלמה מונק האָט געפונען אין דער „נאַציאָנאַלער ביב־ליאָטעק פון פּאַריז דעם כתב־יד פון „מקור חיים״, אין אַראַבישן אָריגינאַל אונטער דעם לאַטיניזירטן נאָמען „אוויצעבראָן״ (א פאַרגרייזונג פון אבן גבירול). אויך פאַרגעלטע מאַנוסקריפּטן פון בן גבירולס העברעאישע לידער זיינען אָפּגעזוכט געוואָרן און זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אונטערן נאָמען „שיר השירים אַשר לשלמה״.

די ווייטערע זאַמלער און פאָרשער האָבן געזוכט, געפאָרשט און קאָמענטירט . דר. חיים בראָדי, זיין מיט־שותף אין דער פאָרשונג פון דער העברעאישער פּאָעזיע מאיר ווינער, ביאַליק און ראַווניצקי — זיי אַלע האָבן באַלעבט און פארשטענדלעך געמאַכט די אָריגינעלע פּאָעזיע פון דעם ייִנגן גאון פון מאַלאַגאַ אין שפּאַניע, וועמענס נשמה „דרינגט אריין ביז די גרונטן״ און „וועמענס ליד איז א מעסער גע־שליפן״, ביז אונזער דור ווען דער אלטער ווייץ פון דעם הע־רעאישן פּאָעט־פילאָסאָף איז איבערגעגאָסן געוואָרן אין נייע כלים״.

אין די אלטע געשיכטע ביכער איז דער מיטלאלטער באַ־צייכנט געוואָרן ווי די טונקלסטע צייט. שפּעטער מיטן אויפקום

פון דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער געשיכטע פאָרשונג, איז די מיינונג געביטן געוואָרן, אַז דער מיטלאַלטער איז ניט געווען בלויז חושך, און די קולטור פון מיטלאַלטער איז ניט אַלעמאָל און תמיד געווען אָבסקוראַנט און קירכלעך־דאָגמאַטיש. אַ ליכטיקער צייט־אָפּשניט אין מיטלאַלטער איז זיכער געווען די „גאָלדענע עפּאָכע" פון שפּאַניע" פון צענטן ביזן דרייצנטן יאָרהונדערט ווען אין שפּאַניע האָט געהערשט די אַראַבישע קולטור און האָט שטאַרק באַאיינפלוסט דאָס ייִדישע שאַפן אין אַלע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, אַבסטראַקטן דענקען און ליטעראַטור.

אַט אין יענער עפּאָכע זיינען טאַקע אויפגעקומען די „שירי חול", די סעקולאַרע אָדער וועלטלעכע דיכטונג וואָס איר גרעסטער פאָר־שטייער איז געווען שלמה בן גבירול. כאָטש אַ גאָר גרויסער טייל פון זיינע לידער אָדער פּיוטים זיינען געווען געווידמעט דער טיף־רעליגיעזער „התבוננות" (קאָנטעמפּלאַציע) און בענקעניש און לעכ־צעניש נאָך נאַציאָנאַלער דערלייזונג.

בן גבירול איז צום אַלעם ערשטן אַ טיפער ליריקער וואָס האָט זיין פּאָעטישע גרויסקייט דערפילט אין זיך, אין יעדן ציטער פון זיין נערוו און האָט די דאָזיקע גרויסקייט פון זיין פּאָעטישן „איך" אַרויסגעזונגען:

„איך בין דער האַר און דאָס ליד איז מיין קנעכט
כ'בין פּאַר זינגער און דיכטער די האַרף.
און מיין גוף גייט אַרום אויף דער ערד
און עס שוועבט אין די הימלען מיין גייסט.
זעכצן יאָר בין איך אַלט און מיין האַרץ
איז פאַרשטענדיג, ווי ס'האַרץ פון אַ גרייז".

די דאָזיגע עגאָצענטרישקייט, די טיפע איינגעגלויבטקייט אין זיך, זיינען די הויפּט־שטריכן פון בן־גבירול'ס פּאָעזיע און זאָגן עדות אויף זיין יוגענטלעכער רייפקייט. ער שפּירט אַז זיין כוח באַשטייט אין דער טיפער חכמה, וואָס די וועלט איז נאָך אַפילו ניט

. א ב ר ה ם ב י ק

פעאיג אויפצונעמען. דערפאר פארגינט ער זיך אפט צו פאראכטן די וועלט וואס פארזינדיגט זיך קעגן אים:

„מיינע אויגן און הארץ זיינען אפן
פאר אלץ וואס פארהוילן, פארטיפט.
איז מיין מוטער דער שכל, דער קלארער,
און מיין שוועסטער — דאס ליכט, וואס באהעלט;
זיינען טייערער מיר פון רובינען —
און די דינסט די פארהאסטע, די וועלט —
איז נישט מער ווי א ווייב א פארשייטע —
היינט מיינס, מארגן יענעמס, איר שטעל:
און מיין איינציקער אוצר אין לעבן
איז מיין הארץ און מיין ליכטיקע זעל".

(דער פאעט)

אין זיינע לידער איז בן גבירול א טראגישער דיכטער אבער ער איז א דיכטער פון ליידן. עס איז ניט קיין ענגהארציקע פערזענלעכע טראגיק. ער ווייסט די חכמה פון ליידן. ער האט דעם באוואוסטזיאן, אז אפילו גליק איז אין תוך ליידיק אין שייכות מיט דעם העכסטן גליק — די פאלקאמענקייט, וואס איז, פארשטייט זיך, לויט זיין מעטאפיזישן באנעם די ארויסשטראלונג פון א גערעכטן גאט.

ווי גרויס ער באטראכט ניט זיין אייגן הארץ און זיין נשמה, אזוי קליין האלט ער זיי פאר גאט, וואס איז פאר אים דער סוד און דער יסוד פון אלץ, דער ווארצל פון אלע שיינקייטן און אויך דער קוואל פון אלע ווידערשפרוכן, די רעטעניש פון אלע רעטענישן.

נשמה וואס ברויזט און וואס שטורמט —
וואס ציט דיך צו הויכקייטן הויך?
געגליכן צום בריזיקן פייער,
וואס רייסט זיך דורך זיילן פון רויך.
א ליכטיקע זון איז מיין נשמה

װאָס װאָלקן פאַרדעקן אַמאָל.
נשמה מײַן טײַערע פּלי העכער,
דערשלאָג זיך דורך װאָלקן צום ליכט.
באַשװאָרן בין איך נישט צום רוען
ביז איך װעל דערזען איר געזיכט".

אפילו אין זײַן טרויער איז דאָ געלײַטערטער שטרעבן צו די העכסטע הויכן און כאָטש ער זינגט װעגן טויט איז אים פרעמד יעדער מין סטאַגנאַציע, נאָר די אינטענזיטעט און די דינאַמיק פון געדאַנק און חכמה.

די פאָרם פון בן־גבירול'ס פּאָעזיע איז זיכער באַאײַנפלוסט געוואָרן פון דער אַראַבישער פּאָעזיע, װאָס איז דעמאָלט געװען אין איר בליאונגס־עפּאָכע. דער אײַנפלוס פילט זיך, װי זײַן גרויסער אָנהענגער און קריטיקער בן עזרא װײַזט אָן, (אין זײַן בוך „שירת ישראל") אין דעם ריטמישן בוי פון זײַנע סטראָפן, אין די קלינגענדיקע זילבן און האַסטיגע טענער. ער האָט אָבער באַרײַכערט די העברעאישע שפּראַך דורך זײַנע פיל־פאַרביקע װאָרט קאָמבינאַציעס, קאָלירן, ניואַנסן, װאָרט־בויאונגען. זײַן ריטם איז אינגאַנצן א מוזיקאַלישער; עס איז אן אינערלעכע מוזיקאַלישקייט. מוזיק און בילד גיסן זיך בײַ אים צענויף אין איין לאָגיק און דאָס פּערזענלעכע מעטאַפאָרישע, װאָס איז דער ערשטער צײכן פון װערטפולער דיכטונג. אפשר דערפאַר האָלט אים משה בן עזרא פאָר, אז ער דערלויבט זיך צופיל עקספּערימענטן מיט דער שפּראַך. צום בײַשפּיל, ער שאפט פון 'שמות' (באַגריפן פון נעמען) װערטער. פון דעם װאָרט 'שהם' (א מין בריליאַנט) שאפט בן גבירול דעם אויסדרוק 'משהמת' (אָפּגעבריליאַנטעװעט) אָדער פון װאָרט 'פּנינים' (פּערל) דערלויבט ער זיך צו שרײַבן 'נפש פּנינה' (אַ פּערלדיקע נשמה).

בן גבירול איז אויך פון די ערשטע נאַטור־דיכטער. ער זינגט פון פעלד, װאַלד, װאָלקן־פאָרמאַציע און שטערן־קאָנסטעלאַציע. ער שע פט װיזיעס פון די נאַטור־סעזאָנען און פון דעם בײַט פון די לאַנדשאַפטן; ער שעפּט און אָטעמט מיט די ים־כװאַליעס און מיט די

וואָלקן אין הימל, וואָס העפטן ביי אים אויס אין פרילינג א „העמד פאַרן פעלד״ און אין האַרבסט — „רעוועזן די וואָלקנס ווי אָקסן״.

פאַרן דיכטער זיינען געווען אָפן די קוואַלן פון דער אַראַבישער און גריכישער קולטור. די גרונט־אסאָציאַציעס פון זיין פּאָעזיע זיי־נען טאַקע באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער אַראַבישער דיכטונג אָבער ער האָט אויך באַהאָפטן זיין גאַנצע דיכטערישע פערזענלעכקייט מיט די גאולה־שטרעבונגען פון זיין פאָלק. זיינע עלעגיעס זיינען וועגן דעם פּיין און די ליידן פון פאָלק און געהערן צו די בעסטע מוסטערן פון דער העברעאישער נאַציאָנאַלער ליריק:

דודס שטאָם וואָס שטייסטו
ווינטער איז אַריבער, בלימיט צווייג און בלום.
לאַנג נאָך וועט ישמעאל אויסצערן מיין קראַפט
און ווי לאַנג וועט אדום האַלטן מיך פאַרשקלאַפט.

(איבערזעצט: י. י. שוואַרץ)

שלמה בן גבירולס מייסטער־ווערק איז אָנגענומען ווי א תפילה אין וועלכע פּופציק יידישע דורות האָבן זיך דורך איר באַהאָפטן מיט הימל און ערד. זיין שפּראַך איז דעריבער א „שפּראַך, וואָס האָט דעם קלאַנג און דעם שימער פון די קרוינען אָף די ספרי־תורהעס, וואָס גיסן זיך צענויף מיט דעם ריטמישן האַרץ־קלאַפּ פון ציטער־דיקע מענטשן און הערצער וואָס טוליען זיך צו זיי״ (דר. יוסף קלויזנער, „מאַפּלטון ער שפינוזה, 1953).

ווילהעלם פאָן הומבאָלדט האָט באַטראַכט די פּאָעמע „כתר מלכות״ ווי די דערהויבענע שאַפונג אין מיטלאַלטער, און היינריך היינע, אין זיין באַרימט ליד 'יהודה הלוי', באַצייכנט בן־גבירול׳ן ווי דעם „פלעכטער פון קרוינען צו גאָט״, „דער פרומער נאַכטיגאַל וואָס זיין רויז איז געווען גאָט״. אָבער „כתר מלכות״ איז מער ווי א תפילה. דאָרט אַנטפּלעקט זיך שוין דער גאַנצער נעאָ־פּלאַטאָנישער באַנעם פון דער וועלט, מיט דער בענקעשאַפט און וויזיאָנעריש־

קייט צום סוד פון דער וועלט, צו דער האַרמאָנישקייט, צו דער קרוין און צו דער מלוכה פון גאנצן קאָסמאָס.

און כאָטש אין די מעטאַפיזישע הויכן קאָן דער מענטשלעכער שכל פארלוירן גיין, פארמאָגט אָבער דאָרטן דער ראָמאַנטיקער און מעטאַפיזיקער, וואָס זוכט די הימלישע ספערן, זיין גאנצע לירישע פשטות, דעם סוד פון מענטשלעכן זוכן די פאַנטעאיסטישע הויכן, וואָס זיינען איבער־נאַציאָנאַל און אוניווערסאַל. ער זעט די געט־לעכקייט אויף אַלע וועגן און אפילו אין פאַגאַניזם און געצנדינסט ביי די בלאָנדזשענדיקע און זוכנדיקע:

און עס ווערט דיין כבוד נישט פאַרשוועכט
צוליב די יעניגע, וואָס דינען געטער אַנדערע חוץ דיר
דען זייער כוונה איז צו גרייכן דיך,
נאָר זיי זיינען ווי בלינדע וואָס זייער מיין איז צו גיין מיטן —
גראַדן וועג און האָבן נישט געזען און זיינען ארונטער פון שטעג".

אַפילו אין זיין גאָט־זוכעניש איז בן־גבירול מענטשלעך.

אין דער פילאָסאָפישער פאָעמע זיינען שוין דאָ די הויפּט־מאָטיוון פון בן־גבירול'ס פילאָסאָפישער סיסטעם, פון זיין גרויס ווערק „מקור חיים", דאָס איז זיין סינטעז פון נעאָ־פלאַטאָניזם און יידישקייט.

דער נעאָ־פלאַטאָניזם, לויט דער דעפיניציע פון אַנרי בערגסאָן איז באַשטאַנען אין א רעאַקציע קעגן דעם איטעלעקטואַליזם פון דעם פילאָסאָף אַריסטאָטעל, וואָס האָט געהאַלטן, אז דער מענטש קען אלץ דערגרייכן פון איגענעם שכל צו דער וועלט ארויס, און ניט פון דער וועלט צום שכל. אין אַזאַ צייט איז נויטיק געווען אַז די פילאָסאָפיע זאָל מיט דעם געציניג פון שכל אַליין גראָבן א קבר פאר אים אליין. דער טיפסטער און באדייטנדיקסטער פון די וואָס האָבן אויס־גענוצט די פילאָסאָפיע קעגן דער פילאָסאָפיע איז געווען דער אַראַבישער דענקער אַלגאַזאַלי, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעהייערן איינפלוס אויף דעם יינגן בן גבירול.

דער גרונט־מאָטיוו פון בן־גבירול'ס פילאָסאָפיע איז דער „ווילן"

ווי דער קוואַל פון לעבן. דאָס לעבן איז אַן אומאויפהערלעכער שאַ־פונגס־פּראָצעס. דאָס גאַנצע לעבן איז געגליכן צו א פולסירנדיקן טייך, וואָס קוועלט פון זיך אַליין און ווערט פונדאַסניי באַשאַפן. לעבן איז אַן אינערלעכער כוח, וואָס איז ענג פאַרפלאָכטן אין דער אומענדלעכקייט (אין־סוף).

בן גבירול העלפט זיך ארויס מיט דער פלאַטאָנישער שיינקייטס־אידעע. גאָט איז דער אורקוואַל פון אַלדאָס שיינעס. דאָס וועזן פון שיינקייט באַשטייט פון גייסטיקער קוואַליטעט. וואָס ריינער עס איז די פאָרם פון א קערפּער. אַלץ דערהייבענער איז זיין שיינקייט. דער מענטש דערהייבט זיך טאַקע צו דער שיינקייט אידעע, וואָס איז צע־נויפגעגאָסן מיט דער חכמה, דאָס הייסט אויף גריכיש — לאָגאָס.

דורך זיין ווילן, וואָס איז א שאַפנדיקע קראַפט, גלוסט דעם מענטשנס נשמה צום ערשטן קוואַל.

בן־גבירול׳ס פילאָסאָפיע האַלטן א סך פאָרשער, ווי בערגמאַן, דר. קלויזנער און אַנדערע, באַגעגנט זיך מיט דעם באַגריף פון „עלאַן וויטאַל״״ וואָס דער פראַנצויזישער פילאָסאָף בערגסאָן האָט געשאַפן די פילאָסאָפיע וועגן דעם אימפּעטדיקן, כוואַליענדיקן לעבן, אונטערשטרייכט, אַז לעבן איז אַן אויסדרוק פון פרייהייט און ווילן און אַז דאָס גאַנצע לעבן איז בלויז אַ פּראָצעס פון ווערן, פון תמיד אַנדערש ווערן: „עס איז ניטאָ קיין זיין... דיווירקלעכקייט איז באַ־וועגלעכקייט. ניט זאַכן פאַרטיגע, נאָר זאַכן אין דעם, פּראָצעס פון ווערן. עס עקזיסטירן בלויז צושטאַנדן ,וואָס בייטן זיך. אַלץ איז בלויז שטרעבונג, דאָס מיינט בייטן די ריכטונג״ (אַריינפיר צו דער מעטאַפיזיק).

שווער צו זאָגן צי דער באַגרינדער פון דער פילאָסאָפיע פון אינטואיציע האָט געשעפּט פון בן גבירולס פילאָסאָפיע, אָבער אז דער ייִנגער פילאָסאָף פון מאַלאַגאַ האָט באַאיינפלוסט די שפּעטער־דיקע פילאָסאָפן ווי דאַנוס סקאָטוס, לעאָן אברבנאל און אפילו שפינאָזאַן — וועגן דעם קען קיין ספק ניט זיין.

בן גבירול׳ס ליבע צום דערהויבענעם, זיין קאָסמישע בענק־שאפט, זיין שטורם און זיין שוואונג, האָבן געמוזט פאַרכאַפּן די

שפּעטערדיגע גרויסע דענקער און דיכטער.

אין זיין הקדמה צו דעם קלאַסישן ווערק „דאָן קיכאָט” זאָגט סערוואַנטעס: „אויב דו רעדסט וועגן ליבע, דאַרפסטו מיט דיינע צוויי אונצן קענטעניש פון דער איטאַליענישער שפּראַך איבער־לייענען לעאָנע עבֿרעאָס (אבֿרבנאַל) ’דיאַלאָגי’. פּאַראַפראַזאַרנדיג דעם זאַץ קאָן מען זאָגן: אויב מעו וויל רעדן וועגן עכטער פּאָעזיע וואָס איז אַ סינטעז פון בילד און געדאַנק, דאַרף מען לייענען די לידער פון דעם וויטן און אַזוי נאָענטן רבי שלמה פון ספרד, — ער, וואָס איז געווען דער האַר פון ליד אין זיין צייט און איז אַ קוואַל פאַר דורות.

ח. נ. ביאַליקס: „מתי מדבר״ און „מגילת האש״

וועגן ח. נ. ביאַליק׳ס גרויסער און באַרימטער פּאָעמע „מתי מדבר״ זיינען אָנגעשריבן געוואָרן א סך פּירושים און קריטישע באַמערקונגען. נאָך פּאָר זיין הילכיק־יאָמערדיגן ליד פון צער און צאָרן („די שחיטה שטאָט,״ „בעיר ההריגה״, 1903) האָט ביאַליק געשאַפן זיין מדבר־פּאָעמע, וואו ער האָט אונז געמאַכט פילן די אמתע מדבר־לאַנדשאַפט און די מדבר שטימונג.

דער ריטם פון ביאַליקס פּאָעזיע אין דער וואונדערלעכער פּאָעמע איז געגליכן צום כסדר׳דיגן טויש פון שטורם און שטילקייט מיט וועלכער דער מדבר איז געבענטשט.

ביאַליק האָט אין דער פּאָעמע אריינגעגאָסן אַלע זיינע קוואַליגע וואָרט־זאַפטן. ער האָט זיין פּען ווי איינגעטונקען אין שימער פון שטערן און שטויב פון דער וויסטעניש און עס האָט זיך באַקומען א סימפּאָניע.

זעלטן צו טרעפן אזא געמיש פון קלאַנגען, באַגלייט פון פּרעכטיקע בילדער פון דער דאָזיקער ווילדער לאַנדשאַפט, וואָס איז אי צאָרנדיק, גרויזאַם, אי שטיל און מיסטיש, סודותדיק.

מען האָט די פּאָעמע פארגליכן צו מיצקעוויטשעס „רייטער״ אָבער ביאַליקס ליד פון מדבר איז רייכער אין פּאָלקלאָריסטישע עלעמענטן פון די מדבר פעלקער און איז איבער אַלץ — אַרוף צו בונט, צו רעוואָלט, באַזירט אויפן גלויבן אין די מענטשלעכע עהנט, וואָס דערשלאָגן זיך אליין צו פרייהייט.

דער דערציילערישער שנור — סוזשעט פון דער פּאָעמע:

די בני ישראל וואָס זיינען געשטאָרבן אין דער מדבר, אפן וועג פון מצרים, ליגן אין די זאַמדן ווי די שטיינערנע ריזן און לעבן זיי — דאָס געווער. אמאָל באַזוכט זיי א חיה: א לייב, א שלאַנג, א רייטער, וואָס האָט זיך דערוויטערט פון זיין קאַראַוואַן. דער דאָזיקער רייטער וואַרפט זיין שפּיז ווי אַ בליץ און כאַפּט זי צוריק, פליענדיג אויפן פערד. אין דעם שפּיל דערוויטערט ער זיך פון זיין קאַראַוואַן

און געפינט זיך לעבן די טויטע קערפּערס. יעדער איינער וואָס דער־נעענטערט זיך אָבער צו זיי און וויל שטערן זייער שלאָף, ווערט דער־שטויגט פון זייער פּראַכט.

אַזוי ליגן שוין די „טויטע פון דער מדבר״ יאָרן און יאָרן. ווען ס'טרעפט און עס צעשפּילט זיך א שטורם אין דער וויסטעניש און די זאַמדן דרייען זיך אין א קאַראַהאָד, טוען זיך די מתים אַ ריר און ווי אַמאָל, אין משה'ס צייטן, כאַפּן זיי זיך אויף און שטורמען די הימלען, ווילן מיט גוואַלד זיך אריינשפּאַרן אין לאַנד. אָבער ווען דער שטורם ווערט איינגעשטילט, לייגן זיי זיך צוריק שלאָפן און ווידער פאַרגייען יאָרן און יאָרן. דער סוף פון דער פּאָעמע שילדערט א שטורם, וואָס ברענגט א קאַראַוואַן פון אַראַבער, דער דערוויטערטער רייטער קערט זיך אום צום קאַראַוואַן און אַן אַלטער אראבער דערקלערט אים, אַז די דאָזיקע שלאָפנדיקע אין דער מדבר זיינען די עלטערן פונם „פּאָלק פון דער שריפט״, וואָס גאָט האָט זיי פאַרשאָלטן צו שטאַרבן אין דער מדבר און ווי איז דעם וואָס נעמט עפּעס פון זייער קלייד. און ס'האָט פּאַסירט, אַז איינער האָט גענומען א פאָדים פון דער פּאָלע פון זייער קלייד, איז זיין האַנט פאַרטריקנט געוואָרן.

אַזוי דערציילט דער אַלטער אַראַבער, און דער קאַראַוואַן רירט זיך און די קעמלען שאָקלען מיט זייערע הויקערס ווי זיי וואָלטן געטראָגן אויף זיך די אַלטע פאָלקס־לעגענדע.

און אָט זיינען אַ פּאָר אויסצוגן פון דער וואונדערלעכער מדבר סימפאָניע:

און עס דערוואַכן אין אויסברוך פון קרעפטן די פורכטבאַרע ריזן,
עס דונערט אַ שטים, וואָס שטייגט איבער דעם שטורם פון ברויזנדן מדבר
ארום זיי — דער שטורם, ארום זיי דער צאָרן.
עס דונערט:
מיר העלדן!

.אברהם ביק

דער דור, וואָס איז לעצטער צו קנעכטשאַפט און ערשטער —
— צו פרייהייט!
אונזערע אייגענע האַנט, אונזער אייגענע מאַכט
האָט צעבראָכן דעם יאָך, אונטער וועלכן מיר האָבן געשמאַכט,

— — —

די וויסטעניש איז אונזער מאַמע, דער מדבר — אַ פריינט!
און ווער קאָן אונז צאַמען?
אויך איצט — כאָטש דער גאָט פון נקמה דעם מדבר ארום האָט פאַרמאַכט,
קוים האָט אונז באַרירט נאָר דאָס קריג־ליד אין שטורעם —
און מיר האָבן דערוואַכט!״

(יידיש: י. י. שוואַרץ)

ווער וועט אין די דאָזיקע גליאיקע פערזן ניט דערקענען דעם סימבאָל פון בונטאַרישקייט, פון גלוטיקן צאָרן און דורשט נאָך פריי־הייט? פון ריזן־גבורה, וואָס שטורמט די הימלען? און איבער אַלץ שוועבט דער גייסט פון מדבר וואָס דערוואַכט —

עס רייסט זיך דער מדבר אין פורכטבאַרן וואוט:
דאָס שרייט אונז דער שטורם:
פאַרלירט ניט דעם מוט!
צו שווערדן! צו שפּיזן! און זאָלן זיך ברעכן די בערג און די וואַלן
אָדער — עס זאָלן דאָ מחנות־ווייז אונזערע פגרים אויספאַלן!
מיר מוזן אַריבער דעם באַרג! — — — ״

און אָט ווי דער דיכטער שילדערט מיט דעם גאַנצן פאָלקלאָרישן חן און טעם די אַראַבישע לעגענדע:

הערן אראבער און שווייגן, און וואונדערן זיך: כאַפּן אויף די רייד פון דעם אַלטן — אַ „הייליקער״ ער הייבט אויף די אויגן און זאָגט: ׳געבענטשט איז אללאַה! געבענטשט איז זיין נביא, דיינע אויגן האָבן געזען די מתים פון מדבר. גאָטס מחנה, א פאַרצייטיקער דור, אַלט און שטארק ווי די פעלזן פון אַראַביע.

„און גאָט האָט זיי פאַרשלאָסן צווישן די בערג און געוואָרפן אַן אייביקן שלאָף אויף זיי — —

„הערן די אַראַבער און שווייגן און גאָטס פורכט אויף זייערע פּנימער און ווידער ווערט שטיל און איינזאַם און נאַקעט שטייט ער, דער מדבר״.

„אַ גאַנצע נאַכט האָבן געזאָטן פייערדיקע ימען... שטערן האָבן געשפּריצט פון די צעברענטע הימלען און פונקענווייז זיך געשאָטן אויף דער ערד״... זאָל גלוטיקער הוליען דער העלישער פייער פלאַם!״ — אזוי הייבט ביאַליק אָן זיין „מגילת האש״ (לויט דער איבערזעצונג פון י. י. שווארץ).

דער סוזשעט פון דער „פייער־מגילה״ וויקלט זיך ארום דער לעגענדע פון חורבן בית המקדש, אָבער די העלדן פון דער פּאָעמע זיינען „א צארטער בחור מיט ווייכע טרוימענדיקע אויגן און אַ פורכטבאַרער מאַן מיט טיפע צאָרנדיגע בליקן״.

די דאָזיגע פּאָעמע וועגן וועלכער מען האָט שוין אַזויפיל געשריבן און ארייננגעטייטשט איז אָבער געווען א פּראָדוקט פון איר צייט.

געשריבן האָט ביאַליק די מגילה אין 1905, אין יענעם יאָר ווען אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן „געזאָטן פייערדיקע ימען״ און „שטיקער צעריסענע וואָלקנס, אַנגעזאָפּט פייער און בלוט״ האָבן געוואַנדערט איבער די ברייטן פון לאַנד. סטרייקס אין די פאַבריקן, דאָס אָפּשטעלן דעם אייזנבאַן פּאַרקער, פויערים אויפשטאַנדן, אונטערגעצונדענע מאַיאָנטקעס, וועלדער, און איבער אַלץ — דער בונט פון די מאַטראָסן אויף דערשיף „פּאָטיאָמקין״, גאַנצע פינף טעג, פון 14טן ביזן 18טן יוני, לעבן אָדעס וואו דער דיכטער האָט געלעבט.

ביאַליק׳ס פריינט און חבר יעקב פיכמאַן דערציילט אין זיינע זכרונות, וועגן איינדרוק וואָס דער מאַטראָסן־אויפשטאַנד אויף דער „פּאָטיאָמקין״־שיף האָט געמאַכט אויף אים אַליין און אויף ביאַליק׳ן. פיכמאַן דערציילט:

„מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין אַלעקסאַנדער־וועלדל און קוקן

אויף דעם ריזיקן פונקט — די שיף און איר רויטע פאָן, וואָס האָט גע־פלאַטערט ווי א א פרייהייט־בשורה פאַר אַלע פאַרשקלאַפטע פעלקער פון רוסלאַנד... אין איינעם פון די טעג האָבן די אויפשטענדלער אונ־טערגעצונדן דעם האפן, אַנגעצונדן דעם נאַפט־זאַפּאַס און דער גאַנצער ברעג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ים פון זודיקע פלאַמען. פייער־צונגען האָבן געלעקט דעם אַרום און אויפרייס־קולות האָבן געהילכט אין דער לופט. ווען איך האָב שפּעטער געלייענט די פייער־בילדער פון „מגילת האש" איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ביאַליק האָט זיי געשריבן אונטערן דירעקטן איינדרוק פון אָדעסער פלאַמענ־דיגן האַפן".

און דער דיכטער אַליין האָט שפּעטער דערציילט, אַז פון אָנהויב האָט ער פאַרטראַכט א רואיקע עפּישע נאָוועלע, אָבער ווען ער האָט זיך געזעצט שרייבן, איז ער אריינגעפאלן אין אַן אַנדער טאָן. ביאַליק זאָגט: „יענע טעג זיינען געווען די טעג פון פּאָטיאָמקין בונט און די אַטמאָספערע איז געווען עלעקטריזירט. די געמיטער זיינען צעשטורעמט, און איך אַליין האָב אַנטייל גענומען אין דעם שטורם און מיט אַן אינערלעכן פיבער און אַנגעגליטן געמיט האָב איך זיך פאַרקליבן אין מיין צימער און אָנגעשריבן די פּאָעמע. („עטוואָס וועגן 'מגילת האש" אין „דברים שבעל פה"").

סיי די „טויטע פון דער מדבר" און סיי די „פייערדיקע מגילה" זיינען פארבליבן שטיקער גרויסע קונסט, אויסדרוקן פון צייט און דויערנדיק..

שמואל יוסף עגנון — מייסטער פון העברעאישער נאוועלע

אין איינער פון זיינע מיניאַטור־עסייען דערציילט דער העברע־אישער פּראָזע־מייסטער ש מ ו א ל י ו ס ף ע ג נ ו ן:

„ווען דער בעל־שם־טוב האָט געוואָרט אויף עפּעס א נס, פּלעגט ער גיין צו אַ געוויסן אָרט אין וואַלד, מאַכן דאָרט אַ פייער און מתפּלל זיין אין דער שטיל,— און דער נס איז געשען. ווען דער מעזעריטשער מגיד, זיין תלמיד, האָט געוואָלט אַז אַ נס זאָל געשען, פּלעגט ער גיין צו דעם זעלביקן אָרט אין וואַלד און זאָגן: „מיר ווייסן מער נישט ווי צו מאַכן דעם הייליקן פייער, אָבער מיר קאָנען מתפּלל זיין, — און וואָס ער האָט געוואָלט איז געשען.

„שפּעטער מיט א דור, ווען ר' משה ליב סאַסאָווער האָט געוואָלט עפּעס פּועלן ביים רבונו של עולם, איז ער אויך געגאַנגען אין וואַלד אריין און האָט געזאָגט: „קיין פייער קאָנען מיר נישט מאַכן, אויך דער סוד פון תפילה איז בעוונותנו הרבים פארהוילן פון אונז די איינציקע זאַך וואָס מיר ווייסן, איז וואו עס געפינט זיך דאָס אָרט אין וואַלד. מוז דאָס זיין גענוג". — און דאָס איז געווען גענוג.

אָבער ווען נאָך אַ דור איז אַוועק און ר' ישראל ריזשינער האָט געדאַרפט עפּעס פּועלן, האָט ער זיך געזעצט אויף זיין גילדער־נעם שטול אין פּאַלאַץ און געזאָגט: „מיר ווייסן שוין מער ניט ווי אָנ־צוצינדן דעם פייער, מיר ווייסן אפילו נישט וואו עס געפינט זיך דאָס אָרט אין וואַלד; די איינציקע זאַך וואָס אונדז איז געבליבן — איז די מעשה וועגן דעם ווי דער נס איז געשען"... האָט ער דערציילט די מעשה — און דאָס האָט געווירקט, פּונקט ווי די מעשה פון די פריערדיקע דריי צדיקים..."

עגנון איז מיט דעם אויסן געווען מרמז צו זיין, אַז די לעגענדע לעבט איבער דאָס וואָס אין איר איז דערציילט. יעדע קונסט־ווערק, יעדע אידעע, בלייבט איבער אפילו ווען די ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט, איז שוין לאַנג פארשוואונדן...

די דאָזיקע לעגענדע איז זיכער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם וואָרט־כישוף פון דעם וואונדערלעכן פּראָזאַאיקער עגנון.

דער מייסטער פון אַ נייעם פּראָזע־סטיל און נוסח איז איינציק אליין אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. אין טעמאַטיק איז ער זיכער א יורש פון מענדעלען. ווי דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור האָט אויך עגנון אריינגעבראַכט אַ סך אידיאָמאַטיק אין פאָלקס־לשון, אָבער דער פונדאַמענט פון זיין פּראָזע איז דער קלאַסישער העברעאישער סטיל פון מדרש און דער אגדה. עס איז פּראָזע מיט אַ ריטם פון פּאָעזיע און עס איז אַנגעקליידט אין לבוש פון אַ שטרענגער עפּיק. אין אַזאַ סטיל זיינען געשריבן די פּאַרצייטיקע יידישע אגדות.

פון אָנהויב אָן איז עגנונס סטיל געווען צוגעפּאַסט צום נעאָ־חסידיזם, וואָס האָט געווירקט אויף דעם שאַפן פון צענדליקער העברעאישע און יידישע שרייבער.עגנון פאַרהערלעכט אָבער ניט דווקא דעם צדיק, נאָר דער עיקר דעם חסיד, דעם פאָלקס־מענטשן. עס געלינגט אים אַרויסצוברענגען די עכטע פאָלקס־תמימות פון חסי־דישע טיפן, די וואָס זיינען ענלעך אויף זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע, אויף זיינע פעטערס און מומעס.

אין זיין גרויסער דערציילונג „הכנסת כלה״, האָט עגנון דער־גרייכט די דערציילערישע פאָלקאָמענקייט. דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג ר׳ יודל איז דער סימבאָל פון אמונה, גלויבן און עניוות, באַשראַלט מיט יענער גרויסער חסידישער הומאַנישקייט פון א פּרץ.

עגנון האָט אומגעקערט די העברעאישע דערציילונג צו איר אַלטן קוואַל. תורה־פּסוקים און ווערטלעך פון דער גמרא, וואָס אין יעדער מאָדערנער דערציילונג וואָלטן זיי ניט געפּאַסט, ווערן אריינגעוועבט מיט אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט אין דער ראַם פון זיין דערציילונג, זיי פאַרשטאַרקן דעם רושם און גיבן דעם ספּור־המעשה א באַזונדערן חן: אַט ווי עס רעדט ביי אים יודל:

„פאַרוואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן מיט צוויי אויגן? ער האָט דאָך געקענט זען מיט איין אויג. מיר זעען דאָך מענטשן וואָס

האָבן בלויז איין אויג און דאָך זעען זיי ווייל זיי דאַרפֿן, און מיר האָבן דאָך אַ כלל, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך סתם, אין דער וועלט אַריין צי וואָס דאַרף מען האָבן צוויי אויגן? — אַזוי פֿרעגט ר׳ יודל און ער ענטפֿערט:

דערפֿאַר איז דער מענטש באַשאַפֿן געוואָרן מיט צוויי אויגן כדי ער זאָל זען מיט איין אויג די גרויסקייט פֿון גאָט און מיטן צווייטן אויג זאָל ער זען זיין אייגענע שיפֿלות.

און די דאָזיקע מידה פֿון הכנעה און באַשיידנקייט פֿאַרגלייכט דער חסיד מיט דער גרויסער ליבע פֿון ר׳ משה לייב סאַסאָווער (דער פּראָטאָטיפּ פֿון י. ל. פּרצעס „אויב ניט נאָך העכער") וואָס פֿלעגט מיטפֿילן דעם צער פֿון יעדן מענטשן ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענער צער און ער פֿלעגט זאָגן: „דער וואָס קען מיט זיין מויל ניט אויסזויגן די קרעץ פֿון קאָפּ פֿון אַ יידיש עופּהלע, האָט ניט דערגרייכט קיין העלפֿט פֿון אהבת ישראל".

עגנונ׳ס פּראָזע איז איינגאַנצן אין דער טראַדיציע פֿון פֿרום־יידישן נוסח. זיין אַטמאָספֿערע איז אַ דורכאויס יידישע, ניט נאָר דער מענטש לעבט און רעדט ביי אים אויף יידיש, נאָר אַפֿילו די חיה און עוף, דער דומם און פֿלאַנץ, דאָס שטילע לעבן פֿון די צוויי פֿערד פֿון נטע בעל עגלה, די פֿערד וועלכע פֿירן ר׳ יודלען אויף זיינע וויטע נסיעות, זאַמלען געלט כדי חתונה צו מאַכן אַן אָרעמע כלה, הייסט איינער „משכני" (ציִ מיך) און דער צווייטער „נרוצה" (לאָמיר לויפֿן!). זיי ווערן שותפֿים צו דער מצווה פֿון הכנסת כלה און זיי רעדן מיט פּסוקים ווי עטלעכע תלמידי חכמים „און עס איז ניטאָ אַזאַ אַכסניה וואָס מ׳זאָל זי ניט קענען דערשמעקן פֿון אַ מהלך פֿון אַ תחום שבת".

עגנון איז אויף אַזוי ווייט יידיש אין זיין מאָלעריי אַז ער פֿאַרגלייכט זיין העלד׳ס קערפּער צו אַן „אַלף". „צו וועמען איז ר׳ יודל געגליכן, בעת ער גייט מיטן שטעקן און זיינע זאַכן אויף זיין פּלייצע אַן איינגעבויגענער אין דריַיען? צו אַן אלף — זיין פֿוס זעט אויס ווי דער פֿוס פֿון אַן אלף". אַזאַ אינערלעכע און אויסערלעכע כוונה געפֿינט מען נאָר אין מענדעלעס פּראָזע.

זיין דערציילונג איז ניט פארבונדן מיט איין הויפט־טעמע א גאַנצע ריי נעבן־טעמעס ווערן אריינגעפלאָכטן אין יעדער קאפיטל און זיינען זאכן פאר זיך אליין. כאָטש דער ספור־המעשה גיט איבער דאָס לעבן פון דעם העלד זיינען דאָך די אַנדערע נעבן גע־שטאלטן זאַכן פאַר זיך אליין. יעדעס מאָל וואָס אַ נייער העלד דער־טיינט אין א דערציילונג לאָזט עגנון איבער דעם הויפט־העלד און ברענגט אַריין גאַנץ נייע מאָטיוון. עס איז ווי מענדעלעס באַקאַנטער „נישט דאָס בין איך אויסן״.

צו די נייע מאָטיוון פון רחמים און עניוות וואָס שטראַלן אין זיינע נאָוועלן קומען צו די מאָטיוון פון אָרעמקייט און ליבע.

זיין ליבע ווי זיין גלויבן און בטחון זיינען דורכאויס יידיש. עס איז די ליבע פון צניעות, תמימות און ריינקייט. דאָס איז די ליבע פון שיר השירים, די ליבע וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון רעליגיע און קדושה.

אין דער דערציילונג „אָרון קודש״ זעען מיר אָט די צוויי עלע־מענטן פון ליבע און הייליקייט. אורי, דער יידישער האָלץ־מייסטער וואָס בויט דעם אָרון־קודש, הובלט און שניידט און זינגט דערביי צו. און דינה, — אַ גבירישע טאָכטער, אַ כלה־מיידל, וואָס איז אין דער שטיל פארליבט אין אים, הערט זיינע ניגונים און גייט אויס נאָך אים פון בענקשאַפט. די שטילע בענקעניש און די צניעות׳דיקע ליבע פון די לעכצנדיקע נשמות ווערן אַריינגעקאַרבט אין דעם אָרון־קודש, אין יעדן שניט און הובל ווערט איינגעקריצט אין אַ פייערדיק אות פון ליבע, און ווען דער אָרון־קודש ווערט פאַרטיק, צעברעכט אים דינה אָף שטיקער, ווייל ער שטייט ווי אַ מחיצה צווישן איר און איר געליבטן.

אין דינה׳ן דערוועקט זיך אָבער דער געוויסן, זי ווייסט אַז זי האָט געזינדיקט, און בעת זי ווערט פארצערט פון זינדיקע ליידנ־שאַפטן, ליגט אורי צווישן די ביימער אין קאָרטן און חלומט וועגן געזאַנג און צעבראָכענע סטרונעס פון אַ פידל. און צו וואָס איז דער אָרון געגליכן? — פלעכט עגנון אַריין אין דער ראַם פון זיין דער־ציילונג אַ מדרש, — „צו אַ פרוי וואָס שפרייט אירע הענט אין אַ

תפילה און אירע צוויי בריסטן זיינען די צוויי לוחות הברית, וואָס טראָגן זיך פון איר האַרץ אין אַ תפילה צו איר פאָטער אין הימל".

ווי ביאַליק איז אויך עגנון דער משורר פון דלות. ביי עגנונען איז אָבער די יידישע אָרעמקייט ניט קיין האַרבע, מאָנענדיקע, טוט אָן אַ זיידן טיכל אויף איר קאָפּ און שטראַלט מיט רחמים. אין דעם פּרט איז עגנון אוי דאַנדערש פון מענדעלען. ביאַליק האָט געשמיסן מיט דער בייטש פון גאַליקן סאַרקאַזם, און נאָכדעם געקושט די יידישע וואונדן; איז דער דלות ביי אים אַ שרייענדיקער, ער קען די שאַנד פון דער מאַמען די עלנטקייט פון א פאָטער ניט מוחל זיין; עגנונס אָרעמקייט איז אַ שטאָלצע. די פּאַרביטערטקייט ווערט פאַרביטן אויף אַ ווייכן הומאָר.

„אַז ר' שמעון יעראסלאַווער פלעגט אריינפאַלן מיט אַ כאַפּטע חסידים אויפן וועג צו זיין רבין, דעם „חוזה פון לובלין", א הונגע־ריקער און די קרעטשמערקע פלעגט אים גיבן רויטן באָרשטש מיט הייסע קאַרטאָפל, האָט ער איר דערפאַר געגעבן א קמיעה זי זאָל האָבן קינדער. מען האָט געעפנט די קמיעה און געלייענט: „אַז די קו איז יונג פאַרוואָס זאָל זי ניט געבוירן"....

אַין זיין דערציילונג „מעלות ומורדות", איינע פון זיינע בעסטע דערציילונגען זאָגט דער רב, וואָס ליידט דחקות: „ווען כ'וואָלט ניט געפּאַסט מאָנטיקס און דאָנערשטיקס וואָלט איך געשטאָרבן פאַר הונגער, און עס זיינען פאראן מער רבנים ווי שטעטלעך".

אין דער גרעסערער דערציילונג „והיה העקב למישור" (דער קרומער וועט ווערן גלייך) ווערן געשילדערט די יורדים משה חיים און זיין פרוי קריינדל טשארנע. עס ווערן אָנגעוואָרפן דלות־בילדער אין די הונדערטער, אָבער קיין ביטערקייט זעט מען ניט. „און אַז מען האָט געדאַרפט האָבן אַ ניי קלייד, און עס ניט געהאַט — ווערט דאָרטן עגזאָגט — „האָט מען זיך אָנגעהויבן אינדערוואָכן באַ־נוצן מיט שבתדיקע בגדים, פלעגט מען די אָרעמקייט אַרומוויקלען אין זיידנס". און אַז אין הויז האָט אָנגעהויבן שטיקן דער הונגער „און עס האָט פּאַסירט, אז די זון איז פאַרגאַנגען און עס איז גע־וואָרן שבת און עס איז אַפילו ניט געווען קיין שוואַרץ ברויט, איז

קריינדל שאַרנע געגאַנגען און גענומען אַ פּאָר שטיינער און זיי אוועקגעלייגט אונטערן זיידענעם צודעק כדי לייטן זאָלן ניט זען איר דלות״.

אַ וואונדערלעכע דערציילונג איז „אגדת הסופר״ (די לעגענדע פונעם סופר) וואו עס ווערט געשילדערט די צניעות׳דיקע ליבע און איבערגעבנקייט פון רפאל דעם סופר צו די ספרים, וואָס ער שרייבט, און צו זיין פרוי, דער עקרה. אַז עגנון וויל פאַרגלייכן די אותיות פון דער ספר תורה, זאָגט ער: „שוואַרץ־שיינענדיקע אותיות טוקן זיך אויף דער יריעה, ווי אַן עדה פון פייגל שבת־שירה אויף די שנייאיקע בערגלעך פון שול־הויף״.

הונדערטער אַזעלכע שיינענדיקע דימענטן זיינען צעוואָרפן איבער עגנונס ראָמאַנען און נאָוועלן.

אַ ראָמאַן וואָס האָט אַוועקגעשטעלט עגנונס פּראָזע אויף אַ הויכער מדרגה, איז זיין ווערק „אורח נטה ללון״ (אַ גאַסט אויף נאַכט־לעגער). אין דעם ראָמאַן באַשרייבט ער א באזוך אין שטעטל אין די שפּעטערע דרייסיקער יאָרן, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער שרייבער איז פאַרפאָרן אין זיין היים־שטעטל א קוק טאָן, וואָס עס איז געוואָרן פון זיין היים און אים איז געלונגען ווי קיינעם פאַר אים, צו געבן דאָס פּויליש־יידיש שטעטל אין זיין אייגנאַרטיקן סטיל און מאָלעריי. ער באַשרייבט דעם עלטערן דור אין פאַר־מלחמה׳דיגן פּוילן, אַן אָפּגייענדיקער און רעזיגנירטער דור. פון די געשטאַלטן און טיפּן וואָס ער פירט ארויס ווייעט א וואַרעמע מש־פּחהדיקייט באזונדערס קריצן זיך איין אין זכרון די „אָפּגייענדיקע משפחה״ באַח, די אייגנטימער פון דער אַכסניה און דער אינטע־רעסאַנטער פאָלקס־טיפּ ירוחם חפשי.

דער ירוחם חפשי (פרייער) דערציילט דער שרייבער, איז אַ פאַרברענטער קאָמוניסט. דער גאַסט האָט אים געטראָפן ביי דער זאגט צוענטפערן אויף זיינע (דעם לאַסטס) פראגן. ווען עגנון פרעגט אים, פאַרוואָס ער איז ברוגז מיט אים„ ענטפערט אים ירוחם, אַז דאָס איז ער שולדיק אין אַלע צרות פון זיין לעבן. צוליב

אים איז ער אַמאָל געפּאָרן קיין ישראל. ער האָט גע׳חלומט, אַז ער, עגנון, וועט אים דאָרט באַגעגענען מיט אַ „שיינענדיק פּנים״ און זיך טיילן מיט אים מיטן לעצטן ביסן. אָבער ער האָט זיך באַלד ענטוישט, ווייל ער האָט אויסגעפונען, אַז אויך אין ציון, דאָס אויסגעטרוימטע לאַנד, לעבן מענטשן ווי אין אַלע לענדער, מיט לייטן גלייך, מיט אָרעם און רייך.

דער סוף פון דער מעשה איז: ירוחם האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אייגנטימער פון פּענסיאָן, וואו עגנון איז איינגעשטאַנען, און זי איז געווען א חלוצה, וואָס האָט זיך געגרייט אָפּפאָרן קיין ישראל. עס איז ביי זיי געבוירן געוואָרן א קינד און צו דער שמחה פון ניי־געבוירענעם האָט זיי דער שרייבער געגעבן אַ מתנה — דעם שליסל פון אַלטן בית מדרש, וואָס די אייגוואוינער פון אונטערגייענדיקן שטעטל האָבן אים געגעבן,מוצאי יום כיפור, ער זאָל פאַרשליסן די שול, ווייל סיי ווי וועט שוין קיינער אַהין ניט קומען דאַוונען און לערנען. דאָס ערשטע קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּויליש־יידישן שטעטל פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען א קינד פון א קאָמוניסט. ווי עגנון וואָלט געוואָלט שאַפן א סימבאָל פאַר אַ נייעם געזונטן סינטעז, וואָס וועט דאַרפן פאַרלאָזן די חרובע, פון יידן אויפגעלייזטע מזרח־אייראָפּע און אויפגיין קיין ישראל בויען דאָס לאַנד אויף די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם...

עגנון פירט אַרויס נאָך טיפן וואָס פאַרקערפּערן די אידעאָלאָגיעס און די איינשטעלונגען, געוואוינהייטן און אויפפירונגען.

אַ ווערק פון גרויס רעאַליזם, וואָס איז גלייכצייטיק טיף סימבאָליש איזזיין גרויסער ראָמאַן פון דער צווייטער עליה (אימיגראַציע) אין אַרץ ישראל, „תמול שלשום״ (נעכטן־אייער־נעכטן). אין דעם ראָמאַן האָבן מיר פּרעכטיקע בילדער פון יפו, תל אָביב און ירושלים. ער וויקלט פאַר אונז אויף די מגילה פון אַ דור וואָס איז געקומען אָנגעגורט מיט אידאַליזם צו בויען א היים אויף די זאַמדן און עס אַנטפּלעקן זיך פאַר אונז די טיפּן און די געשטאַלטן פון אַלטן און נייעם ישוב. באַזונדערס שאַרף געצייכנט זיינען די טיפּן

פון דעם פרומען קוואַרטאַל אין ירושלים „מאה שערים", מיט זייער דלות, פאַנאַטיזם און אפילו אייגנארטיקן קלאסנקאַמף. עס פאַרקריצן זיך אין זכרון די בילדער פון דער ירושלימער לאַנדשאַפט, די שיל־דערונגען פון דעם שטייגער לעבן און די סימבאַליק פון דעם „משו־גענעם הונט" בלק וואָס גייט נאָך דער צענטראַלער געשטאַלט פון ראָמאַן יצחק קומער.

„תמול שלשום" איז די מגילה פון דורותדיקן פאַרוואָרצלטן יידישן לעבנס־שטייגער אין אַלט ירושלים אויף די וועגן פון אירע באַגעגענישן מיט דעם נייעם, אויפקומענדיגן. עס איז אַלט־ניי ירושלים און קינסטלערישן תיקון.

אין זיינע פּרעכטיקע פּאַלקסטימלעכע דערציילונגען „אגדות פולין" (די לעגענדעס פון פוילן) איז עגנון דורכאויס סימבאָליש. דאָס זיינען לעגענדעס געוועבט אויף דער קאַנווע פון פּאַרצייטיקן יידישן לעבן אין פוילן, אויפן פאָן פון א קאַלטער סלאַווישער לאַנד־שאַפט. צווישן די פאַלקסטימלעכע דערציילונגען איז ווערט צו דערמאָנען אַ דערציילונג וואו „ע ר" אליין (יעזוס) דערשיינט.

די דערציילונג וואָס הייסט „מעגלי צדק" (גערעכטע שטעגן) איז וועגן אַן אַלטן עסיק מאַכער, וואָס שפּאַרט אָפּ פון זיין ביסן אין מויל יעדן גראָשן און זאַמלט געלט אויף רייזע הוצאות קיין ארץ ישראל. דאָס געלט באַהאַלט ער אין דער פּושקע, וואָס הענגט לעבן דעם געקרייציגטן יוזל אויף די שיידוועגן פון די פּוילישע שליאַכן און פעלדער. ווען די פּושקע איז שוין פול גייט דער עסיקמאַכער אויפרייסן דאָס דעקל און ארויסנעמען זיין געלט. די גלחים פון קלויסטער גייען דעמאָלט פאַרביי און שלעפּן אים אוועק אין געריכט, וואו מען פאַרמשפּט אים צו זיצן אין תפיסה פאַר גניבה...

אין מיטן נאַכט באַוויזט זיך אין תפיסה־צעל דער „אותו האיש" (יענער מאַן) און זאָגט צום עסיקמאַכער: „נעם מיך ארום און איך וועל מיט דיר פליען קיין ארץ ישראל. דער עסיקמאַכער האָט אים ארומגענומען און ביידע האָבן זיך געלאָזן פליען מיט די וואָלקנס קיין ירושלים. ערשט אין מיטן פלי האָט דער עסיקמאַכער דערשפּירט, אַז ער האַלדזט אַ שטיינערנע סטאַטוע, א קאַלטע אי־

קאָנע. זיי פליען אָן איבער ירושלים. יענע נאַכט האָבן די אײַנגייאָוי־נער פון ירושלים געטראָפן ליגן א מת אין זייער קוואַרטאַל, „האָבן זיי אים באַגראָבן, ווייל עס איז פאַראַן מנהג, אָדער אַ דין אַז מען לאָזט ניט קיין מת איבערנעכטיגן אין ירושלים...״

דער פינאַל איז סימבאָליש: „אין הימל איז קיינער קיין לעבע־דיקער ניט אויפגעגאנגען. יעזוס איז א מת ווי אַלע מתים... און נאָך אַ סימבאָל: לעבעדיקע מענטשן דערגרייכן ניט דאָס לאַנד פון זייערע טרוימען דורך נסים און דורך הימלישע וואָלקנס...

די פּראָזע פון ניי ישראל

..חיים הזז געהערט צום מיטלסטן דור פּראָזאַאיקער אין ישראל. ער האָט שוין, ווי זיין עלטערער חבר עגנון, געשאַפן אַן אייגענעם נוסח אין דער העברעאישער פּראָזע און מען קען זאָגן אויף זיכער, אַז מיט אים הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער מאָדערנער פּראָזע. ח. הזז שרייבט שוין העכער דרייסיק יאָר. ער האָט אָנגעהייבן מיט דערציילונגען וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע אין יידישן שטעטל, אין אוקריינע. אַ ראָמאַן „בישובו של יער״ (אין ישוב פון וואַלד) אין צוויי בענדער און דערציילונגען „ריחים שבורים״ (צעבראָכענע מיל־שטיינע), וואָס נעמען ארום אוקריינע און ישראל, „אמאָליקע״ יידן פון דעם קליינעם שטעטל און נייע עמיגראַנטן, חלוצים און „דעק־לאַסירטע מענטשן״. אָבער אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן האָט זיך דער טאַלאַנטפולער דערציילער געגומען צו אַ נייעם ווינקל — אַרויס־צוברענגען דעם תימנער טיפּ אין דער ליטעראַטור, אויפן פאָן פון פרימיטיוון לעבן פון די תימנער יידן האָט ער ארויסגעבראַכט מיט אַ סך קינסטלערישן דערפאָלג אידייען און סימבאָלן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער באַזונדערקייט אין דער ליטעראַטור. זיינע לעצטע צוויי ראָמאַנען פונעם תימנער לעבן „היושבת בגנים״ (די איינוואוינערין פון די גערטנער) און „יעיש״, זיינען דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס און זיינען אַפילו איבערזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפּראַכן.

חיים הזז איז ניט קיין רעאַליסטישער מאָלער אָדער שטייגער־שרייבער. ער איז מער אידייען־קינסטלער. ער באַמיט זיך אפילו ניט צו „טיפּיזירן״ זיינע העלדן, אָבער ער ברענגט־אַרויס די מענ־טאַליטעט פון זיינע העלדן, אז מיר הערן זייער טראַכטן. זיין גאַנצע אַטמאָספערע ווערט בטל קעגן דעם באַזונדערן אידייאישן פלאַם, וואָס

לויכט דורך זיינע ווערק, כאָטש זיינע מענטשן זיינען אָרגאַניש גאַנץ אין דער אַטמאָספּערע, וואָס ער בויט אויס.

די טעמע פון ראָמאַן „היושבת בגנים" איז אומגעוויינלעך: צוויי תימנער פרומע יידן, מרי סעיד, מרי אלפקעא. זיינען די צענטראַלע העלדן. סעיד איז א משיחישער טרוימער, וואָס זעט זעאונגען ... טייטשט־אויס די פסוקים מיט זיכערקייט ווען משיח וועט קומען. פאַר מרי סעידן איז בכלל ניטאָ קיין ווירקלעכקייט, חוץ דער וואָס ער טרוימט: און דער צווייטער, מרי אַלפקעא, טרינקט מיט דאָרשט די וויזיעס פון זיין חבר. ער איז, אגב, דער "וועלטלעכער" טיפּ, וואָס ברענגט סעיד'ן די נייעס פון דער וועלט.

אונטער דעם „איבערבוי" פון דער משיחישער וויזיע פירט דער דערציילער דורך די אָרעמע תימנער סביבה — די באָרוועסע, הונגעריקע האָראָפּאשנע מענער, פרויען און קינדער, וועשערינס, שיך־פּוצער. איינער פון זיי, דער „לומפּן־פּראָלעטאַריער" ציון, מרי סעידס זון, נעמט אַפילו ביי דעם „רייכן" און וועלטלעכן אַלפקעה, — וואָס איז רייך געגוג צו קויפן נאָך אַ ווייב — צען דינרים (אַ סאָרט מטבע) אויף א וועקסל אָפּצוגעבן אין טאָג ווען משיח וועט קומען... ער קוועלט, וואָס ער האָט פאַרשכור'ט דעשטאָטנס חלום און ער וועט קיינמאָל דעם חוב ניט דאַרפן באַצאָלן! א סימבאָל פאַר א דור, וואָס האַנדלט מיט וויזיעס און טרוימען. ציון קויפט פאַר דעם געלט אַן אייזעלע, און מיט א סך הומאָר שילדערט דער שרייבער דעם מסחר, וואָס דער לומפּ פירט מיטן אייזל.

רירנדיק איז די געשטאַלט פון דער האָראָפּאַשנער פרוי, נעמי, ציונס ווייב, אַן אָרעמע וועשערין ביי די „ווייסע אַשכנזיות" (איי־ראָפּייאישע יידישע הארינטעס), וואָס וואקסט ביז א סימבאָליש גע־שטאַלט פון יידישן בטחון.

אין דעם ראָמאַן ווערט אויך ארויסגעבראכט פון דער זייט, די קאָלאָריטרייכע געשטאַלט פון ציונס און נעמיס טאָכטער, רומיה, וואָס פירט אַ ילבע מיט אַ בחור פון אַ קיבוץ. אָבער סיי רומיה גופא, פיי די ליבע בלייבן ווי העגגען אין דער לופטן, זיי בלייבן ווי אַן עפּיזאָד, וואָס פאַלט אינגאַנצן ארויס פון קאָנטעקסט פון דער דערציילונג.

הזז קאַרגט אויך ניט קיין נאַטוראַליזם ביים שילדערן דעם שטייגער לעבן פון די תימנער. עס פעלן דאָ ניט קיין עראָטישע סצענעס, וואָס גיבן בדרך כלל ניט צו קיין באַזונדערן חן דעם ראָמאַן.

„היושבת בגנים״ איז חזז׳ס ערשטע גרעסערע קינסטלערישע ווערק. מיט זיין הומאָר איז דער ראָמאַניסט פאַרברידערט מיט שלום עליכמען, מיט זיין איראָניע איז ער ענלעך אויף מענדעלען, און מיט זיין ארויסשעפּן פּערל פון די פאָלקס־טיפעניש — אויף פּרצן. אַ גאָר פיינער אַטעסטאַט פאַר אַ פּראָזאַאיקער.

אַן עדות אויפן פּאַראויסוואוקס פון דער ישראלדיקער פּראָזע סיי טעמאַטיש, סיי אין דער קראַפט פון שילדערן און דערציילן, זיינען די נאָוועלן פון דעם יינגן תימנער נאָוועליסט מרדכי טביב, וואָס זיין ערשט בוך „כעשב השדה״ (ווי גראָז אין פעלד) און זיין לעצטע זאַמלונג דערציילונגען „דרך אל עפר״ (דער וועג צום שטויב) באהאנדלען די צווישן־באַציאונגען פון די תימנער און די אייראָפּייאישע יידן אין ישראל.

דאָס ערשטע בוך איז אַ קינסטלעריש־בעלעטריסטישע ביאָגראַפיע פון אַ תימנער יינגל יחיא בן יחיא וואָס איז געבוירן געוואָרן אין תימן ביי פרומע האָראָפּאַשנע עלטערן, האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן לעבנס־גאַנג פון זיין שיכט, ביז ער איז דערגאַנגען צום נייעם ארבעטער־לעבן פון ישראלדיגן דאָרף און קאָמונאַלער ווירטשאַפט. אַנדערש ווי זיין עלטערער מזרח־אייראָפּייאישער קאָלעגע הזז, איז דער יינגער טביב. ער איז ווייניקער סימבאָליש און מער רעאַליסטיש. טביב פאַרמאָגט ווייניקער אידייען און וויזיעס, ווי הזז, דערפאַר אָבער איז זיין בוך אַן אָרגאַנישער ארויסוואוקס פון די טיפעניש פון תימנער לעבן און איז די פאַקטישע ביאָגראַפיע פון דעם שרייבער אליין.

צו דרייצן יאָר האָט שוין דער שרייבער און זיין העלד געאַרבעט שווער אין די פּרדסים (ציטרוס־פּלאַנטאַציעס) פון די קאָלאָניסטן, געווען אַ האָפן־אַרבעטער און אַ שומר (וועכטער), ביז ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין „הנוער העובד״ (יוגענטלעכע ארבעטער אָרגאַ־

ניזאַציע), האָט אָפּגלעבט זעקס יאָר אין אַ קיבוץ. אין פּרט פון קינסטלערישן סטיל און פאָרם שטייט טביב אויפן שייד־וועג. פון איין זייט באַנוצט ער זיך מיט רעאַליזם פאַר דיאַלאָג און סאָציאַלער כאַראַקטעריסטיק פון טיפּ, און, פון דער צווייטער זייט, האַלט ער זיך פאַר דער פּסיכאָלאָגיש־באַגרענעצטער האַנדלונג־ליניע. אין דעם בוך „ווי גראָז אין פעלד" זעט מען דעם באַזונדערן געמיט־צושטאַנד פון דער תימנער יוגנט, וואָס ליידט פון דעם אַזוי־גערופענעם „ראַסן"־אָפּגרונט צווישן די אייראָפּייאישע יידן און די מזרח־יידן. אויפן פאָן פון זיין דעטאַלער שילדערונג ווערט צום אַלעם ערשטן אַנטפּלעקט דער אונטערשייד צווישן דער פרייער דערציאונג פון די אַשכנזישע קינדער, פון זייער אַרט לעבן און לערנען, און דעם פינצטערן חדר פון די תימנער יינגלעך, וואו תורה ווערט דאָרט אריינ־געקלאַפּט און אריינגעשמיסן ביז בלוט. אינאיינעם מיט דעם ווערט אויך אונטערשטראָכן די סאָציאַלע ליניע צווישן רייך און אָרעם אין די קאָלאָניעס.

„ווי גראָז אין פעלד" איז די אויפקום־געשיכטע פון תימנער דאָרפישן ניי־לעבן. אין פּרט פון אַנטפּלעקן שטייגער־טיפּ דורך דעם נייעם סאָציאַלן קאָמפּלעקס פון מעשים, כאַראַקטער־באַוועגונג און כאַראַקטער־רייד איז דאָס בוך אַ היפּשע און גאָר פיינע דערגריי־כונג אין דער נייער העברעאישער פּראָזע.

ס. יזהר איז אַ דורכאויס ישראלדיקער שרייבער.

ווען מען זאָל ווערן אויבנאויפיק כאַראַקטעריזירן דעם מהות פון יזהרס פּראָזע, וואָלט מען אפשר געקענט זאָגן אַז זי באַלאַנסירט צווישן ברענערן און גנעסינען. ער האָט זיך באַוויזן ווי קרעפטיקער דערציילער מיט אַן אויג אויף רעאַליסטישע און אימפּרעסיאָניסטישע עפעקטן און איז אויך אַ פּראָבלעמען זוכער.

יעדער דעטאַל פון יזהרס דערציילונג און נאָוועלע איז ארויסגע־נומען פון די אָרטיקע, די ישראל'דיקע ווירקלעכקייט־ספערן. „די פאַבולע פון זיינע דערציילונגען לאָזט זיך ניט אריבערטראָגן אין אַן אנדער פלאַץ און אין אן אנדער שפּראַך: מחמת די דערציילונגען

טראָגן אויף זיך א דייטלעכן שטעמפּל פון לאַנד״ (י. זמורה, „גאָלדענע קייט״).

אין זיינע דערציילונגען וועגן קבוצה־לעבן טרעפן מיר די שטילע באַגייסטערונג, וואָס באַהערשט דער יוגנט, אָבער אויך די מידקייט בונט און פּראָטעסט פון די געשטרויכלטע, און אַלץ ווערט געגעבן איוף דער פאָן פון דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט.

ביי גנעסינען האָט יזהר זיך געלערנט קריצן אַ שטריך נאָך אַ שטריך, ביי ברענערן די פּראָבלעמען־זוכעניש און די דעמאַסקי־רונג פון שלייערן.

לאָמיר דאָ פּראַוון קלאָר מאַכן דעם תוך פון זיין פּרעכטיקער נאָוועלע „השבוי״ (דער געפאַנגענער), וואָס שטעלט דעם אַקצענט, דער טראָפּ אויף אַ געוויסנס־קאָנפליקט פון דעם העלד אין א נייער סיטואַציע, וואָס די מלחמה פון ישראל מיט אירע אַראַבישע פעלקער שכנים האָט אַרויסגערופן.

„דער געפאַנגענער״ — איז א געשיכטע וועגן אַ קאָמאַנדיר אויפן שלאַכטפעלד, וואָס נעמט געפאַנגען אַן אַראַבישן פּאַסטוך, אַכמעד. „דער בחור איז געזעסן אויף אַ שטיין און געהיט זיינע טשערעדעס. ער האָט אוועקגעשליידערט זיין שטעקן און געלאָפן מיט אַ פאַר־לוירענעם קאָפּ ווי א געיאָגטער הירש״. מען ברענגט דעם אַראַבישן פּאַסטוך אין דער קאָמאַנדע און מען פּרובירט אַרויסקריגן פון אים מלחמה־סודות. די נאָוועלע איז פאַרטראַכט מיט טראַגישן הומאָר און איז ליריש אין דער קאָמפּאָזיציע און אין טאָן. פאַרשכורט פון נצחון פאַסמאַקעווען זיך די חברה סאָלדאַטן איבער דעם האַלב־שטומען אַראַבער, וואָס ווייסט ניט ווער ס׳האָט אים גע־שלייערט.

מען פרעגט אים אויס און אַז ער ענטפערט, אַז ער ווייסט פונגאָרניט, רופן חברה אויס: „אַי וועט דאָס זיין אַ גולאַש! דערלאַנג פּעטש! זאָלט ניט זשאַלעווען! אויף דיר האָט מען אויך קיין רחמנות ניט! און חוץ אַלעמען: דער גוי פאַרשטייט זיך נאָר אויף קלעפּ, איז געוואוינט צו פּעטש, איז — דערלאַנג!״

און דאָ אַנטפּלעקט זיך אַן אינערלעכער דיאַלאָג צווישן דעם שרייבער, אָדער העלד, אַ סאָציאַליסטיש־דערצויגענער דאָרפס־מענטש, און זיך גופא,ביישפּילן פון דעם געוויסנס־קאָנפליקט:

„געגנוג גערעדט וועגן הומאַניזם און סאָציאַליזם. לאָז אים אָפּ און דו ראַטעוועסט אַ מענטשן! די גערעכטיקייט זיצט איצט טאַקע אין דיינע צוויי הענט ממש!"

„אָבער איך בין אַ סאָלדאַט", — ענטפערט אים אַן אינערלעכע שטים — „אַ באַפעל איז אַ באַפעל, און ווען זיי וואָלטן דיך געכאַפּט...

„אָבער אויב דו באַפרייסט אים ניט", — לאָזט דער געוויסן ניט אָפּ, „וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן אַלע דיינע רייד וועגן אונטערדריקונג, וועגן אמת, מענטשלעכקייט, באַפרייאונג... ער איז דאָך אַ בחינום־דיקער קרבן פון די אינטריגעס פון זיינע מענטשן".

אָבער די פליכט לאָזט ניט אָפּ:

וויבאַלד מיר וועלן אָנהייבן באַפרייען, טאָ ווי ווייט וועלן מיר פאַרפאָרן! ווער האָט אים געהייסן אָנהייבן די פאַרשאָלטענע מלחמה? פאַרשטייט זיך, אַז דו באַפרייסט אים ניט. קלאָר ווי דער טאָג!"

און דער פינאַל פון דער נאָוועלע איז דראַמאַטיש־ליריש און פאַרברייטערט און פאַרטיפט דעם אינהאַלט און דעם אידייאישן פאַרנעם פון דער דערציילונג. „די זון איז פאַרגאַנגען... עפּעס אַ נאָגנדיקער טרויער האָט זיך באַזעצט אין האַרץ. יענער פאַרשאָלטענער טרויער פון גיי ווייס, עפּעס אַ צעראַבעוועטע טשערעדע שאָף, עפּעס אַ ווייב, פּאַטימע אָדער כאַלימע אין דאָרף, עפּעס אַ פאַרשניטן לעבן און ער וועט בלייבן דאָ צווישן אונז, אַ ניט פאַרענדיקטער".

ס. יזהרס נאָוועלע „דער געפאַנגענער" טראָגט אויף זיך דעם חותם פון יענער געוויסנס־ליטעראַטור, חשבון־הנפש־פּראָזע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גרויסער ליטעראַטור. דעם דערציילערס טרויעריקער געמיט איז זייער טרעפלעך איינגעפּאַסט אין די עלעמענטן פון דער דערציילונג. די שפּיל פון סוזשעט קומט פאַר אויף דער שאַרף פון ליריק און הומאָר, און דער קינסטלערישער איינפאַל באַווייזט דעם שרייבער אינטערעסירן די טיפע פּראָבלעמען פונם יידישן שלאַכטמאַן, וואָס דאַרף דורכפירן אַזאַ „טראַגישע פליכט".

משה שמיר און זיין היסטארישער ראמאן

משה שמיר האָט זיך שוין דערוואָרבן א נאָמען אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור ווי אַ היסטאָרישער ראָמאַניסט פון דער ערשטער מדרגה. זיין ראָמאַן „מלך בשר ודם״ (קעניג פון פלייש און בלוט״) איז דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס און איז איבערזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפּראַכן. אין דעם ראָמאַן האָט ער ארויסגעבראַכט, א ברויזנדיקע און שטורמישע עפּאָכע מיט אַ סך קינסטלערישער פאַנטאַזיע און טעמפּעראַמענט.

די צייט פון „מלך בשר ודם״ איז דער לעצטער יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, ווען די צוויי ברידער אַנטיכוס דער אַכטער און אַנטיכוס דער ניינטער, האָבן געפירט קריג פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט האָבן געפירט א שווערע מלחמה פאַר דעם עגיפּ־טישן טראָן אַ מוטער מיט איר זון, קלעאָפּאַטראָ מיט איר יורש תלמי (לאַטרוס).

דער יינגער יידישער חשמונאים־מלך ינאַי (יהונתן) אלכסנדר, וואָס האָט פאַר זיך גענומען די טאָגע פון כהן גדול, האָט זיך אַריינ־געוואָרפן אין סאַמע קאָך פון דעם מלחמה־שטורעם.

לויט די אָפּענע און פארבאָרגענע מקורות האָט שמיר קינסט־לעריש רעסטאַווּרירט די שטורמישע תקופה מיט געבענטשטן סטיל און פאַנטאַזיע. ינאַי, דער שלאַכטמאַן און שטרייטער איז דער צענ־טראַלער העלד און הויפּט־ראָלן שפּילן זיין פרוי די קיניגן שלומית און איר ברודער, דער גייסטיקער פירער פון דער פרושים פאַרטיי שמעון בן שטח.

ינאַי מאַנעוורירט צווישן דער הערשנדיקער אַריסטאָקראַטיש־קלעריקאַלער צדוקים־פאַרטיי און דער פאָלקס־פאַרטיי — פרושים.

בעת א פייערלעכער סעודה אין ירושלימער קעניגלעכן פאלאץ שליידער אים בן־שטח: „אתה ינאַי — מלך בשר ודם אתה!״ (דו ינאַי ביסט א מלך פון בלוט און פלייש), ווי אַ פּראָטעסט פאַר נעמען זיך די פּריווילעגיעס פון קעניג און כהן־גדול און חתונה האָבן מיט

דער אַלמנה פון זיין ברודער קעגן דעם בפירושן פאַרבאָט פון די פרושים, אַז „כהן גדול אינו מיבם" (דער כהן גדול טאָר ניט נעמען דעם ברודערס אַלמנה).

שמיר ווייזט אָן ווי ינאַי קריגט זיינע מפּלות פון פאָלק און הייבט דערביי אַרויס די פאָרשטייער פון פאָלקס־גייסט ווי חוני המעגל, וואָס ברייגגט אַראָפּ, ווי דער פאַרצייטיקער תנכישער אליהו, רעגן פאַרן פאַרשמאַכטן פאָלק.

די הויפּט־מיטלען פון שמיר'ס קינסטלערישער קראַפט ליגן אין זיינע סאָציאַל־עטישע כוונות און אין זיין אַדעקוואַטן סטיל, דער סטיל פון דער משנה.

אין זיין פּרעכטיקער עסיי „הלכה ואגדה" רעדט ביאַליק וועגן די בילדער וואָס קומען אָפּטמאָל אין דער משנה, ווי „אַ שטייגער דער סדר עבודה אום יום כפּור, און דאָס גלייכן. אַזעלכע מאָלערישע עפּיק גיט שמיר אין זיינע פּרעכטיקע שילדערונגען פון די סצענעס אין בית המקדש, באַזונדערס אום יום־כיפּור און סוכות, ווען ינאַי פאַרברעכט קעגן איינגעשטעלטן צערעמאָניאַל פון די פרושים, וואָס גיסן וואַסער אויפן מזבח, און פירט דורך דעם צדוקישן מנהג פון גיסן וויין. דאָס רופט אַרויס דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאַסן און איז דער אָנהייב פון בלוטיקן ברודער־קריג.

די זעלבע קראַפט וואָס אין זיין נאַטור־און לאַנדשאַפט־מאָלעריי ווייזט שמיר אויך אין זיין מענטשן־געמעל. מיט אויסערגעוויינלעכער ציל־געוועגדקייט צווינגט דער שרייבער אַרויס דעם לייט־מאָטיוו פון זיין העלד אין געציילטע קאָנדענסירטע שורות. בלויז איין ביישפּיל וועגן שמעון בן שטח.

„יעדער תלמיד־חכם וואָס איז ניט האַרט ווי אײַזן איז קיין תלמיד־חכם ניט, האָט שמעון געפּראַוועט זיך אַליין שטאַרקן און איז ניט געוואָרן געשטאַרקט".

עס קומט פאָר נאָך א סצענע פון קללות, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין הויז פון דעם פרושי, שאול פון אבטינס, ווען שמעון האָט פאַרטריבן. שאול'ס פרוי גיסט אויס איר צאָרן אויף דעם קאָפּ פון פרושים'שן פירער. שמעון זאָגט צו זיך אַליין:

„גאָט אין הימל איז זיין עדות, אז ער איז, אָט דער פּרוי גאָרניט שולדיק און לויטן אָנגענומענעם דין איז ער ריין אנטקעגן איר און אַנטקעגן איר מאַן און אַנטקעגן גאָט זייער באַשעפער, און פונ־דעסטוועגן איז פאַראַן אַן אָנגענומענער דין, און עפּעס וואָס איז לפנים משורת הדין. צו ווענען זאָל די אומגליקלעכע פרוי קומען מיט אירע טענות, פאַר וועמען זאָל זי שרייען אויב אַלע זיינען צדיקים? עס איז אַ חזקה אויף אים, אויף דעם וואָס דערבאַרעמט זיך אויף אַלע באַשעפענישן, אַז ער שיקט צו זיי אַראָפּ אַ נשמה, וואָס ניט מיט דין נעמט זי זיך איבער און ניט גערעכטיקייט איז איר ציל, נייערט די ליבשאַפט צו מענטשן און די זאָרג פאַר קליינע און גרויסע פּלאָגן. און זי אַליין, די נשמה, איז טאַקע באַשאַפן נאָר זי זאָל זיך צוהערן צו די פאַרשעמטע און פאַרשטויסענע, וואָס קיינער הערט זיך צו זיי ניט צו. מעגלעך, אז דער וואָס איז מקיים ואהבת לרעך כמוך, איז גרעסער פון יענעם וואָס איז מקיים אַלע מצוות פון דער תורה" (איבערזעצט פון ג. מ.).

„דער הויפּט־אויפטו פון היסטאָרישן ראָמאַן — זאָגט דער באַ־וואוסטער ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג לוקאַטש — איז וואָס עס איז ניט קיין געשיכטע פון פּאַסירונגען און געשעענישן, נאָר אַ פּאָעטישע אויפלעבונג פון די מענטשן, וואָס נעמען אָנטייל אין די געשעענישן... א ברייטע און פילזייטיקע שילדערונג פון דעם ווען פון אַן עפּאָכע, איז ניט מעגלעך אָן דער אָפּשפּיגלונג פון דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון פאָלק, פון זיינע פריידן און ליידן".

שמיר'ס העלדן ווערן באַוויזן ניט דורך זייערע אַבסטראַק־טע לערעס, אין זייער אָפּגעזונדערטקייט פון פאָלק. די פירער וואַקסן אַרויס פון פאָלק. פירער וואָס ווערן געפירט. שמיר האָט אין זיין דאַרף מען דערקלערן דורך אַ צווייטן פאַקטאָר, — דורך דעם מעטאָד „מלך בשר ודם" געגעבן די כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן פון אַ תקופה פאַרפלאָכטן אין די יחידישע ווירקנדיקע מענטשלעכע און לעבעדיקע געשטאַלטן.

משה שמיר'ס צווייטער היסטאָרישער ראָמאַן „כבשת הרש" (דאָס

אָרעמע שעפעלע) איז וועגן דער פּיקאַנטער עראָטישער טעמע פון תנ״ך: דוד המלך׳ס זינדיקע ליבע מיט בת שבע, די פרוי פון דעם סאָלדאַט אוריה החיתי.

„כבשת הרש״ איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ זעלנערישן טאָגבוך, אַ סאָלדאַט וועמענס לעבנס־גורל און ליבע, לגגט אין די הענט פון זיין אויבער־הערשער דעם מלך.. דער אינהאַלט פון בוך לאָזט זיך ניט אויסשעפּן. עס איז אייגענטלעך די גוט־באַקאַנטע מעשה וואָס ווערט אַזוי רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטיש דערציילט אין שמואל־בוך פון תנ״ך.

און עס איז געווען קעגן אָוונט און דוד איז ארומגעגאַנגען אַפן דאַך פון קעניגלעכן הויף און האָט געזען פון דאַך ווי אַ פרוי באָדט זיך און זי איז געווען זייער שיין, און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר, און מען האָט אים געזאָגט: דאָס איז דאָך בת־שבע, די ווייב פון אוריה דעם חיתי. האָט דוד געשיקט שלוחים און זי געלאָזט ברענגען און זי איז געקומען צו אים. . . און די פרוי איז טראָגנדיק געוואָרן און דוד האָט נאָכדעם געשריבן אַ בריוו צו זיין קאָמאַנדיר יואָב׳ן, און אים געהייסן אוועקשטעלן אוריה׳ן אַנטקעגן פראָנט פון דער שטאַרקסטער מלחמה, כדי ער זאָל געשלאָגן ווערן און אומקומען. און אַזוי איז עס געווען״. (שמואל ב, יב).

ווייטער קומט דאָס מעשהלע וועגן דעם „אָרעמען שעפעלע״:

„און צו דוד׳ן איז געקומען דער נביא נתן און אים געזאָגט: צוויי מענטשן זיינען געווען אין איין שטאָט: איינער אַן עושר און דער צווייטער אַן אָרעמאַן. ביים עושר זיינען געווען פיל שאָף און רינדער און ביים אָרעמאַן גאָרניט, חוץ א קליין שעפעלע, וואָס ער האָט עס אויסגעהאָדעוועט און און ווען עס איז געקומען אַ גאַסט צום עושר איז אים אַ שאָד געווען צו נעמען פון זיינע שאָף און רינדער, האָט ער גענומען דאָס שעפעלע פון אָרעמאַן... דוד האָט געזאָגט: טויט קומט דעם מאַן וואָס האָט אַזעלכעס געטאָן און פאַרן שעפעלע זאָל ער באַצאָלן פירפאַכיק. האָט נתן געזאָגט: דו ביזט דער מאַן!״ **(דאָרט)**

שמיר האָט גענומען דעם סוזשעט פון דער ביבל־מעשה, אָדער

לעגענדע, און עס איבערגעמאָלן אזוי, אַז פון איין וואָרט פון אָרי־גינאַל האָט זיך געשאפן א פּאַנאָראמע און א ברייטער היסטאָרישער געמעל, פסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט.

די אינערלעכע קאָנפליקטן צווישן דעם פשוטן סאָלדאַט, וואָס האָט אַ פליכט פון דיסציפלין צו זיין קעניג אַוועקצוגיין אַפן פראָנט, בעת ער ווייסט, אַז דער זעלבער קעניג האָט ביי אים צוגערויבט דאָס טייערסטע, די סאָציאַלע מאָטיוון פון „עושר" קעגן „אָרעמאַן", די דיאַלאָגן, וואָס אוריה דער חיתי פירט מיט דעם קעניג און זיין אייגענעם צעוויטיקטן געמיט, זיינען איינקלאַנג מיט די געשיל־דערטע פּראָצעסן און די שטורמישע באַוועגונגען פון די דראַ־מאַטישע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין יענער צייט, ווען דוד פירט זיינע זיגרייכע קריגן מיט די פּלישתים. דער פסיכאָלאָגישער אמת קומט דאָ ארויס פון דער האַנדלונג, פון דעם העלדס באַ־וועגונגען. מיר פילן דעם ריטם פון דעם איבערלעבן אין די דינסטע שפּירונגען.

דאָס ווערק איז געשריבן אין פאָרם פון אַ טאָגבוך, וואָס אוריה פירט גאַנצע פינף טעג ביז זיין טראַגישן טויט.

אָפן „פינפטן טאָג" ווערט אינעם באַוואוסטזיין פון דעם זעל־נער צעשטערט דער גלויבן אין דער גוטסקייט פון מענטשן. ער גייט אָרום ווי אַ מענטש וואָס האָט פאַרלוירן זיין וועלט, אָבער ווי אַ רעזולטאַט פון דער טיפער טראַגעדיע וואָס ער מאַכט דורך לייטערט זיך זיין געמיט ביז פארגעבונג. „עס פּאַסירט אז א מענטשן זיינען געגעבן גרויסע אידעאלן און זיינע מעשים זיינען קליינלעך".

דער קאָמאַנדיר יואָב, וואָס לייענט פאַר אוריה'ן דוד'ס בריוו, ראָט אים ער זאָל באַצייטנס אַנטלויפן פון פראָנט, אָבער אוריה נעמט אָף זיך דעם גורל פון גרויזאַמען טויט. אָף דער שוועל פון זיין אומקום באַפרייט ער זיך פון זיין „נישטיקייט" לגבי דעם דעס־פּאָטישן ווילקיר פון מאַנאַרך, און דעמאָלט ווערט אים קלאָר, אַז עס איז פאַראַן עפּעס וואָס איז גרעסער און דערהויבענער פון אַ קעניג, וואָס בויט אויף אַ מלוכה, — דער פשוטער מענטש, וואָס איז טאַקע אַ קרבן פון דעספּאָטישעליידנשאַפטן, אָבער ער איז מענטש־

לעכער און געלייטערטער פון דעם רעגירער, דעם נאַציאָנאַלן העלד, וואָס קען זיך ניט באַפרייען פון זיינע פיזישע און עגאָאיסטישע אינסטינקטן.

דאָס בוך ענדיגט זיך ווי יואָב הייסט פארברענען דאָס געצעלט מיט אוריה׳ען צוזאמען. מיט יאָרן שפעטער האָט שלמה בן דוד אים אויך גע׳הרג׳עט, ווי ער האָט געטויט אלע גדולים פון זיין פאָטערס מלוכה. ער האָט עס געטאָן לויט דער צוואה פון זיין מאַמען בת שבע. „אזוי האָט גאָט באשאפן די וועלט — שלעכטס רינגלט ארום דאָס גוטס, פון גוטס, פון גוטס קומט ארויס שלעכטס, און ווידער ווערט געבוירן גוטס און שלעכטס. ליכט און פינצטערניש זיינען איינס. דאָס אבסאָלוט שלעכטע איז גאָרניט בנמצא״.

א פּרעכטיקע היסטאָרישע מיניאַטור־נאָוועלע איז מ. שמיר׳ס „פך אחד של שמן״ (איין קריגעלע בוימאייל).

דער חשמונאי חנן, א פּשוטער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט בייגעוואוינט דעם זיג פון די צוריקגעקומענע מאַקאַבייער און האָט צוגעזען ווי די חהנים האָבן צעבראָכן די קרוגן און אויסגעגאָסן דעם טמאַדיקן, אומריינעם בוימאייל, וועלכן די יוונים, די גריכן, האָבן אָנגערירט, און לויטן יידישן דין האָטמ ען דעם דאָזיקן בוימאייל ניט געטאָרט אָנצינדן אין דער מנורה פון בית־המקדש. חנן, האָט דערביי געטראכט, אַז „די דאָזיקע קרוגן קאָנען דאָך שפּייזן עטלעכע טעג אונז און אונדזערע פאַמיליעס״״. בארויבן זיי צומאָל ניט, די כהנים, דאָס אָרעמע פאָלק?

דאָ אַנטפּלעקט זיך גלייך דער סאָציאַלער מאָטיוו פון דער נאָוועלע, וואָס איז אָנרעגנדיק.

חנן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז ווי אַ רעבעל. ווען ער זעט ווי מען צעברעכט די קרוגן טמאַ׳דיקן בוימאייל, רופט ער אויס:

„רבונו של עולם! דו פארלאנגסט דאָס ריינע און אויך דאָס אומריינע!״ אין אַנדערע ווערטער: וויבאַלד מען קאָן עס ניט באַנוצן פאר גאָט, אין בית־המקדש, קאָנען מענטשן אויך ניט געניסן פון דעם... חנן באַהאַלט אויס איין קריגל מיט דעם אומריינעם בוימ־

אייל און טראָגט עס אַוועק צו אַן אָרעמער משפּחה, זי זאָל האָבן עסן און ליכט. אָבער שפּעטער טראָגט זיך חנן אַרום מיט א מין חרטה־געפיל, ער טראַכט אז ער האָט ווייניק אויפגעטאָן. ער באַשליסט גוטצומאַכן די זינד. ער נעמט אַ ביסל בוימאייל פון טמאדיגן קרוג און ווען קיינער באַמערקט ניט, כאַפּט ער זיך אריין אין טעמפּל און גיסט צו פון קרוג אין דער מנורה, וואָס באקומט פון דעם נייע קראַפט... און אַזוי באַקומט זיך דער נס פון אַביסעלע בוימאייל, וואָס האָט געקלעקט בלויז פאר איין טאָג און עס האָט „פּאַסירט אַ נס און האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג... — דער „נס חנוכה".

דער יינגער העברעאישער נאָוועליסט פארראַציאָנאַליזירט דעם נס, דער מאקאבייאישער פאָלקס־מענטש, חנן, פירט דורך א סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מיסיע. דאָס פאָלק נויטיקט זיך אין אַ „נס"", די מנורה דאַרף אילומינירן דעם בית המקדש כדי דאָס פאָלק זאָל דערמוטיקט ווערן אין די ווייטערדיקע שלאַכטן און חנן שאַפט דעם „נס".

דער דאָזיקער מאָטיוו, א דורכאויס נייער, געפינט אָבער אַן ענלעכקייט אין איינער פון י. ל. פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" — „יוחנן דער גבאַי". ביי פּרצן טענה'ט אַן אָרעמער בעטלער צום גבאַי, וועלכער יאָגט אים ארויס פון וואַרעמען בית־מדרש, וואו ער וויל איבערנעכטיקן. — דער אָרעמער ייד, וואָס איז נעבעך פאר־סרוירן געוואָרן פון קעלט איוף דער גאַס, רופט ער איוף יענער וועלט דעם גבאי צום בית-דין של מעלה (הימלישן געריכט). ער טענה'עט: „רבונו של עולם, ווער האָט זיך מער גענויטיקט אין בית־מדרש, איך אָדער דו?..."

אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען און דערציילונגען האָט מ. שמיר באַוויזן אַז ער האָט אַן אויג און אַ חוש פאַר געשיכטע; אַז אים איז געלונגען צו דערזען און דערשפּירן ווי דאָס אַלטע וואַקסט אַריין אין נייעם און דער קינסטלער האָט בלויז איין אויפגאַבע: געשטאַל־דעם נעכטן און אים באלייכטן מיט די פּראָבלעמען פון היינט.

פון דער וועלט ליטעראטור

פון דער וועלט ליטעראַטור

דאָסטאָיעווסקי — קינסטלער פון צייט און דויער

דער פּראָבלעם פון קולטור־ירושה איז אפשר איינס פון די שווערסטע פּראָבלעמען פאר דער ליטעראַטור־קריטיק. תמיד און אומעטום, ווען עס קומען פאָר גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן און באַנייאונגען אינם לעבן פון פעלקער, ווען אַ געוויסע קולטור־פאָרמאַציע שטאַרבט אָפּ און אַ צווייטע איז זי גרייט צו פאַרבייטן, וואַקסט אויס דער דאָזיקער פּראָבלעם: ירושה פון קלאַסישן פעריאָד.

„די ליטעראַטור, — האָט אַמאָל זאָלאַ געשריבן, — ווערט געענדערט בלויז דורך איבערקערענישן". דאָס איז אַן אמת, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּפרעגן. אָבער נישט ווייניקער אמת איז, אַז דער נעגאַטיוויזם בנוגע צו אַ גרויסער ליטעראַטור־ירושה, אָדער ליטעראַטור־שאַפער קען לאנג ניט גילטן אַלס שטויס־קראפט צו נייע קונסט־ווערטן.

אין דער ווייטער פּערספּעקטיוו פון צייט און דויער ווערן געווינלעך פאַרענטפערט, און אַמאָל אַפילו אויסגעגליכן, די סתירות פון א גרויסער שעפערישער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז געווען באַלאָדן מיט די ספקות און די ראנגלענישן פון איר דור, פון איר סביבה און איר צייט. דאָ עפנט זיך אַ ברייטער וועג צו דער פאַרשטענדעניש פאר דער ירושה פון דעם גיגאַנט פון דער רוסישער ליטעראַטור פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי.

צום פופציקסטן יאָרצייט פון דאָסטאָיעווסקין האָט דר. אַ. קאָראלניק געשריבן: „דאָסטאָיעווסקי איז איינער פון די ווייניקע, איינער פון די זעלטענע, וואָס צווינגען אייך תמיד צוריקקומען צו אים, צוגיין צו אים אַ מאָל פון דער זייט, אַ מאָל פון דער צווייטער, ער איז אַ קריסטאָל מיט אַ סך זייטן און אַ סך ווינקלען" (געשטאַלטן און געדאַנקען).

מיר שיינט, אַז אין אָט דעם פארגלייך מיט קריסטאָל ליגט די

סיבה פאַרוואָס אַרום די ווערק פון דאָסטאָיעווסקין זיינען געשאַפן געוואָרן הונדערטער מפרשים, אָנגעהויבן פון זיין בן־דור מערעזשקאָווסקין, איבער די מאָדערנע וואָלינסקי און ערנבורג, די רעליגיעזע פילאָסאָפן לעאָן שעסטאָוו און ניקאָליי בערדייעוו און פאַרענדיקט מיט די פראַנצויזן אַנדרעי זשיד און זשאַן־פּאָל סאַרטר און דעם ענגלישן סאָמערסעט מאָהעם, וועלכע האָבן אַלע געשריבן קריטישע און גאַנץ־און האַלב־פילאָסאָפישע ווערק וועגן דעם „מייסטער פון דער באַוועגונג״.

קריטיק מיינט יעדעס מאָל זען דעם ליטעראַרישן מאַסיוו פון אַן אַנדער ווינקל, אָדער, — באַנוצנדיק קאָראָלניקס באַצייכענונג, — דעם „קריסטאָל״ אין אַלע זיינע פאָרמען אָן זיין גאַנצקייט, ווי דאָס ליכט ברעכט זיך אין אים. און דערפאַר מוז מען פון צייט צו צייט ענדערן דעם צוגאַנג, ווערן פארשטענדלעך די צענדליקער ביכער, געשאַפענע וועגן און אַרום דאָסטאָיעווסקין.

דאָסטאָיעווסקי איז אפשר דער ערשטער וואָרט־קינסטלער, וואָס אפילו פונעם שטאַנדפּונקט פון געוויינלעכער פאַרכאַפּנדיקער געשפּאַנטקייט, — אָפּגעזען פון די ריין־קינסטלערישע קוואַליטעטן — סטימולירט ער און באַצווינגט דעם געדאַנק, און דערביבער באַמערקט מען ביי יעדן, וואָס שרייבט וועגן אים, אַן איינגעשפּאַרטע טענדענץ צו זען אין דעם קלאַסיקער דער עיקר יענע מאָמענטן, וואָס גייען אַריבער די גרענעצן פון אייגענעם אינסטרומענטאַלן שאַפן, וואָס פיילט אויס פאַר זיך דעם אינסטרומענט פון זיין פּראָזע. דאָסטאָייסט פון דעם אופן וויאַזוי ער גופאָ מייסטערט און שניצט און יעווסקי אַנטפּלעקט זיך אין זיין אייגענער וועלט. באַזיניקן די ירושה פון דעם גרויסן רוסישן מייסטער קען דעריבער בלויז אַזאַ צוגאַנג, אָדער אַזאַ דערקענטעניש, וואָס זעט דעם קינסטלער נישט דווקאָ אין זיין ספּעצעפישער פילאָסאָפיע, נאָר אַזאַ מעטאָד, וואָס זוכט דעם „זין פון גאַנצקייט״, וואָס זעט דעם שרייבער נישט אין זיין סטאַטישקייט, נאָר אין זיין דינאַמיק.

מען האָט דאָסטאָעווסקין כאַראַקטעריזירט ווי אַ ניטשעיאַנער, ווי דעם נביא פון דער רוסישער ערד, דעם פאָטער פון דער פּסי־

כּאַלאַגיע; מען האָט אים באַשטימט פאַרן רבין פון די פּסיכאָאַנאַ־ליטיקער, לעצטנס אויך פאַר איינעם פון די גדולים פון „עקזיסטענ־ציאַליזם"; טייל האָבן אַפילו געפירט אַ פּאַראַלעל צווישן אים און דעם ביבלישן איוב. גענוג אָבער וואָס מיר ווייסן, אַז יעדער וויל גע־פינען אין דעם עקזאַלטירטן צווייפלער און טראַגיקער דאָס, וואָס ער זוכט, כּדי צו זאָגן וועגן אים דאָס וואָרט, וואָס קאַנט האָט גע־זאָגט וועגן פּלאַטאָנען:

„דורך פאַרגלייכן זיינע געדאַנקען קען מען אים אַ מאָל פאַר־שטיין בעסער, ווי ער אַליין האָט זיך פאַרשטאַנען".

אין קיין ספערע פון מענטשלעכן שאַפן הערשט נישט אַזוי דער רעלאַטיוויזם ווי אין דער ליטעראַטור. עס איז נישט דער אָפּט־דערמאָנטער רעלאַטיוויזם פון פּערזענלעכן געשמאַק. עס איז דער עיקר דער רעלאַטיוויזם פון צייט און אָרט. יעדע ליטעראַרישע שאַפונג איז נישט קיין פּראָדוקט פון אַן אַבסאָלוט־פרייען און אי־זאָלירטן קינסטלער. דער קינסטלער איז אָפּהענגיק פון זיין שטאַם, פון זיין פאָלק און ווערט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן באַווירקט פון זיין סביבה און זיין צייט, פון זיין קלאַס און זיינע לעבנס־באַדינגונגען, און במילא ווערט זיין שאַפן באַדינגט פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז אַן אמת, וואָס מען קען נישט אָפּפרעגן. אָבער אָט דעם דאָזיקן אמת, טאָר מען ניט אָנווענדן אויף אַ מעכאַנישן אופן, איינזייטיק. מען מוז אים דערקלערן דורך דער רעלאַטיווער פרייהייט פונעם שאַפער.

די געזעלשאַפט, דעם קינסטלערס קלאַס, באַווירקט און באַשטימט די שאַפונג פונם שרייבער, אָבער דורך דעם וואָס דער קינסטלער פאַרמאָגט דאָך אַ גרויסע מאָס שעפערישע פרייהייט פון זען דאָס לעבן נישט בלויז אין זיין שיינבאַרער סטאַטישקייט נאָר אין דער באַוועגונג, איז ער בכוח אַריבערצושפּרייזן זיין צייט און שאַפן פאַר דער אייביקייט. נאָר דורך אַזאַ דיאַלעקטישן צוגאַנג קען מען דער־קלערן דעם זינען פון גאַנצקייט אין דאָסטאָיעווסקיס שאַפן. די

דאָזיקע פעאיקייט ארומצונעמען דאָס שאַפן פונעם רוסישן מייסטער אין די צוויי קאַטעגאָריעס האָט פארמאָגט מאַקסים גאָרקי, וואָס האָט ווי באוואוסט געפירט אַ לאַנג־דויערנדיקן שטרייט מיט דעם גיגאַנט.

„דאָסטאָיעווסקיס געניאַלקייט איז נישט צו באַשטרייטן, — זאָגט גאָרקי, — לויט דער שילדערונגס־קראַפט קען זיין טאַלאַנט פאַר־גליכן ווערן בלויז צו שעקספּירן, אָבער אַלס פערזענלעכקייט, „אַלס ריכטער פון דער וועלט און מענטשן", קען מען אים זייער לייכט פאָרשטעלן אין דער ראָלע פון אַ מיטלאַלטערלעכן אינקוויזיטאָר".

פארוואָס איז פון גאָרקיס שטאַנדפּונקט דאָסטאָיעווסקי „געניאַל פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט" און קליינלעך אין זיין ראָלע פון „ריכטער פון מענטשן"? לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלייבן אין גאָרקיס ווערטער.

גאָרקי שרייבט: „אין דער מלוכה, וואָס באַזירט זיך אויף אומ־זיניקע, דערנידערנדיקע ליידן פון דער קאָלאָסאַלער מערהייט מענטשן, האָט געדאַרפט האָבן און עס האָט ווירקלעך געהאַט אַן אַנפירנדיקע און באַרעכטיקטע באדייטונג די פרידיקונג פון אומ־פאַראַנטוואָרטלעכן ווילקיר, פונעם וואָרט און טאָט פון דער פּער־זענלעכקייט, אַזעלכע אידעען, ווי די אידעע, אַז „יעדער מענטש איז אַ דעספּאָט לויט זיין נאַטור", „אַז ער האָט ליב צו זיין אַ פּייניקער", אַז „ביז ליידנשאַפט האָט ער ליב ליידן".

דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַ שרייבער פון די דעקלאַסירטע סאָציאַלע גרופּעס. דער וואוקס פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד נאָכן יאָר 1861 האָט געבראַכט צו דער דעקלאַסירונג פון מיטעלן און קליינעם בירגער און בעאַמטן, פון גרויסע מאַסן פּויערים, פון קליינע באַלעמעלאָכעס. דאָסטאָיעווסקי איז געווען דער שרייבער נישט פונעם אַדל, נאָר פון בירגערטום, פון דורכן קאַפּיטאַליזם פאַר־אָרעמטן און דעקלאַסירטן טשינאָווניק. ער האָט טיף געשפּירט דעם וויטיק פון „באַליידיקטן און דערנידעריקטן", ווייל זיין אייגענער קומען אלס קינסטלער איז דעטערמינירט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער אויפקומענדיקער קאַפּיטאַליזם האָט דערנידעריקט און באַ־ליידיקט דעם פאַראָרעמטן באַלעבאָס.

דער הויפּט־סימן פונעם קינסטלער, אַלס פאָרשטייער פון אַ גרויסן שיכט דעקלאַסירטע, איז דער פילאָסאָפישער כאַראַקטער פון זיין שאַפן. יעדער געשטאַלט זיינער איז א לעבנס־פילאָסאָפיע, וואָס ווערט ביי אים אַנטפּלעקט דורך רעדעס, דורך ווידוי׳ס און דורך די אפאָריזמען פון זיינע געשטאַלטן. פונוואנען שטאַמט זייער פילאָ־סאָפיע? יעדע דעקלאַסירטע גרופּע האָט אַ טענדענץ צו באַטראַכטן דאָס אומקומען פון איר סאָציאַלן שטייגער אַלס אַן אָנזאָג פון וועלט־אומקום, די שפּירונג פון אייגענעם אונטערגאַנג טראָגן זיי איבער אויפן ארום. אירע אייגענע סאָציאַל־היסטאָרישע דערפאַרונג זוכט אַזאַ דעקלאַסירטע גרופּע צו דערהייבן ביז אַן אַבסאָלוטער קאַטע־גאָריע. דער שרייבער שטעלט פאַר זיך די אַזוי־גערופענע אייביקע פּראָבלעמען. ער פאַרטראַכט זיך נישט וועגן גורל פון זיין קלאַס אָדער שיכט, נאָר וועגן דער נאַטור פון מענטשן, וועגן עצם גורל פון מענטשן בכלל. דער נעבעכדיקער טשינאָווניק, דער קליין באַ־לעבעסל, די רוסישע „מעשטשאַנסטוואָ״, וואָס האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין, האָט זיך געבונטעוועט און האָט פילאָסאָפירט. זייער בונטאַרישע פילאָסאָפיע האָט געבראַכט צום אַפאָריסטישן חקירה׳ען זיך פון דאָסטאָיעווסקיס פערסאָנאַזש. איז קיין וואונדער נישט, וואָס דער חושכדיקער הינטער זייערער איז ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אייביקן חושך. דער מענטש איז פון אים דערקלערט געוואָרן אלס אַן „אונטערערדישע באַשעפעניש״ — „דער מענטש פון אונטער־ערד״, וועלכער דערשרעקט זיך אזוי פאַר זיין שיקזאַל, אז ער איז גרייט „אומקערן דעם בילעט, ווייל דאָס גאַרע מענטשלעכע גליק איז נישט ווערט אַזעלכע ליידן״ (איוואַן קאַראַמאַזאָוו).

פונדאַנען נעמט זיך וואָס ביי דאָסטאָיעווסקין אין זיין גאַנץ שאַפן פון די „אָרעמע מענטשן״ ביז די „ברידער קאַראַמאַזאָוו״ זיינען די פּרויען העלדינס פון א פאַטאַליסטישן כאַראַקטער און דערשיינען נאָר צום סוף, כדי צו ענדערן דעם פאַטאַלן גורל פון די העלדן. דאָס איז געווען פאַרבונדן נישט נאָר מיט זיין נאַטור, מיט זיין גאַנצן שווערן לעבן, נאָר מיט דעם שווערן לעבן פון זיין אָפּגייענדיקן שיכט.

דאָס איז שייך דעם שווערן נעכטן פון דאָסטאָיעווסקיס שיכטן, וויכטיק איז אָבער אויך זייער מאָרגן. די דאָזיקע פאַראָרעמטע שיכטן פון זיין צייט שטייט פאַר צו וואַגלען און אומקומען אין דעם מדבר פון צאַרישן, ביוראָקראַטיש-פּריציש-סוחר׳ישן ווילקיר פון רוסלאַנד. דאָ אַנטפּלעקט זיך אויך די אייגנאַרטיקע דערשיינונג וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי די דיאַלעקטיק פון דעם שרייבערס געוויסן. די געזעלשאַפט, די אינטערעסן פונעם קינסטלערס קלאַס, זיינע ענג-פּערזענלעכע אינטערעסן, באַשטימען און באַווירקן זיינע שאַפונגען, אָבער די פּערזענלעכקייט פונעם קינסטלער שטעלט אויך אַ ווידערשטאַנד דעם דאָזיקן דרוק, וואָס האַרמאָנירט נישט מיט זיין שכל און געוויסן. ווייל דעם קינסטלערס פּערזענלעכקייט, — און בפרט אַזאַ געניאַלע פּערזענלעכקייט, באַשטייט נישט נאָר פון אַן עגאָאיסטישן „איך״, וואָס שטייט אונטערן געזעץ פון ענג-פּערזענלעכן אינטערעס, נאָר אויך פון אַן אַלגעמיין-מענטשלעכן „איך״, וואָס פאַר־וואַרפט אַ בריק צווישן דעם קינסטלערס „איך״ און דעם קאָלעק־טיוויסטישן „דו״, און דאָס איז אויך די בריק צווישן צייט, צווישן צייטלעכן פאַרגייענדיקן און דעם דויערנדיקן, און דאָס בילדעט דעם צענטער פון ווידערשטאַנד. די שווידערלעכסטע יסורים טראָגן שוין דערמיט אַליין אַן עלעמענט פון באַרואיקונג. נישט געפינענדיק קיין אויסוועג פאַר זיין איבערלעבונג אין דער רעאַלער דרויסנ־דיקער וועלט, האָט דער קינסטלער סובלימירט זיין אייגענעם פיינ־לעכן געפיל, די פאַרשטעלונג פון ליידן ביז א זעלבסטצוועק. אָבער דער אינהאַלט פון זיינע טעמעס באַווייזט, אז ער האָט אויך געהאַט א סאָציאַלע פאַרענטפערונג און א קינסטלערישע פאַרגאַנצונג פון זיין אינערלעכער וועלט.

נעמט מען אין באַטראַכט די זעלבסטשטענדיקע מיטווירקנדיגע כחות פון דער שעפערישער פּערזענלעכקייט, באַנעמט מען דאָס דויערנדיקע, אייביקע אין דאָסטאָיעווסקיס שאַפן. דאָס איז דער דו־אַליסטישער כאַראַקטער פון זיינע העלדן, פון איין זייט דאָס סוב־לימירן די ליידן ביז צו אַ זעלבסטצוועק און פון דער אַנדערער זייט, דאָס שטאָלצע קלאַמערן זיך אין לעבן.

ראַסקאָלניקאָוו פון ''פאַרברעכן און שטראָף" איז אַן עכטער אינ־טעלעגענט, וואָס אי זאַ שטאָלץ קינד פון די באַליידיקטע און באַ־עוולה'טע. ער פאַלט אין נעץ פון פאַרברעכן און בלייבט אין זיין שולד בלוטיק געגרעכט קעגן יענע פאַרשאָלטענעם סדר אין לעבן, אין וועלכן ברוטאַלע קראַפט באַליידיקט און באַשפייט. געשטאַלטיקט איז אָט די בייזע קראַפט אין דעם אימפּולסיוון און דעמאָנישן כאַראַקטער פון דעם צווייטן העלד סווידריגאַילאָוו, אָבער ערשט ווען סווידרי־גאַילאָוו באַגייט זעלבסטמאָרד, ווערט דאַן פאַר ראַסקאָלניקאָוון גופא פריי דער וועג צום אויפלעבן, צו דערלייזונג דורך דער באַהעפטונג מיטן לעבן.

נישט דורך סתם מאָראַלישע סענטענצן לאָזט אונדז דער שרייבער הערן דעם טרויער. דאָ שרייט דאָס לעבן אַליין דורך טויזנטער פּרטים. און פון אלץ ווערט קלאָר, אַז אין אַזאַ וועלט, אין אַזאַ אָרדנונג איז די זינד אַ מוז. ראַסקאָלניקאָוו איז מיט זיין רציחה נישט אויסן געווען בלויז די פּראָוויאַנטע פּראָצענטניצע — ער שטעלט זיך קעגן גאַנצן סדר.

צום סוף פון „פאַרברעכן און שטראָף" (צווייטער קאַפּיטל פון עפּילאָג) זאָגט דער מחבר: „ער האָט בלויז איבערגעלעבט סענ־סאַציעס. די חקירה האָט איצט אָפּגעטראָטן איר אָרט דאָס לעבן; און עפּעס לגמרי אַנדערש האָט זיך גענומען פאָרמירן אין דער טיפ־קייט פון זיין געוויסן. ער האָט געזען אין זיין וויזיע דעם תהום און די שטריק... און האָט זיך דערקענט צו אַ נייער ווערקלעכקייט. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף זיינע חברים פון דער קאַטאָרגע און האָט זיך אַליין געוואונדערט, ווי טייער זיי האַלטן דאָס לעבן". הייסט עס, אַז אויפן אָרט פון גראָדליניקן רעבעלישן געדאַנק איז געקומען די באהעפטונג מיטן פאַלק. די זינדיקע און לויטער־אומשולדיקע סאָניע מאַרמאַלאַדאָוונאַ מיט די אַנדערע דערנידעריקטע און באַ־ליידיקטע, וועלכע קלאַמערן זיך אין לעבן, דאָס איז די נייע דער־קענטעניש פון ראַסקאָלניקאָוון, עס הייסט נישט ווי דאָס לעבן איז נאָר ווי עס דאַרף זיין, ווי דער מענטש וועט זיין. „אין די טעג פון זייער ערשטן גליק זיינען זיי ביידע (ראַסקאָלניקאָוו און מאַרמאַלאַ־

דאָוואָ) גרייט געווען צו זען אין די קומענדיגע זיבן יאָר (פון קאַטאָר־גע) זיבן טעג זיי האָבן אפילו נישט געוואוסט, אז די נייע טעג וועלן נישט קומען פון זיך, מע וועט דארפן צאָלן פאַר זיי מיט גרויסע און דערהייבענע מעשים אין דער צוקונפט. נאָר דאָ האָט זיך געענדיקט אונדזער דערציילונג".

„גרויסע און דערהייבענע מעשים פון דער צוקונפט" — ווען עס וועלן געשאַפן ווערן נייע באַדינגונגען פאַר גרויסע און דערהייבענע טאַטן.

נ. בערדייעוו, וועלכער האָט זיך פאַרטיפט אין די שאַפונגען פון דעם געניאַלן רוס, האָט געהאַלטן, אַז ביי דאָסטאָיעווסקין שטייט דער מענטש אין צענטער. ביי טאָלסטאָיען איז דער מענטש בלויז אַ טייל פון קאָסמישן לעבן און דארף ערשט ווערן אַ טייל פון דער אומשטערבלעכער האַרמאָניע — גאָט. דער מענטש פון גיהנום אין די „פארצייכענונגען פונם טויטן הויז" „וויל נישט די אייביקע האַרמאָניע, אויב ער איז בלויז אַ מיטל אָדער אַ צופאַל".

„דער שטריק איבערן תהום"

די טעמע פון טויט ביי טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי

נישט איין טאָלסטאָי פאָרשער האָט אָנגעוויזן, אַז דער פראָצעס פון טויט איז ביי דעם גרויסן רוסישן קלאַסיקער לעוו טאָלסטאָי געווען אַ סך וויכטיקער ווי דער פראָצעס פון לעבן. זעלטן האָט אַ קינסטלער אַזויפיל געטראַכט און גערעדט וועגן טויט ווי טאָלסטאָי. עס איז געווען זיין אויסגאַנגס־פונקט און זיין ענד־פונקט. דער טויט האָט געהאַלטן זיין אויפמערקזאַמקייט און פאַרכאַפּט זיין פאַנטאַזיע.

צי דאָס איז איוואַן איליטש, וואָס שטאַרבט אין זיין אייגענעם בעט, אָדער דאָס איז אַנאַ קאַרענינאַ, וואָס שטאַרבט אונטער די רעדער פון אַ וואַגאָן. אָדער גאָר דער סאָלדאַט פון „קריג און פרידן", וואָס שטאַרבט אויפן שלאַכטפעלד. שטענדיק און אייביק דאָס בילד פון טויט, פון דעם גרויזאַמען סוף, פונעם ניין.

אין זיינע „דריי דיכטער, אירע לעבנס", האָט סטעפאַן צווייג זיך אויסגעדריקט וועגן טאָלסטאָיען, „אַז ער האָט באַזיגט די אימה פון טויט, וואָס פלעגט אים באַפאַלן, דורך דער ווירקונג פון אָביעקטיוויזאַציע, דורך דעם, וואָס ער האָט דעם טויט געמאַכט פאַר דער טעמע פון זיין קינסטלערישן שאַפן". און דער באַוואוסטער ליטעראַטור־קריטיקער ג. לוקאַטש דערקלערט, אַז „דער אַנימאַלישער פחד פארן טויט פאַרנעמט אין דער טאָלסטאָי־קונסט אַ גרויסע פונקציע".

אין אַן ארבעט איבער דעם ערוסישן קלאַסיקער זאָגט דר. זשיטלאָווסקי: „טאָלסטאָיען האָט זיך באַוויזן דער טויט... יענע שווארצע אימה, וואָס פאַרכאַפּט אין אונז דעם אָטעם, בעת מיר בליקן אין איר פלוצלינג אריין מיט גרויס געוואָרענע אויגן, יענע ווילדע, פינצטערע אימה, וואָס שלינגט איין אַלע פארבן פון לעבן, לעשט אויס אַלע פונקען פון האָפנונג און הויכט אין אונז אריין מיט א שוואַרצן, פראָסטיקן אָטעם דעם אומברחמנותדיקן סוד, אַז זי נאָר זי — איז אין תוך אריין דער לעצטער ציל צו וועלכן מיר שטרעבן, דער לעצ־

טער סך־הכל פון אונדזער גאנצן זיין אויף דער וועלט" (געזאמלטע שריפטן, ערשטער באַנד).

זשיטלאָווסקי פלייסט זיך צו באַווייזן וויאַזוי טאָלסטאָי איז פון דעם טיפן פעסעמיסטישן אָפּגרונט אַרויף צוריק אויף די וועגן פון ליכטיקער שיין אַדורך אָנהאַלטן זיך אין דער מאָראַל פון ברודער־ליבע,דורך אַלטרואיזם.ער דערמאָנט זיין פּרעכטיקע נאָוועלע „דער באַלעבאָס און דער אַרבעטער". דער מוסטער־קינסטלער מאָלט דאָרט אַן עגאָאיסטישן באַלעבאָס, וואָס פאָרט אַרויס ווינטער־צייט אין איינעם מיט זיין דינער; זיי ווערן פאַרכאַפּט אין אַ שניי־שטורעם און מוזן בלייבן נעכטיקן אין א פאַרווייעטן סטעפּ; דער אָרעמער דינער, וואָס איז שלעכט אָנגעטאָן, האַלט שוין ביים פאַרפרוירן ווערן און דער באַלעבאָס, דער בעל־גוף, איינגעוויקלט אין זיין וואַ־רעמען פוטער, וואַרפט זיך אַרויף אויף אים, אין שליטן, כדי מיט דער וואַרעמקייט פון זיין קערפּער אים דערוואַרעמען און ער אַליין, דער באַלעבאָס, ווערט פאַרפראָרן און שטאַרבט. דערביי לעבט ער אָבער דורך די גרעסטע מאָמענטן פון גליק. צוליב רחמנות צום ברודער־מענטש ווערט דאָס מענטשלעכע לעבן פול מיט זינען און דער טויט־געדאַנק די מורא פאַרן טויט, וועפּט זיך אויס.

„דאָסטאָיעווסקי האָט אויך אויפגעהויבן דאָס פּראָבלעם פון טויט. פאַרוואָס שטאַרבט דאָס קינד? געוויס, אַלצדינג, וואָס איז דאָ, מוז ליידן, אַלצדינג , וואָס איז פאַראַן מוז שטאַרבן, אָבער פאַרוואָס? וואו איז דער זין און וואו איז די גערעכטיקייט דערפון? טאָלסטאָי האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט דעם, וואָס ער האָט אַנטדעקט גאָט. „גאָטס ממשלה איז אין אונדז", און וואָס מיינט עס ? ער האָט זיך געטרייסט, אַז דאָס לעבן קומט ערשט נאָכן טויט און טויט איז נאָר אַן עפּיזאָד אין לעבן„ אין דעם קאָסמישן אַלוועלטלעכן לעבן. פאַר דאָסטאָיעווסקין איז אַזאַ גרינגער ענטפער נישט געווען גענוג. ער האָט נישט פאַרענטפערט די וועלט און די אָרדנונג. ער האָט זיי באַ־שולדיקט. דער לעבעדיקער מענטש האָט פּראָטעסטירט און דאָס־טאָיעווסקי איז דערפאַר געווען דער טיפערער" (אַ. קאָראַלניק: „טאָל־טאָי און זיין חלום", געשטאַלטן און געדאנקען).

דאָסטאָיעווסקיס לייט־מאָטיוו איז די באַשטעטיקונג פון ליידן אָבער בשום אופן נישט די באַרעכטיקונג. זיין צוועק איז צוצוגיין נעענטער צום פּראָבלעם, אריינקוקן אין תהום פון דעם אייביקן פּראָצעס און שרייען און מאָנען. גערעכט איז דערפאר דער שרייבער קאָראָלניק, ווען ער פירט צענויף די צוויי רוסישע גאונים־קלאסיקער און לאָזט דעם איינזאַמען גאון ביי די ברעגן פון דער נעוואַ, אַריינשרייען אין די אויערן פון חכם פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ אויף זיין טויטן בעט:

„נביא, לערער, פירער — דאָס האָסטו געוואָלט זיין! צו גאָט האָסטו געשטרעבט! וואָס האָסטו געוואָלט פון גאָט? האָסטו געציטערט ווי אַ בלאַט אין שטורעם? איז די פּיין פון מענטשן צו דיר דערגאַנגען? האָסטו געפילט אויף דיין רוקן די שמיץ פון דער בייטש, ווי איך — מיט די לעצטע, די פאַרשטויסענע געלעבט? ווי איך? האָסטו זיך אַמאָל אריינגעלעבט אין דער וועלט פון נישט־זיין, פון קראנק־זיין, פון עלנטע און נאַסע קעלערס, הונגער, פאַרברעכן און בענקשאַפט, ווי איך? וואָס ווייסטו פון הייליקייט, גראַף, רייכער פּרינץ, קינסטלער? דיין גאָט איז ליבע, אָבער גאָט איז אויך ברענענדיקער פייער, שטורעם" (דאָרט).

די ביבלישע געשטאַלט פון דעם „מאַן פון עוץ, איוב, איז פון די אייביקע טעמעס אין דער ליטעראַטור. זי האָט געפונען איר אָפּשפּיגלונג אין די שאַפונגען פון בייראָן, מילטאָן, היינע, נאָר ביי דאָסטאָיעווסקין פאַרנעמט די געשטאַלט אַ צענטראַל אָרט. „צו דעם דאָזיקן קאָסטבאַרן פּערל אין דער וועלט ליטעראַטור — זאָגט דר. חיים זשיטלאָווסקי, — האָט דער טיף־פילנדיקער דענקער דאָסטאָיעווסקי פאַרווענדט אַזויפיל גייסט־קראַפט" (איוב, די פּאָעמע פון פרייען יידישן געדאַנק", ווערק, באַנד, 1921,2).

„טאַטעס און מאַמעס פאַרגיט מיר מיינע טרערן, — שרייט אויס דאָסטאָיעווסקיס זקן זאָסימאַ פאַר זיין טויט, — ווי גרויס איז דאָס בוך און ווי לויטער זיין לערע!..." און זיין גרויסער אָפּשיי פאַר דעם מאַן פון לזאדן, באַווייזט דער מחבר פון די „ברידער קאַראַמאַזאָוו" זאָגנדיק, אַז איובן איז פרעמד די קינסטלעריש־רואיקע און עס־

טעטישע צופרידנקייט מיט דעם טויט. „דער גרויסער סוד פון מענ־טשלעכן לעבן גייט פאמעלעך איבער אין אַ שטילער שמחה פון באַוואונדערונג. איוב בענטשט דעם זון־אויפגאַנג יעדער פרימאָרגן״

פאַר דאָסטאָיעווסקין איז דאָס איוב־בוך דורכגעדרונגען מיט פרייד און זיכערקייט פונם זיג פון די יסודות פונעם לעבן איבערן טויט. „דאָ ליגט באַהאַלטן דער סוד, אַז דאָס פאַרבייגייענדיקע און ראָס זיך טוישנדיקע אויף דער ערד און דאָס דויערנדיקע, דער אייביקער אמת, באַרירן איינס דאָס אַנדערע״ (דאָרט).

דאָסטאָיעווסקיס מפרשים־קריטיקער האַלטן, אַז דער תמצית פון זיין „פאַרברעכן און שטראָף״ ליגט אין דעם אַפאָריזם: „וואו און ווען — האָט ראַסקאָלניקאָוו געטראַכט — האָב איך ערגעץ גע־לייענט? א פאַראורטיילטער צום טויט האָט געטראַכט אין דער לעצ־טער רגע פאַרן טויט: ווען מען וואָלט מיר געגעבן די ברירה, צו שטיין אויף אַ שאַרף־שפּיציקן פעלדז אויף אַן ענגן שטח, וואָס קלעקט קוים פאַר די פיס, ארום איז — אָקעאַנישער תהום, אייביקער חושך און מיך איבערלאָזן אויף דעם ענגן ריזיקאַלישן שטח מיין גאַנץ לעבן, טויזנט יאָר, אַלע אייביקייטן, אָדער מיר געבן דעם לייכטסטן טויט, וואָלט איך אויסגעקליבן דאָס לעבן. לעבן, לעבן, וואָס פאַר אַ לעבן? אַבי לעבן״.

דאָ איז דער קערן פון דעם „מייסטער פון דער באַוועגונג״, פון זיין טיפער פסיכאָלאָגיע, וואָס האָט דערוועקט אין אונדז דעם ריטם פון דער באַוועגונג. די באַוועגונג מיינט עלנט, אָפּגרונטיקע ליידן, אָבער ערשט ליידן מאַכט דעם ליידנדיקן אויפמערקזאַם אויף זיין לאַגע און דער עלנטער ווערט באַוואוסטזיניק אויף זיין עלנט. דער איוב׳שער פסוק: „ער לייזט אויס דעם עלנטן דורך זיין עלנט און עפנט זיין אויער דורך דער באַדריקונג״ (קאַפּיטל לח) זאָגט דר. ח. זשיטלאָווסקי, — קלינגט כמעט ווי אַ טעזע פון קאַרל מאַרקס, אַז דער עלנט איז אַ רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר און אַז אַ דאַנק זיין עלנט, קומט דער פראָלעטאַריאַט צו זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין״.

„דער שטריק איבערן תהום״ — אין דער ווייטער פּערספּעק־טיוו גיסט זיך צענויף די דאָסטאָיעווסקישע פילאָסאָפישע אָנגע־

זעטיקטקייט, וואָס איז די פילאָסאָפיע פון אַן אונטערגייענדיקן שיכט, מיט דער גאָרקישער הומאַניסטישער ריזן־קראַפט.

השפעה און פאַרגלייך

אין זיין עסיי „די טראַגעדיע פון אַ רויטער בלום" שרייבט דר. ח. זשיטלאָווסקי:

„ביי סימבאָלישע ווערק דאַרף מען אָנהאַלטן דעם זעלביקן כלל, וועלכן די אַלט־יידישע דענקער האָבן אויפגעשטעלט פאַר דער אויס־טייטשונג פון דער ביבל. אויך יעדער פסוק פון תנ"ך קען גענומען ווערן אי אין זיין פשוטן פשט, ווי אַ רמז (אַן אָנצוהערעניש אויף עפּעס אַן אַנדער זאַך), אי ווי אַ דרש (אַ חקירה, אַן אויספאָרשונג, ווי אַ טייל פון אַ גרעסערן אײנהייטלעכן געדאַנקען־בנין), אי ווי אַ סוד, אַ געהיימניש וואָס דאַרף נאָך אויפגעדעקט ווערן. „פרדס" איז דער שיינער ראָשי־תיבות פאַר אָט די מינים אויסטייטש. איז אָבער דער הויפּט־כלל דערביי, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו". קיין פּסוק ווערט ניט ארויסגעשטופּט פון זיין פּראָסטן פשט, וויפיל רמזים און דרשות און סודות ער זאָל ניט טראָגן פאַרבאָרגן אין זיך" (וויזיע און געדאַנק).

זשיטלאָווסקי רעדט וועגן סימבאָלישע ווערק, דאָס הייסט פון אַזעלכע ווערק וואו די לעבעדיקע טיפּן, כאַראַקטערן און סיטואַציעס פון לעבן אין די אַדער אַנדערע אומשטענדן, זיינען אָנצוהערענישן אויף א פאַרבאָרגענעם תוך. אָבער אויך אין רעאַליסטישע שילדע־רונגען זיינען געמאַכט געוואָרן גענוג פּראָוון דורכצודרינגען דורך זיי די טיפער־ליגנדיקע געדאַנקען וואָס נויטיגן זיך אין אַן אויסטייטש.

די מאָראַל, דער מוסר־השכל פון א קינסטלעריש ווערק איז די איינציק קאָנטראָלירנדיקע אינסטאַנץ פון דער קלאַסיק, וואָס אויף איר פּראָוווט מען אויס דעם אמת און די ווערט פון זייער קונסט. פון די טויזנט און איין בילדער, פּסיכאָלאָגישע אריינדרינגונגען, איינ־דרוקן, וואָס מע באַקומט פון פון אַ ווערק בלייבט צום סוף נאָר אַ

סומע, אַן עקסטראַקט, אַ פּך־הכל און יענער סך־הכל איז אַ מאָראַליש־אידעאישער, אַ לעבנס־אַנשויאונג, אַ וועלט־אַנשויאונג.

ניט די ליטעראַטור ווי אַ געביט וואָס אונטערליגט בלויז זיינע אימאַנענטע געזעצן פון „שיינקייט צוליב שיינקייט", נאָר די גע־דאנקלעכע און קינסטלערישע אויפשוואונגען פון העלענישן גייסט און די מאָראַלישע הויכקייטן פון דער יידישער נבואה, — זיינען, אין תוך, דער קענצייכן פון די קלאַסיקער, די רעאַליסטן, ווי די ראָמאַנטיקער, די סימבאָליקער ווי די אימפּרעסיאָניסטן. די פול־קאָמענקייט פון אַ ווערק, די קריטערי מיט וועלכער מען מעסט די קינסטלערישע דערגרייכונג באַשטייט פון די צוויי גרונט־מאָמענטן: ערשטנס, דער עסטעטישער דערקענטעניש־ווערט פונעם ווערק און צווייטנס, — דער כאַראַקטער פון דער אידייע, דאָס הייסט וויאַזוי די אידעע פון ווערק ווערט פאַרקערפּערט אין געשטאַלטן און בילדער וואָס זיינען אדעקוואַט צום ווערק.

אין דער יידישער ליטעראַטור — איןביידע שפּראַכן — איז די קונסט אָפט פאַרשלונגען געוואָרן פון דער עטיק, אָבער יידן האָבן ניט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף דער עטישער אידעען־ליטעראַטור. אַז ביי די קאָריפעען פון דער רוסישער ליטעראַטור־קלאַסיק — דאָס־טאָיעווסקי, טאָלסטאָי, טורגעניעוו און אַנדערע — איז מאָראַל און קונסט ענג פאַרפלאָכטן, איז גוט באַוואוסט; אין דעם פּרט פון פּראָבלעמאַטיש־עטישן זוכן שטייט די רוסישע ליטעראַטור זיכער העכער ווי וועלכע עס איז אַנדערע ליטעראַטור, אָבער אַפילו ביי די פראַנצויזישע מייסטער פון וואָרט־קונסט; ביי די שרייבער, וואָס דער נאַטוראַליזם. אָדער פאַן־רעאַליזם איז געווען דער גרונט־טאָן פון זייער שאַפן, ביי סטענדאַלן, פלאָבערן, באַלזאַקן, מאַופּעסאַנען, געפי־נען מיר געננוג מאָטיוון וואָס וועקן ביים לייענער ניט נאָר עסטעטישע עמאָציעס, נאָר עטישע מוסר־השכלס, וואָס אַנטפּלעקן די אָביעק־טיווע ווירקלעכקייט אפן געגעבענעם עטאַפּ פון דער געזעלשאַפט־לעכער אַנטוויקלונג (זייער דעמאַסקירן די בורזשואַזע עפּאָכע) און אַזוי ארום אַנטפּלעקן זיי פאַר אונדז עטישע מוסר־השכלס.

„אַז דו זעסט אַ שיינע כלי — האָט ר' בער מעזעריטשער געזאָגט

—מוזטו פאַרשטיין, אַז די מאַטעריע פון דער כלי, האָט נאָר אַ קליינעם ווערט און אז איר שיינקייט ליגט אין דעם צד פון איר רוחניות (אין דער זייט פון איר גייסטיקייט). איינשטימיק מיט דעם וואָרט פון חסידישן פירער האָט די פירנדיקע פערזענלעכקייט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, י. ל. פרץ אַמאָל געזאָגט אין אַ רעדע: „אויף יידיש איז קונסט אזוינס, וואָס שטייט איבערן לעבן און ציט ער צו זיך, וואָס שאַצט אָפּ דאָס לעבן פון העכערן, אידעאַלן שטאַנדפּונקט און לויבט און שטראָפט עס".

אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט פרץ באַוויזן צו שאַפן יענע געשטאַלטן וועלכע כאַראַקטעריזירן די פסיכאָלאָגיע פון זיינע העלדן. ער ווייזט אונדז ווי דער מענטש ווערט געבראַכט צו אַ נסיון, ווערט באַפאַלן פון עפּעס א תאווה, ווי ער פירט מלחמה מיט זיך אַליין און דעמאָלט — אָדער ער האַלט אויס די מלחמה און ווערט באַלוינט („נסים אויפן ים", „דער קונצנמאַכער"), אָדער ער ווערט געשטרויכלט און קריגט אַן עונש.

ווי הויך די ראָמאַנטישע סימבאָלן פון פרצן, אין די „געשיכטן" זאָלן ניט געוועזן שטייגן זיינען זיי אָבער געדעקט מיט רעאַליזם. זיי שטייען איבערן לעבן אָבער געפינען זיך אויך אינעם לעבן.

נאָך די דאָזיקע באַמערקונגען ווערט שוין פאַר אונדז לייכט צו זוכן דעם צד השווה, די באַריר־פונקטן, צווישן דעם דריטן קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און דעם מייסטער פון דער קורצער פראַנצויזישער דערציילונג. עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן השפעות, וועגן איינפלוסן, וואָס אַזעלכע זיינען ביי פרצן דאָ געװען. עס רעדט זיך בפירוש וועגן אַנאַלאָגיעס, וועגן ענלעכקייטן און אידעען־אַסאָציאַציעס.

ווי ווייט גי־דע מאָפּאַסאַן איז א רעאַליסטישער אָדער נאַטור־ראַליסטישער דערציילער, וועלכער איז אינגאַנצן אריינגעטאָן אינעם בילד פון לעבן און אין די כאַראַקטערן פון זיינע העלדן, און ניט אין זייער שנאה אָדער ליבע, — דרינגט דאָך די אידעע אָדער דער מוסר־השכל ארויס פון דער לאַגע און פון דער האַנדלונג פון זיין דערציילונג.

„דער האַלדזבאַנד" — דער סוזשעט איז גוט באַקאַנט:
דאָס ווייב פון אַן אָרעמען באַאַמטן אין מיניסטעריום בענקט נאָך אַ לעבן פון בעלער און גלוסטיקייט און קען עס ניט דערגרייכן. עס מאַכט זיך און דער מיניסטער לאַדט איין דעם בעאַמטן און זיין ווייב צו א באל, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט. די פרוי לייט ביי אירס א פריינדין א דימענטענעם האַלדזבאַנד און איז אָפּן באַל גלייך ווי אַלע אויסגעצירטע פרויען. ערשט פאַרטאָג נאָכן באַל כאַפּט זיך די פרוי אַז זי האָט פאַרלוירן דעם קאָסטבארן האַלדזבאַנד און מאַכט אָפּ ביי זיך צו ארבעטן שווער און קויפן אַן ענלעכן האַלדזבאַנד. די פרוי האָט אלץ אויספארקויפט, זיך אַריינעקליבן אין א ביליקער דירה, געוואָרן א דינסט, א וועשערין און געזאַמלט געלט כדי צו באַצאָלן די חובות וואָס זי איז שולדיק געבליבן פארן האַלדזבאַנד. זי איז אַלט און גרוי געוואָרן פאַר דער צייט. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי האָט שוין אויסגעצאָלט אַלע חובות האָט זיך די אָרעמע פרוי געטראָפן מיט איר אַלטער פריינדין און זיך דערוואוסט, אַז דער פאַרלוירענער האַלדזבאַנד איז געווען א פאַלשער, אַן אי־מיטירטער. ערשט דאַן האָט זיך די פרוי געכאַפּט ווי זי האָט איר לעבן פארשפּילט דורך דעם נארישן ציען זיך צו די פינקלדיגע דימענטן.
די עסענץ פון פּרצעס פאָלקסטימלעכע מעשה „תאווה צו קליי־דער": די פארבלענדעניש. שדים אין א פוסטער קרעטשמע טראָגן די שיינע בגדים פון דעם חסידס פרוי, זיי ווערן דער אָפּשלאָג פון דער תאווה־גלוסטעניש צו קליידער און צירונג, בשעת זי אלייך פאַרשפּילט דעם לעבן.
מיר וועלן פאַרבייגיין די געשיכטע „אַז מען זאָגט משוגע גלויב" (ביי איינעם שטאַרבט דאָס ווייב; ער לעבט אָבער מיט איר קבר) מעגלעך אז פרץ איז דאָ דירעקט סוגעסטירט געוואָרן פון מאופּאַ־סאַנען אין זיין דערציילונג "אַ טאָגבוך".
מאַופּעסאַנס „אין א לבנה־נאַכט" איז אַ מעשה וועגן אַ דאָרפס־גלח וואָס האָט ליבע פאַר דער ערגסטער זינד און די פרויען דעם טייוולס טעכטער, וואָס שטופּן די מענער אין אָפּגרונט. דער גלח פירט אין זיין מחשבה אַן אמת'ן קרייצצוג קעגן קערפּער, קעגן זינ־

לעכער ליבע. ער געפינט אויס אז זיין פלימעניצע פירט אַ ליבע מיט דאָרפס־יונג און אין א שיינער לבנה־נאַכט לאָזט ער זיך קעגן פּאָרל, וואָס שפּאַצירט געאָרעמט אויף דער לאָנקע. דאָ אָבער ברעכט זיך די דערציילונג גאָר איבער. אין דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט דערשפּירט דער גייסטלעכער אסקעט דעם טיפערן מיין פון ערדישער ליבע. ער דערקענט דעם שעפערישן קאָנטאקט פון איין איך מיט אַ צווייטן, דעם סוד פון פרוכפּערונג, פון גאַנצן באַשאַף און ער דער־זעט אין דעם פאַרליבטן פּאָרל די געשטאַלטן פון שיר השירים, רות און בועז, דעם זיגל פון ליבע וואָס איז שטאַרקער פון דעם טויט; אָן ליבע וואָלט דאָך דאָס גאַנצע לעבן אויפגעהערט.

„דער כעלעמער מלמד", שילדערט ווי צדיקים האָבן זיך פאַרמאָסטן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פונעם יצר־הרע, וואָס איז די צוזאַמענהאַלטענדיקע קראַפט פון דער גאַנצער געשיכטע? אין געציילטע שורות דריקט פּרץ אויס דעם גאַנצן מוסר השכל — די קאָנצעפּציע אז אָן דעם אינסטינקט פון געשלעכט וועט חס וחלילה די גאַנצע וועלט אונטערגיין:

„און אז מען האָט ענדלעך געטראָפן דעם בעל־דבר, דעם יצר הרע, און מען האָט אים געבונדן, איז די וועלט שיער ניט אונטער־געגאַנגען, און די צדיקים האָבן געמוזט דעם יצר הרע לאָזן גיין פראַנק און פריי, אלעמאָל זיך ראַנגלען מיט אים, אים באַקעמפן, אָבער קיינמאָל ניט באַזיגן אינגאַנצן"...

פאַרשטייט זיך, אַז דער מהלך צווישן די צוויי קלאַסיקער, דעם העדאָניסטישן נאַטוראַליסט פון פּאַריז און דעם פאָלקסטימלעכן יידישן דערציילער פון װאַרשע איז ווייט, ווייטער נאָך ווי דער שטח וואָס טיילט אָפּ די סעין פון דער ווייסל, נאַרמאַנדיע פון כעלם, דער קאָנטראַסט ליגט אין דער מאָלערישקייט, אין סטיל־לבוש, אין דער פלאַסטישער זייט פונם קינסטלערישן שאַפן, אָבער די אידעען־אַסאָציאַציע איז בולט. אויב ביי פּרץ'ן קומט די לעגענדע צוהילף רעאַליזם, די ראַם פאַר דער אידעע. דער מוסר־השכל איז דער זעלבער.

די השפּעה פון דאָסטאָיעווסקי אויף דער יידישער ליטעראַטור

„אפילו דער אָריגינעלסטער קינסטלער לערנט פון יענע, וועלכע העלפן אים זיך אליין צו אַנטפּלעקן. אונדזער פּאָעזיע איז נישט רייף געוואָרן און אויסגעוואָקסן צו א גרויסן דערציאונגס־פאַקטאָר אין אונזער לעבן, כל־זמן זי איז נישט געקומען אין בארירונג מיט דער רוסישער ליטעראַטור. וואָס וואָלט מענדעלע געוועזן, ווען ער וואָלט נישט איינגעזאַפּט דאָס גאָגלשע, וואָס האָט געשטאַרקט אין אים דעם קינסטלער? טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי האָבן פאַרטיפט ביי אונדזערע דיכטער די גרויסע תביעה ביי זיך אליין. ביאליק, דער אממערסטנס אָריגינעלער, אממערסטנס יידישער, וואָלט נישט דערגרייכט זיין אייגענע דערקענטעניש, ווען ער וואָלט נישט געקומען אין בארירונג מיט די צוויי דערמאָנטע טיטאַנען".

אין די דאָזיקע שורות, וואָס געהערן יעקב פיכמאַן, האָט דער העברעאישער ליטעראַטור־קריטיקער פארצייכנט די גרונט־השפּעה פון דאָסטאָיעווסקין אויפן יידישן שאַפן.

ווען די שעפערישע פען פון דעם שרייבער האָט אָנגעהויבן ארייַנדרינגען אין אלע ווינקלען און דערשיטערן ביז צו די טיפסטע תהומען דעם לייענער; ווען פיאָדר דאָסטאָיעווסקי האָט פארטראַכט צו שילדערן דעם אַקטיוון ארויסטריט פון שטאָלצן יחיד קעגן דער געזעלשאפט, ביזן אויפשטעלן אַן אייגענע מאָראַל, ביז פאַרברעכן, („פארברעכן און שטראָף"), — כדי שפּעטער דערהייבן די מענטשלעכע פערזענלעכקייט ביזן העכסטן פונקט פון אומבאַרירלעכער הייליקייט („די ברידער קאַראַמאַזאָוו") — האָט ער אפשר ניט געאַנט, אַז ביי יידן, צו וועלכע ער האָט בדרך כלל קיין באַזונדערע ליבשאפט נישט געהאַט, וועט זיך געפינען א יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס וועט מיט ראפינירטן קינסטלערישן חוש אָנכאַפּן די פּאָרמעלע זייט פון ליטעראַרישער גאונות.

אין זיין בריוו־אויסטויש מיט דאָסטאָיעווסקין האָט דער ליט־ ראַטורקריטיקער אַברהם אורי קאָוונער (1842־1909) ארויסגעזאָגט א ריי געדאַנקען וועגן דעם סטיל און דער מייסטערשאפט פון דעם „נביא פון דער רוסישער ערד", וואָס זאָגן עדות אויף קאָוונערס לי־ טעראַרישן געשמאַק און זיין אָפּשאַצן דעם „מייסטער פון דער באַ־ וועגונג". אָט זיינען קאָוונערס אַ פּאָר שורות:

„איר לאָזט זיך נישט אריין, — שרייבט קאָוונער דאָסטאָ־ יעווסקין, — אין קליינע און קליינלעכע באַשרייבונגען פון איינצל־ הייטן, פאָרטרעטן פון די העלדן, פון זייער סביבה, נאַטורבילדער, טו־ אַלעטן און דער גאַנצער קלאַפּערגעצייג, מיט וועלכן ס'האָבן אַזוי ליב צו פראַנטעווען אונזערע ערשטקלאַסיקע שרייבער, אָנהייבנדיק פון טורגעניעוון, גאָנטשאַראָוון, טאָלסטאָיען... דערפאַר אָבער ברויזט דאָס לעבן (זאָל אפילו זיין טיילווייז אָן אויסגעטראכט לעבן, אָבער דערפאַר א מעגלכער) אין אייערע ראָמאַנען, און ס'ברויזט באַ־ וועגונג און טאָט" (לויט י. בראָנשטיין, „פּאַרפעסטיקטע פּאָזיציעס", מאָסקווע, 1943).

אין אָט די געציילטע שורות האָט איינער פון די ערשטע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער נישט בלויז אויפגעדעקט מייסטעריש און געשמאַקפול דעם דינאַמישן תוך פון דאָסטאָיעווסקיס סטיל, זיין שווערן און פיבערהאַפטן טראָט, נאָר דאָ זעען מיר שוין פאר זיך די קאָנטורן פון דאָסטאָיעווסקיס השפעה אויף אַ יידישן שאַפער.

די פּאָליטישע, היסטאָרישע און פילאָסאָפישע אָנשויאונגען פון דעם ערשטן יידישן ניהיליסט און ראַדיקאַלן משכיל זיינען באַ־ אַיינפלוסט געוואָרן פון דעם גרויסן זוכער ביי דער נעוואַ. קאָוונער שרייבט אין דערמאָנטן בריוו:

„וואָס עס איז שייך מיר, בין איך מסכים אין גאַנצן מיט די געדאַנקען, וואָס דער זעלבסטמערדער זאָגט ארויס אין אייער „דניעווניק" (טאָגבוך) פאַרן אָקטאָבער 1876, און מיט אלע אויס־ פירן וואָס מען דאַרף דערפון מאַכן".

אָט די דאָזיקע געדאַנקען פונעם זעלבסטמערדער, וועגן וועלכע קאָוונער רעדט, רופט דאָסטאָיעווסקי אָן אין זיין „טאָגבוך" מאַטע־

ריאַליזם. אין זיי איז פאַראַן אַן אייגנאַרטיקער נאַטור-וויסנשאַפט-לעכער מאַטעריאַליזם, באַפּאַרבט מיט סקעפּטיציזם און אַגנאָסטיציזם. דער זעלבסטמערדער זאָגט: „די נאַטור נישט נאָר וואָס זי אַנאַרקענט נישט, אַז איך האָב רעכט צו פאָדערן ביי איר דין וחשבון, נאָר זי ענטפערט מיר אַפילו נישט" (ציטירט לויט דער ענגלישער איבער-זעצונג פון דאָסטאָיעווסקיס „טאָגבוך פון אַ שרייבער", באַנד 1).

אַז דאָסטאָיעווסקי איז געווען דער גרויסער פרעגער און נישט דער פאַרענטפערער, זעען מיר פון זיין ערשט ווערק — „אַן אָרעמער מענטש איז ערגער פון אַ שמאַטקעלע און קען פון קיינעם קיין שום דרך-ארץ נישט קריגן. וואָס זיי זאָלן דאָרט זאָגן, אָדער שרייבן יענע שמירער וועט אַלץ אין דעם אָרעמען מענטשן בלייבן ווי געווען. בלייבט אַ קשיאַ: פאַרוואָס וועט אַלץ בלייבן ווי געווען?"

עפּעס מער ווי אַ רמז פאַרן זעלבן געדאַנק קאָונערס וועגן דאָס-טאָיעווסקיס אייביקער פרעגעניש, געפינען מיר אין די טיף-לירישע און פּרעכטיקע קונסט-קריטישע „בריוו פון תפיסה" פון ראָזע לוקסעמבורג: „ביי דאָסטאָיעווסקין, אין די „ברידער קאַראַמאַזאָוו" איז פאַראַן אַ מאַדאַם כאָכלאַקאָווא, וואָס האָט ליב צו פרעגן קשיות: און זי קוקט זיך דערביי אַפּהענטיק ארום אויף איינעם און דעם אַנדערן און איידער איימיצער באַוויזט נאָך איר צו געבן אַן ענט-פער, שפּרינגט זי שוין אַריבער אויף אַן אַנדערער זייט"...

און ראָזע לוקסעמבורג מאַכט דעם געהעריקן אויספיר:

„צו וואָס" איז בכלל נישט קיין באַגריף, וואָס זאָל זיך פאַסן פאַרן סכום פון לעבן און זיינע פאָרמען. די גאַנצע קולטור-געשיכטע וואָס ציט זיך שוין, לכל-הפחות, אַ פיינע צענדליק טויזנט יאָר, איז אין גאַנצן אויפגעבויט אויפן געוועלטיקן פון מענטשן איבער מענטשן און דאָס האָט אַ טיפן יסוד אין די מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען. נאָר אַ ווייטיקדיקע פיינלעכע אַנטוויקלונג איז עס בכוח איבערצו-מאַכן".

קאָונער איז געווען, ווי באַוואוסט, דער צייט-חבר פון דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור. די ערשטע קלאַסישע שאַפונגען פון מענדעלע מוכר ספרים זיינען געווען טיף-תכליתדיקע און עס

מערקט זיך אין זיי די השפעה פון די רוסישע קלאַסיקער. אין זיין וואָגיק ווערק „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" באַרירט דער קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער מאיר וויִנער פאַרבייגייענדיק דעם איינפלוס פון די רוסישע קלאַסיקער אויף מענדעלען. ער זאָגט: „און לסוף יענע ריכטונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם שאַפן פון גאָגאָל, טאָלסטאָי און אויך מיט איינער אַ זייט פון דאָסטאָיעווסקיס שאַפן... דאָ איז רעאַליסטיש פּאַראייניקט די אָביעקטיוו־קאָנסעקווענטע דערציילערישקייט מיט דער סוביעקטיווער באַזיניקונג. די שילדערונג פון כאַראַקטערן דערגרייכט דאָ אַזאַ פאַרטיפונג, ווי זי איז אין דער פּראָזע נאָך קיינמאָל נישט געווען, און דערגרייכט ווערט דאָס סיי דורך דער אינהאַלטלעכער האַנדלונג און סיי דורך דעם אומגעוויינלעך דינעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, וואָס שטייט דאָ אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַנאַליז פון געוויסן".

דער דאָסטאָיעווסקי־ריטם איז צום ערשטן מאָל אויפגעכאַפּט געוואָרן אין דער העברעאישער ליטעראַטור דורך חיים נחמן ביאַליק און איז באַלד קינסטלעריש איבערגעפלאַנצט געוואָרן דורך יוסף חיים ברענער.

אין זיין אויבנדערמאָנטן עסיי וועגן דער רוסישער ליטעראַטור זאָגט יעקב פיכמאַן: „דער טראַגיש־דערהייבענער מאָמענט אין די „שירי הזעם" (לידער פון צאָרן) — דאָס דעמאַסקירן דעם שקר פון דער וועלט־גאולה, ווען עס איז ניטאָ קיין זינען אין דעם אומזיניק־און אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט — און וואָס אין קאָנצעטרירט אין די געניאַלע פערזן „ידעתי בליל ערפל" (איך ווייס אז אין אַ נעפּל־דיקער נאַכט) — „און ווען עס וועט שיינען ביים ענד פון די טעג אַ פאַלשע זון פון ליגנערישער גערעכטיקייט", איז שוין לאַנג אַנגעדייט געוואָרן אין די טענות פון איוואַן קאַראַמאַזאָוון, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען די גאולה, אויב זי וועט קומען פאַרן פרייז „אפילו פון איין טרערל פון אַ פאַרפייניקט קינד".

אמת, אַז ביאַליק אַליין האָט רעוואָלטירט קעגן דעם דאָזיקן דאָסטאָיעווסקיאַנישן לירישן בארוף זיינעם, פון נעמען טויט־ערנסט דעם מאָטיוו פון זיין בונט. ווי חיים גרינבערג דערציילט, האָט ער מיט דעם דיכטער אַמאָל פאַרבראַכט „אַ טאָג אין לייפּציג" און מען

איז ארויפגעקומען אויף דאָסטאָיעווסקין. ביאַליק האָט אויף זיין גייסטרייך פּאַלקסטימלעך־הומאָריסטישן אופן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן קעגן דעם דאָסטאָיעווסקי־נוסח פון זיך בונטעווען קעגן גאָט, מיט וועלכן, ווי ער האָט דערקלערט, ער איז אמאָל אליין אָנגעשטעקט געוואָרן. „יעדער נעווראַסטעניקער, וואָס האָט פּאַר זיך געזען דעם עיפּוש פון פּאָליטישער שקלאַפעריי, פון אָרעמקייט און דחקות, פון איזדיעקעווען זיך איבערן אָרעמען מענטשן, און האָט קיין כוח נישט געהאָט צו ווערן אַ רעוואָליוציאָנער קעגן צאַר, איז געוואָרן אַ רעוואָליוציאָנער קעגן גאָט. איך געדענקט דאָך איוואַן קאַראַמאַזאָווס פּועל־יוצא, אויב מען גיט אים נישט טעלערל פון הימל לוינט אים נישט דאָס גאנצע געשעפט, איז דאָס געבוירן ווערן געווען אַ מקח־טעות. ווי דריקט ער זיך דאָרט אויס? ער איז גרייט אָפּצוגעבן די אײַנטריטס־קאַרטע צו אַזאַ ספּעקטאַקל, אָבער עס שטייט אין ערעגץ נישט קיין קאַסע און ס'איז נישטאָ קיין קאַסירער און ער וועט קיינעם נישט אָפּטאָן אויף טערקיש, אויב ער וועט זיך פון ספּעקטאַקל צוריקציען. אַ גרויסע חכמה און א גרויסע גבורה: ווּעמען ווּעסטו... אויף יעדן איוואַן קאַראמאַזאָוו, וואָס קלאָגט אין הימל: אָט־אָט וועל איך דיך... וואָס ווּעסטו? ווען ווּעסטו? און שטיין איינער אליין אין וואלד און דראָען מיט דער פּויסט אין זיך אויף דעם נישט עקזיסטירנדיקן רעזשיסאָר פון ספּעקטאַקל און דרייט מיט דער נאָז און טראַכט פון א מיתה משונה, ווערן געבוירן 50 מילאָן קינדער און „עולם כמנהגו נוהג”.

ביאַליק אליין איז אָבער געווען דער ערשטער צו באַצייכענען ברענערן ווי א יידישן דאָסטאָיעווסקי. צי איז טאַקע ברענערס אמביציע געווען צו ווערן א יידישער דאָסטאָיעווסקי איז אַ פּראַגע. דער טיפערער זין פון רוסישן שרייבער, וואָס האָט מיט זיין קינסטלעריש אויג דורכגעדרונגען די טונקלקייטן פון דער מענטשלעכער נשמה, געלאָזט די נשמה שפּאַלטן אין צוויי און געלאָזט די צוויי טיילן פירן אַ וויכוח איינער מיטן צווייטן — זיין הויפּט־מאָטיוו איז געווען דאָס דערהייבן די ליידן צו אַ מיטאָס (דער הייליקער זוסימאַ

בוקט זיך פאַר איוואַן קאַראַמאַזאָוו, שוין צוליב דעם געפיל, וואָס קאַראַמאַזאָוון שטייען פאַר גרויסע יסורים). ברענער אָבער האָט געוואָלט דערפירן דעם לייענער צו נייע דערקענטעניש, וואָס שטייען פון יענער זייט טראַגעדיע. אָבער אַז אין זיין גאַנצן שאַפן הערשט דער דאָסטאָיעווסקי־מאָטיוו און עס שוועבט יענעמס ריטם — וועגן דעם קאָן קיין ספק ניט זיין.

ברענערס וועלט איז קודם־כל אַ רעאַליסטישע, אָבער זיין רעאַליזם איז נישט קיין וועלט פון סתם קאַלטע און טרוקענע פאַקטן. עס איז דער עיקר אַ מאָראַלישע וועלט, אַ וועלט פון רעכט און אומרעכט, פון גוטס און שלעכטס. געפירט ווערט די וועלט לויט דער סכעמע פון א מעשה מיט העלדן. די קינסטלערישע אינסטרומענטן, מיט וועלכע ער האָט מאַניפולירט, האָבן די וועלט באַהויכט מיט שפּירערישע רעאַלקייט און איר צוגעגעבן די לעבעדיקסטע ניואַנסן פוןווירקלעכן געשען.

אין דער קינסטלערישער וועלט, וואָס ברענער האָט אויסגעבויט און זיך דאָרט פאַררינגלט, די וועלט פון די ראָמאַנען „בחורף״ (ווינטער) ״מסביב לנקודה״ (ארום אַ פּינטעלע) „שכול וכשלון״ (פאַרוואַרפונג און שטרויכלונג) — אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספערע פון פּייניקונג און זעלבסט־קריטיק אַנטפּלעקט זיך דער איובדיקער מאָטיוו פון גורל און פאַטום: ״דאָס לעבן איז באַגרענעצט אין זיין היקף און זיינע מעגלעכקייטן״ זאָגט זיין העלד פייערמאַן (ברענער אַליין) אָבער אויך ברענער האַלט, אַז „דאָס לעבן איז א פליכט, אין דער דערפילונג פון דער דאָזיקער פליכט איז דאָס גליק...״

דער מאַטעריאַל פון ברענערס ערשטע דערציילונגען זיינען פונקט ווי ביי דעם רוסישן מייסטער, דאָס לעבן פון דער אָרעמקייט. זיינע העלדן זיינען די אײַנוואוינער פון אביונדיקן ״מעמק עכור״ (דער נאָמען פון זיין ערשטער זאַמלונג דערציילונגען). „די מלאָכים פון מיין קינדהייט שוועבן פאַר מיינע אויגן — פון זייערע אויגן טריפן טרערן; דאָס פאָכן פון זייערע פליגלען דערציילט וועגן פאַרוואָרלאָזטקייט; וועגן דעם קול פון אַ גוססדיק קינד, דאָס קול פון אַ קליין עופהלע, וואָס זיין מאַמע האָט אים איבערגעלאָזן...

א טיפער און ביז צום אָפּגרונט בויערנדיקער צער, א טעמפּער צער אָן אַ סוף און אָן אַן ענדע....״

„אַחות גדולה לי וכוס היסורים שמה״ (אַ גרויסע שוועסטער האָב איך און דער יסורים־כוס איז איר נאָמען) — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען (טיפּה זו), און ביים סוף פון „בחורף״״ (ווינטער) זאָגט ער: „איך ווייס, אַז בלויז פּייניקונגען זיינען מיר אין דער צוקונפט אָנגעגרייט און איך האָב קיין מורא ניט. איך בין אַן אַנדערער, איך בין הונגעריק און זאַט, גרויס זיינען יסורים, גרויס איז דער איינזאַמער״. און ביים סוף פון „שכול וכשלון״: „טוב מאוד — זייער גוט איז דאָס לעבן. דאָס איינציקע גוטס, בישטאָ קיין גוטס מחוץ זיי...״ הערט מען נישט אין די שורות דעם אָפּ־קלאַנג און ווידערקלאַנג פון עפּילאָג צו „פאַרברעכן און שטראָף״?

די דאָסטאָיעווסקי קריטיק האַלט, אַז דער תמצית פון זיין שאַפן איז אידייאיש קאָנצעטרירט אין זיין קליינער דערציילונג פון „קאָמישן מענטשן״ א מענטש וואָס איז דערגאַנגען ביזן לעצטן ברעג פון ליידן און האָט שוין לאַנג באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און „ס׳איז אים שוין אַלץ איינס״. דער שרייבער לאָזט אים בלויז הענגען אויף אַ האָר, זיך וויגן צווישן טאָט און באַשלוס, צווישן לעבן און טויט. אין זיינע לעצטע מינוטן גייט ער ארויס אָנקוקן די וועלט: פינצטער, חשכות, און מיט אַמאָל קומט צו לויפן אַן אָפּגעריסן מיידעלע און שרייט אויס „קום ראַטעווע, די מאַמע גייט אויס״. ער טרייבט דאָס קינד אַוועק, אָבער אין האַרצן דערוואַכט מיט אַמאָל דאָס געוויסן. פאַרוואָס שעמט ער זיך דאָך פארן קליינעם קינד. דער „קאָמישער מענטש״ שלאָפט איין און אין זיין חלום זעט ער אַ וויזיע פון אַן אַנדער וועלט, א וועלט פון ליבשאפט און אומשולד, ער כאַפּט זיך אויף אַ נייער מענטש און הייבט אָן אַ ניי לעבן.

דאָס געוויסן איז דערוואַכט אין אָנבליק פון קינדערשן צער.

אַט ווי דער מאָטיוו וואַראַאירט זיך ביי ברענערן: צום ערשטן מאָל דערשיינט ביי אים דאָס קינד ווי אַ באַרעכטיקונג פון לעבן און זיין יוגנט־שאַפונג „ארום אַ פּינטעלע״. אבראַמסאָן קומט דריי בייטאָג אין חדר פון אוריאל דאַווידאָווסקי און מיט זיין אריינקומען רייסט דאַווידאָווסקי איבער זיינע צוגרייטונגען צו מאַכן אַ סוף צום לעבן.

דאַווידאָוסקי האָט אויפגעציטערט. דאָס קול פון זיין באַזוכער האָט איצט געקלונגען פאַר אים ווי עפּעס נייעס, ווייל ער האָט שוין נישט געהאַפט צו הערן אַ מענטשלעך קול. זיינע אויגן זיינען גרייט געווען צו באַפעלן דעם גאַסט: ״גיי פון דאַנען!׳ אָבער פּלוצים האָט ער געזאָגט: ׳וואָס האָט די מאַמע היינט געטאָן?׳

— די מאַמע, די מאַמע, אוריאל — האָט אַבראַמסאָן געזאָגט, — ס׳איז ביי איר וואַש־טאָג. די העמדעלעך פון די קינדער האָט זי אויסגעוואַשן, אוריאַל, ווען דו וואָלסט געהערט דער מאַמעס קולות, ווי זי האָט איינגעשטילט דאָס געוויין פון קליין מיידעלע, בעבעלע, בעבעלע, מיין מזל און מיין נחמה... מען דאַרף נישט שטאַרבן... גרויס איז די רעטעניש פון לעבן... גרעסער די רעטעניש פון טויט... בעבעלע־לעבן...״

און די סך־הכלען פון זיינע לעבנס־דערפאַרונגען, וואָס ברענער האָט געמאַכט אין זיין „פערזענלעכער צוואה״ ווייזט, אַז ברענער האָט דעם לייט־מאָטיוו דורכגעטראָגן:

די וועלט איז פארפלאָנטערט, אָבער אויך פארביק און אָפט שיין, א מענטש איז אומגליקלעך, אָבער עס טרעפט, אַז ער איז אויך פרעכטיק. כל־זמן דיין נשמה לעבט אין דיר, זיינען פאַראַן גרויסע מעשים און דערהייבנדיקע מינוטן״.

„כל־זמן דיין נשמה לעבט — דאָסטאָיעווסקי׳ס „שטריק איבערן איבערן תהום״.

די השפעהדיקייט פון דעם דאָסטאָיעווסקי־מאָטיוו רינגלט זיך ווייטער ביז זי קומט אויף אין דער יידישער ליטעראַטור פון פּוילן ווי ס׳ווייזט אויס, איז דער ערשטער אויף דעם דאַזיקן געביט געווען

דער רעאַליסט י. אָפּאַטאָשו, וועלכער איז דווקא נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער רוסישער ליטעראַטור און בדרך כלל נישט אַרויס־געוויזן קיין ספּעציעלן ליטעראַרישן אינטערעס פאַר דערלייזונגס־מאָטיוון.

לאָמיר קודם־כל באַטראַכטן אָפּאַטאָשוס צענטראַלע פיגור אין „די פוילישע וועלדער" ר' מענדל קאָצקער. ער איז זיכער געווען אַ דאָסטאָיעווסקי־טיפּ.

כדי אָפּצושאַצן די קאָצקער געשטאַלט דאַרף מען אויך אין זינען האָבן איבסענס ‚בראַנד" מיט זיין לאָזונג „אַלץ אָדער גאָר־נישט!" בראַנד וויל פון שטיקלעך נשמות, פון קלאָגעדיקע ברעקלעך גייסט ווידער באַשאַפן עפּעס גאַנצעס. ער האָט געוואָלט אויפשטעלן די לערע פון פאַראיינהייטלעכן דעם אידעאַל מיטן לעבן „וואָס זאָל צענויפגיסן ס'טאָג־טעגלעכע לעבן מיטן גייסטיקן פלי אין די איבער־שטערנדיקע הויכקייטן פון די הימלען". דער קאָצקער איז געווען א מין יידישער בראַנד (באַזונדערס געזען דורכן שפּיגל פון שלום אַשעס „תהלים־ייד"). ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, צעגלידערט מענטשלעכע פּראָבלעמען, אויפגעשניטן וויטיקן, גע־עקבערט דאָס געוויסן און געמאָנט פאַרענטפערונג. אַמאָל האָט ער געזאָגט: „מיט איין פוס בין איך אין זיבעטן הימל און מיטן צווייטן שטעק איך אין „שאול־תחתיה" (פאַרגלייך די סענטענצן פון הייליקן זאָסימאַ אין די „ברידער קאַראַמאַזאָוו"). דער קאָצקער איז געוואָרן אַ טראַגישער מתבודד, אין דער איינזאַמקייט, דאָרט וואו דער געוויסן איז נאַקעט, האָט ער געגלויבט, איז מען נאָענט צו גאָט. דאָ זיינען געווען ליידן, העכסטע ליידן פון גייסט, צעבראָכנקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט דעם מענטשן ניט געפונען.

אין קאָצקערס שאַרפע, פּאַראַדאָקסאַלע אַפאָריזמען הערט זיך דער ווידערקלאַנג פון די טראַגיקער „די ברידער" און דער „זקן זאָסימאַ" אָן דעם קריסטלעכן שפּיל אָבער מיטן זעלבן דעמאָנישן שטאָלץ.

„גלויב בלויז אין די געדאַנקען פון דיין האַרץ, דער הימל וועט דיר קיין גאַראַנטיע ניט געבן" — זאָגט קאַראַמאַזאָוו. דער צווייפל איז

געווען דער הויפּט־שטריך פון דעם שאַפער פון דעם „גרויסן אינקוויזיטאָר". „מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך באַוואוסטזיניק, אָדער אומבאַוואוסטזיניק געמאַטערט אויפן פּראָבלעם פון דער געטלעכער עקזיסטענץ". די גאַראַנטיע האָט דאָסטאָיעווסקי ניט געפונען, האָט ער באַשלאָסן זיך אָפּרוען אויף דער „קריסטוס־געשטאַלט" ווי אַ טראַגיש־קינסטלערישע פיקציע. „אויב עמעצער זאָל מיך איבערצייגן — שרייבט ער — אַז קריסטוס שטייט מחוץ דעם אמת, וואָלט איך בעסער געבליבן מיט קריסטוסן און נישט מיטן אמת". אויב אַפילו עס זאָל זיין אמת, אַז אַזאַ געטלעכע פיגור האָט גאָרניט געקענט עקזיסטירן, וואָלט ער זיך פאַרפיקסירט אויף דער אויסגעטראַכטער פיגור. דער חסידיש־פרומער מענדל קאָצקער האָט זיכער נישט געקענט אָננעמען דעם „גויאישן גאָט". אָבער אין זיין אונטער־באַוואוסטזיין האָט די טראַגישע פיגור פון מענטש־גאָט אים גע־לאָקט מיט אירע פאַרפירערישע פייערלעך. איז פאַרבליבן פון אים אַזאַ אַפאָריזם: „דעם תלוי האָט יאָ געזאָלט געראָטן — מיר נישט?" (אמת ואמונה).

די טראַגיש־שטאָלצע און איינזאַמע געשטאַלט פונעם קאָצקער איז געצייכנט ביי אַפּאַטאָשון בונטאַריש און ביי אַשן איבסעניי... בראַנדיש. אַפּאַטאָשוס פינאַל, די שילדערונג פונעם קאָצקערס פּטירה מיט דער לאָזונג „די וועלט שטינקט", איז רייך־דאָסטאָיעוו־סקיאַניש און איז געשטעמפּלט מיט דעם חותם פון דער שילדערונג וועגן דעם עיפּושדיקן סוף פון הייליקן זאָסימאַ אין די „ברידער קאַראַמאַזאָוו", ווען די ארומיקע מוזן אויפעפענען די פענצטער ווייל קיין ריח־ניחוח גייט נישט אויף פונעם זקנס קערפּער — די ענ־לעכע שילדערונג ווי אין די „פּוילישע וועלדער", דער זעלבער פּועל־יוצא אָדער מוסר־השכל.

ביי דעם דערציילער פון דער לאָדזשער אָרעמקייט ישראל ראַבאָן איז דער הויפּט־מאָטיוו אייביקע עלנטקייט, ירידה פון מענטשן צו דער מדרגה פון דער חיה, ווי ער וואָלט מיט זיין פּראָזע געצילט צו באַווייזן, אַז דער מענטש שטעקט טיף אין דער אומהיימ־

לעכקייט פון דער קרעאַטור.. ראַבאַן אַנטפּלעקט אינגאַנצן די מע־פיסטאָפאַלישקייט פונעם עלנטן מענטשן. די קאָנטיקע דאָסטאָ־יעווסקישע צעשפּליטערטקייט ווייזט זיך דאָ ארויס מן הצד.

אין דאָסטאָיעווסקיס ״אידיאָט״ בייט זיך דער העלד ראָגאָזשין מיטן ,,אידיאָט״ מיט די צלמימלעך און וועבט בשעת מעשה אין הארצן דעם פּלאַן אים צו טויטן... אן אנדער העלד גייט ביינאַכט הרגענען זיין בוזים־פריינט, כדי צוצונעמען בײַ אים זיין זייגערל און צלמט זיך איבער, איידער ער שטעקט אריין דעם מעסער אין זיין רוקן... איינער פון ראבאַנס העלדן שלאָפט אין א באַלוטער (א געגנט אין לאָדזש) קעלער צוזאַמען מיט משוגעים, ביינאַכט טוען זיך דאָ אָפּ מאַקאַברישע סצענעס. אינם שיין פון איקאָנע־לאָמפּ וויל מען דאָ אויפהענגען לעבעדיקע קינדער. אויך ראבאַנס נאַטוראַליזם פּאַרוואַנדלט זיך אין אַ דואַליזם און איבער אלץ שוועבט דער דאָסטאָיעווסקישער האָפנונגסלאָזער ריטם פון מענטשלעכן עלנט.

בולטער ווי ביי ראבאַנען קומט שוין ארויס דער דאָסטאָיעוס־קי־איינפלוס ביי עוזר ווארשאַווסקין. דאָ איז דער איינפלוס קאָנטיק אריינגעוועבט אין דעם סאָציאַלן קלימאַט און דער מיליע פון די ,,שמוגליאַרעס״ אין מלחמהדיקן שטעטל.

דאָסטאָיעווסקי האָט גענומען דאָס געשטאַלט פון א פּעטער־בורגער פּראָסטיטוטקע און געמאַכט פון איר אַן איקאָנע. סאָניע מאַרמאַלאַדאָוואַ איז א הייליקע. אַ טאַטע — אַ שכור, א שטיפמאַמע, וואָס איז היסטעריש קראַנק. אַ שטוב מיט הונגעריקע, נאַקעט־באָרועסע עפּילעפּטישע קינדער — ,,ווער עס איז אַליין ריין פון זינד זאָל ווארפן אין איר דעם ערשטן שטיין״. דער שרייבער איז איר מוחל אַלע עבירות. זי האָט געבראַכט א קרבן איר ריינקייט, די קדושה פון איר צאָפּלדיק־דערשראָקענעם קערפּער, אויס ליבע צו אירע מיטמענטשן.

קלאָר, אַז דער ליטעראַטור־ מייסטער האָט דאָ נישט גענעראַ־ליזירט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז זיין סאָניע איז נישט קיין ט י פּ, נאָר אַן אויסנאַם־כאַראַקטער. סאָניע הייסט ראַסקאָלניקאָוון זיך מודה זיין, אַז ער איז דער מערדער. ער גייט זיך איבערגעבן צו דער פּאָלי־

ציי, אויפן וועג קושט ער די ערדביים ברעג פון טייך נעווא. די צוקוקער מיינען, אַז אַ הייליקער איז עולה־רגל קיין ירושלים און זיי ווייסן נישט, אַז דאָ גייט אַ פאַרברעכער נעמען אויף זיך די קאַטאָרגע. דער מענטש, וואָס איז שוין אין פולשטענדיקן יאוש, זוכט די פאַר־צווייפלונג ביי אַנדערע און געפינט טרייסט ביי די געפאַלענע.

און אָט ווי וואַרשאַווסקי פירט דורך דעם ענלעכן דאָסטאָ־יעווסקי־מיטל. דער שמוגלער מענדל חברט זיך מיט דער זונה נאַ־טאַשע. ער ווערט געפערלעך קראַנק, צאַפּלט זיך אין אַגאָניע־מאַטער־נישן און אינעם האַרצן פון דער „גאַסן־מיידל" נאַטאַשע דערוועקט זיך אַ מיטגעפיל צום עלנטן קראַנקן מענטשן, דאָס דאָזיקע מיטגעפיל גייט איבער צו מענדלען. און עס הייבט זיך אָן אויסוועבן אַ ליבע. ער דער־שפּירט זי אין זיך, קען ער דעמאָלט נעמען די צאַרטסטע זאַך אין דער האַנט אריין, די ווייסטע ליליע אָן שום שאָדן און זי וועט אַרויס פון זיין האַנט אומבאַפלעקט און אפשר נאָך ווייסער פון פריער, ווייל זי איז געלייטערט דורך נאָך אַ צווייטער צאַרטקייט".

וואַרשאַווסקי׳ס שיכטן זיינען דווקא טיפּישע. ווען אַ שיכט גייט אונטער פון סאָציאַלער דעגענעראַציע, ציטערט אויף ביי די געפאַלענע מענדל און נאַטאַשע, ביידע שמוגלאַרעס, דער לירישער איבערברוך פון רחמים און דערהייבנקייט. אַ רמז אויף דעם פּעטערבורגער העל־דזעדס וואָרט: „מענטש, מענטש, קיינער קען נישט לעבן אָן רחמנות!" („פאַרברעכן און שטראָף").

די ווערק פון דעם נאָוועליסט ברוך גלאַזמאַן פאַרמאָגן אַ באַ־זונדערן קאָלאָריט און שילדערונג, וואו עס קומט צום אויסדרוק, הויפּט־זעכלעך, דאָס אַנאַליטישע, פּסיכישע. אָנטאָפּנדיק דעם דאָס־טאָיעווסקי־שטריך אין גלאַזמאַנס באַציאונג צו זיינע העלדן, זאָגט ב. ריווקין, אַז גלאַזמאַן איז „זייער באַשולדיקער און אָנקלאָגער, פּראָ־קוראָר און ריכטער. גלאַזמאַן נעמט פון זיי די נשמה אַרויס. ער איז אומהיימלעך דערפינדעריש, דער אויספאָרשער אין דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף", וועלכער מיט גוטע ריידעלעך אין פאַרלויף פון מערערע קאַפּיטלעך ציט ער אַרויס דעם ווידוי" („אונדזערע פּראָזאַאיקער", 1951).

לעאָן פויכטוואַנגער: ביי די קוואַלן פון געשיכטע

(וועגן פויכטוואַנגערס „שפּאַנישע באַלאַדע״ און „יפתח׳ס טאָכטער״)

קוואַלן פון רייד
קוועלן פון אַלע עולמות.
העכער בריאיקע קוואַלן פון רצון,
העכער שפּרודלען קוואַלן פון ליבשאַפט.
קומען חכמים,
שעפּן פון קוואַלן פון חכמה.
לייטערט זיך חכמה אין אָפּשיין פון ווייסן פלאַם,
שימערט דאָס ווייס פון זייערע ווערטער.
קומען פּייטנים, ...
שעפּן פון קוואַלן פון ליבשאַפט,
שפּרודלט די ליבשאַפט מיט תשוקה צום ווייסן פלאַם,
פינקלט דאָס ווייס פון זייערע ווערטער (מ. באָריישאַ, דער גייער).

ווי אַ מאָטאָ צו זיין היסטאָרישן ראָמאַן וועגן בנימין פרענקלין „שטאָלצער גורל״ („פּראוד דעסטיני״) האָט ליאָן פויכטוואַנגער געבראַכט דאָס וואָרט פון פראַנצויזישן רעוואָליוציאָנערן הומאַניסט זשאַן זשאָרעס: „מיר ירשנען ניט דאָס אַש פון די דורות, נאָר דעם פייער״. טריי צו דעם דעוויז האָט פויכטוואַנגער אַמאָל געזאָגט וועגן זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען: „מיין ׳יוד זיס׳ און ׳יאָזעפוס׳ זיינען איצט אויך לעבעדיק. זיי זיינען ניט סתם אזוי קינדער פון מיין פאַנטאַזיע, אויך נישט יידן פון ערשטן אָדער אכצנטן יאָרהונדערט, דאָס זיינען מענטשן פון אַלע צייטן״.

פויכטוואַנגער איז מיט דעם אויסן געווען צו זאָגן, אַז די היסטאָרישע טעמע טאָר פאַרן שרייבער ניט זיין קיין אַנטרינונג פון דער באַדערפעניש; עס מיינט, אַז דער שרייבער האָט ניט בלויז קיין עסטעטישע סימפּאַטיע מיט דער געשיכטלעכער טעמע נאָר טאַקע א

געשיכטלעכע סימפּאַטיע. דער שרייבער מוז אָבער, כדי צו ירש׳נען דעם פייער פון די דורות, כדי באמת צו געשטאַלטיקן אַן עפּאָכע — מוז ער גוט אויספּאָרשן דעם נוסח פון יענעם דור און איינפּאַסן זיין טעמע אין די ראַמען פון יענער תקופה, שעפּן פון די ערשטע און אָריגינעלע קוואַלן. און ניט נאָר שעפּן פון די קוואַלן נאָר די טעמע זאָל קוועלן מיט דער ליבשאַפט און דער חכמה און טראָגן אויף זיך דעם אָפּשיין פון יענע אידייאישע פלאַמען מיט וועלכע די העלדן און זייער דור האָבן געגליט.

אַ העלד וועגן וועלכן מיר ווייסן כמעט גאָרניט — חוץ די צייט און אַטמאָספערע — איז אַ סך אַ דאַנקבאַרע טעמע, איידער אַ היס־טאָרישע געשטאַלט, וועלכע די געשיכטע אַליין האָט רעקאָרדירט.

אויף אַ געשיכטע פון אַן אַלט־שפּאַנישן געזאַנג וועגן דער ליבע פון קאַסטילישן קיניג אַלפאָנס צו דער טאָכטער פון אַ סעווילישן יידישן סוחר דאָנא רחל, וואָס דער קיניג האָט צוליב איר פאַרגעסן אין זיין פרוי די קיניגין לעאָנאָרע. פון די קאַרגע מאַטעריאַלן האָט דער היסטאָרישער ראָמאַניסט אויסגעשפּונען זיין ראָמאַן, אָבער ניט בלויז פון וועבשטול פון דער פאַנטאַזיע האָט ער געוועבט די היסטאָרישע באַלאַדע. ער האָט געבראַכט פון אַלע קוואַלן גענוג היסטאָרישע און לעגענדאַרישע, גענוג ברען־מאַטעריאַל כדי דער פייער פון די דורות זאָל זיך צעברענען...

די עפּאָכע וועלכע פויכטוואַנגער שילדערט איז דער צוועלפטער יאָרהונדערט, די תקופה פון די קרייצצוגן. אייראָפּע איז דעמאָלט געווען צעטיילט צווישן קיניגרייכן און הערצאָגן און ריטערס, וואָס האָבן געפירט צווישן זיך מלחמות. ביי די קיסרים און ריטער, איז מלחמה געווען דער העכסטער טוגנט. קריסטלעכע היסטאָריקער האָבן פאַראידעאַליזירט די קרייצצוגן, זיי דערקלערט ווי אַ פלוצלונג־אויפגעוואַכטע בענקשאַפט צו דעם „הייליקן קבר פון נוצרי אין ירושלים. אין דער אמת׳ן זיינען אָבער די קרייצצוגן געווען אַ דער־וואַכטע באַוועגונג פון ערדלאָזע פעאָדאַלן צו דערווערבן גרויסע ריי־כע גיטער אויפן מזרח. געהאָלפן פון די אויפגעקומענע איטאַליענישע

האַנדלס־שטעט, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן דעם מיטלענדישן ים (אויף דעם מזרח פון דעם ים) פאַר אַ ים פון קריסטלעכן מסחר.

אַ טייל פון דעם פירענעאישן האַלב־אינדזל האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די מאַראַנען. אין טאָלעדאָ האָבן רעגירט די שפּאַניער אין סעווילאַ האָט געהערשט דער מעכטיקער עמיר. דער קריסטלעכער קעניג אלפאָנס האָט דעמאָלט באַשטימט דעם סעווילער יידישן סוחר איבראהים, וואָס האָט געשטאַמט פון דער באַרימטער אבן־עזרא משפחה און זיין אמתער נאָמען איז געווען יהודה אבן עזרא, צו ווערן זיין הויפּט „עסקריבאַנאָ" (פינאַנץ־מיניס־טער).

יהודה אבן עזרא איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון פרידן און רעליגיעזער טאָלעראַנץ. אַ געטרייער זון פון זיין יידישן פאָלק (כאָטש ער איז געצוואונגען געווען אָנצונעמען דעם מאַכמע־דאַנישן גלויבן, וועלכן ער האָט שפּעטער פאַרלאָזן), איז ער שווער געטראָפן געוואָרן פון דעם גורל פון זיינע ברידער פון יענער זייט פירענעער בערג, די קרבנות פון גזילה און מאָרד פון די הענט פון די קרייצטרעגער; ער האָט געווידמעט זיינע טעג, איינגעשטעלט זיין קאַראַיערע דער זאַך פון שלום. דאָס שטרעבן צו פרידן און פעלקער־פריינטשאַפט איז ביי אים געווען איינס מיט זיין ליבע פאַר וויסנשאַפט און קולטור און אין דעם גייסט האָט ער דערצויגן זיין איינציקע טאָכ־טער רחל.

די לעגענדע שפּינט זיך ווייטער: דער קיניג אלפאָנס וואַרפט אַן אויג אויף דער „שיינער רחל" און באַשליסט זי צו מאַכן פאַר זיין מעטרעסע. איר פאָטער לעבט דאַן איבער אַן אינערלעכן געראַנגל. ניט נאָכגעבן דעם קיניגס פאַרלאַנג מיינט אויפגעבן די דעראָבערטע פּאָ־זיציע פון פרידן, וואָס פון דעם איז אָפּהענגיק דער גורל פון יידן, און לאָזן דעם קיניג זיך פאַרבינדן מיט די קרייצטרעגער און מיט דעם נייעם קרייצצוג וואָס זיי גרייטן אין איראָפּע.

נאָך לאַנגע טראַכטענישן און איבערטראַכטענישן באַשליסט אבן עזרא צו ברענגען זיין בת־יחידה פאַר אַ קרבן ווי אַמאָל יפתח זיין טאָכטער כדי צו ראַטעווען זיין פאָלק אָדער שבט פון די הענט

פון די בני עמון; שפעטער געפינט ער אויס אַז אויך רחל האָט ליב דעם קיניג.

דאָנאַ רחל'ען געלינגט מיט דער צייט צו מאכן פון קיניג א מענטש. זי האָט אים דערקלערט, אַז „א פעדער פון שלום וועגט מער ווי אַ טאָן נצחון" און אַז „אַ געקאָכטע איי אין פרידן איז געשמאַקער ווי אַ געבראָטענער אָקס אין קריגס־צייט". דער קיניג האָט זיך געוועהרט, גע'טענה'עט, אַז „אזוי רעדן פויערים און דאָס פּראָסטע פאָלק" אָבער ער איז איר מוחל ווייל „עס קומט פון אירע ליפּן". די מיליטערלייט, די קאַטוילישע היעראַרכיע, מיט דער שטיצע פון דער אייפּערזיכטיקער קיניגן לעאָנאָרא באַווייזן צו קריגן די אויבער־האַנט און דערפירן צו קריג. די פלאַמענדיקע ליבע צווישן קיניג און דער שיינער רחל ווערט צעשטערט. געדונגענע מערדער טויטן דאָנאַ רחל'ען צוזאמען מיט איר פאָטער יהודה. אַלפאָנס פארלירט די מלחמה אָבער ער איז דאָך געוואָרן אַן אַנדערער. צום סוף רופט ער צוריק צו מלוכה־דינסט יהודה אבן עזרא'ס נאָכפאָלגער און ווידמעט זיינע לעצטע יאָרן דער זאַך פון פרידן, דער אויפריכטונג פון בילדונג און קולטור.

„רחל פון טאָלעדאָ" איז א גרויס בוך אין וועלכן דער שרייבער האָט אריינגעלייגט א סך פאָרשונגס־ארבעט. גלייך פון די ערשטע זייטלעך אָן פירט אונדז דער ראָמאַניסט אריין אין דער שטימונג און אין סאַמע קאָך פון דער געשיכטע פון יענער עפּאָכע. ווען עס האָט זיך געשלאָסן דאָס קאַפּיטל פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון שפּאַנישן יידנטום", איידער נאָך דער מאכמעדאַנישער מזרח איז באזיגט גע־וואָרן פון קריסטלעכן מערב. מיר ווערן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון יענער ליכטיקער תקופה פאר יידן אין דער אַראַבישער שפּאַניע, ווען אונטער דער הערשאַפט פון גרינעם טורבאַן און צייכן פון דער האַלבער לבנה האָבן געווירקט די גרויסע גייסטער: דער גרויסער זון פון מיימון, וואָס האָט פאַראייניקט די יידישע חכמה מיטן אריס־טאָטלשן געדאַנק; דער דיכטער יהודה הלוי, וועמענס בענקענדיגע ציון־קלאַנגען האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין איין אקאָרד מיט זיינע באַלאַדן און סאָנעטן וועגן דער עגיפּטישער טענצערין און דער

שפּאַנישער טאָכטער מיט גאַזעלן־אויגן; מיט טיפער בענקשאַפט און שווערע חלומות פון מענטש און וועלט און גאָט; מיט דעם גרויסן סאַטיריקער איבערן שפּאַנישן גביר, וואָס האָט געטראָגן אַ מאַנטל געלעכערט ווי אַ זיפּ, — אברהם אבן עזרא — און דורך די ריסן געשמייכלט צו די שטערן...

די גרונט־שטימונג איז איינגעוועבט אין דער קאָלאָריטרייכער שילדערונג פון דער אַטמאָספערע מיט אירע ליכט און שאָטן־עפעקטן, קיניגליכע פּאַלאַצן, קאַטעדראַלן און מאָשעען; טייכלעך באַברעמטע מיט בלומען, וואָס דערציילן פון וואונדערלעכע טויזנט־און־איין־נאַכט ראָמאַנען און ראָמאַנסן, פון שטילע זיפצן, פון פאַרשלייערטע געליבטע און ליבהאָבער אין זיידענע בורנוסן און מיט גאָלדענע שווערדן אויף די לענדן; און אָט טונקלע קירכן מיט ווייררויכיגע אַלטאַרן און פעטע גלחים אין רויטע יאַרמעלקעס און שוואַרצע באַר־וועסע מאָנאַכן; קירכן־גלאָקן געקלאַנג, וואָס פלעכט זיך און קרייצט זיך איבער מיט אָריענטאַלישע מעלאָדיעס.

פויכטוואַנגערס שילדערונגען זיינען אָבער ניט בלויז דעקאָ־ראַטיוו, נאָר ארייגעוועבט און צוזאַמענגעפלאָכטן מיט די צענטראַלע מאָטיוון און אידעען פון ראָמאַן וואָס זיינען באַזירט אויף די אַלטע מקורות.

די פאַקטן, דעם „אָביעקטיוון גאַנג פון די געשעעניש" באַלייכט דער שרייבער מיטן ליכט פון די מאַטעריאַלן וואָס ער שעפּט פון די אַלטע קוואַלן; פון זוהר און מדרש און די דאָקומענטן פון דער גאָלדע־נער עפּאָכע.

די ראָמאַנטישע געשטאַלט פון דער הויפּט העלדין דאָנא רחל, קאָן פאַרגליכן ווערן צו דער ביבלישער אסתר פון דער מגילה. פאַר־גורל'ט איזביידנס — דעם פאָטערס און טאָכטערס — ווי קרבנות אויפן מזבח פון פאָלקס־קיום. רחל וואקסט דאָ אויס צו דער געשטאַלט פון דער ביבלישער הדסה, וואָס וויל מיט חכמה בייקומען דעם פיינט, ווי די פאַרצייטיקע יידישע בת מלכה פון פּערסיע, וואָס שטייט פאַר אחשוורוש'ן, אדורכגענומענע און דורכגעווייטיקטע פון פאָלקס־צער און מיטן שטאָלץ פון אַ יידישער טאָכטער וואָס זאָגט סאַרקאַסטיש,

„אין הצר שווה בנזק המלך״, אזוי זאָגט די באַחנ׳טע טאָכטער פון שפּאַנישע חכמים און פּאָעטן: מלחמה לוינט זיך ניט! (ווי אנדערש עס איז פויכטוואַנגערס רחל פון מאַנגערס „ציגיינעריש־ווּולגאַרע „מגילה לידער״!...).

און ניט נאָר די העלדן אויך די אידעען און די שטימונגען, נעמט דער שרייבער פון דעם יידישן פאָלקלאָר. ביישפּילן: טאָלעדאָ — טוליטילא, שטאַמט פון וואָרט „תולדות״ — גענעראַציעס, דורות, און יידן האָבן שוין דאָרט געלעבט אין דער צייט ווען חירם פון צור האָט געהאָלפן שלמה׳ען אין ירושלים בויען דעם בית המקדש.

פויכטוואַנגערן געלינגט אויפצולעבן פאַר אונז די שטריכן פון א היסטאָרישערווירקלעכקייט. זיי פינקלען ארויס פון דער מאגישער און מיסטישער אַטמאָספערע וואָס דאָמינירט אָפט אין ראָמאַן. אזוי, למשל, חזרט ער איבער די מעשה מיטן „וואסער זייגער״ וואָס ווערט דערציילט אין זוהר וועגן דעם „הייליקן אַלטן׳ („סבא״).

אין דער „שפּאַנישער באַלאַדע״, אָדער „רחל פון טאָלעדאָ״ קומען די געשטאַלטן אין באַרירונג מיט אַלע סאָציאַלע, רעליגיעזע און פּאָליטישע כחות, קאָנפליקטן, שטרעבונגען, אידעען, פּראָבלעמען אין יענע טעג, אָבער דער שטאָף פון וועלכן די העלדן זיינען גע־פורעמט און דער גייסט מיט וועלכן ער באלעבט זיי איז די היס־טאָריש־יידישע שטרעבונג צו שלום.

„שלום דאָס איז שלימות, דאָס איז זאַנפטיקייט, און אַלץ וואָס איז נישט שלום, איז רשעותדיק. אונזער דוד המלך איז נישט זוכה געווען צו בויען דעם בית המקדש, ווייל ער איז געווען נאָר א דער־אָבערער. ערשט דער קיניג פון שלום שלמה האָט אים געמעגט אויפ־בויען. ווייל אונטער זיין מלכות האָט יעדער געלעבט אין זיכערקייט אונטער זיין ווייַנשטאָק און זיין פייגנבוים. דער מזבח, איבער וועלכן מען האָט אַ פּאָך געטאָן מיט א כלי זין, איז געוואָרן טמא, אָט דאָס לערנט אונז די די תורה, איר אָבער באַערט אייער משיח דורך דעם וואָס איר צעשטערט און בארויבט די שטאָט ירושלים, די שטאָט פון שלום״— אזוי זאָגט דער יידישער געלערנטער בנימין צו א קאַטוי־

לישן געלערנטן, און אונטערן דרוק פון זיינע רייד ווערט יזך רחל קעגן קריסטנטום.

אויף די פאָרהאַנגען פון איר באדואר העפט זי אויס די פסוקים פון דעם נביא ישעיה: „איך וועל דיר צוגרייטן דיין וועג פון איידל־שטיינער און דיינע הייזער פון קריסטאָל. קיין כלי־זין קעגן דיר גע־ווענדט, זאָל דיך נישט בייקומען און יעדער צונג וועסטו שפּאָטיש פארמשפטן”.

די און ענלעכע ווערטער גיבן אונז דעם שליסל סיי צו די אינדיווידועלע העלדן און פערסאָנאזשן פונעם ווערק און פיי צו דער גאַנצער קאָלעקטיווער אַטמאָספערע וואָס דער מייסטער פויכט־וואַנגער האָט רעאליסטיש און דראמאטיש געשטאַלטיקט.

דער אייביקער ספר, דאָס בוך וואָס וועט קיינמאָל ניט ווערן מיט זיין פערמאַנענטער השפעה אויף אַלע אופנים פון מענטשלעכן באַנעם און דער מענטשלעכער שאפונג, קען קיינמאָל ניט געלערנט ווערן פשוטו כמשמעו, אָן די מפרשים, און ווערט יעדעס מאָל אַנט־פלעקט דורך דעם וואַלד מאָטיוון און סימבאָלן.

די יפתח־מעשה פון שופטים איז גוט באקאַנט. די געשיכטע ווערט דאָרט דערציילט פשוט און זאַכלעך, אָן קיין שום פסיכאָלאָגישע חקירות און רעיונות.

יפתח איז געווען א גיבור חיל. ער איז געווען א זון פון אַ זונה, נאָכן טויט פונם טאַטן האָבן זיינע ברידער פון גלעד׳ס געזעצלעך ווייב אים נישט אָנערקענט אַלס יורש און אים פאַרטריבן. ער האָט אַ דאַנק זייער דרייסטקייט פאַרכאַפּט א גרויסע טעריטאָריע מיטן סימ־באָלישן נאָמען ארץ־טוב און מיט גריוס דערפאָלג דאָרט באַלעבאַ־טעוועט. אָבער ווען דער שבט גלעד איז געווען באַדראָט און שפּעטער ארומגערינגלט פון שונא האָבן זיי געמוזט זיך ווענדן צו זייער דרייסטן קריגס־מאַן יפתח און אים מוחל זיין אלע חטאים, יפתח טרעט ארויס קעגן די פאראייניקטע כחות פון עמון.

אין א קריטישער לאַגע ווענדט ער זיך צו גאָט נאָך הילף און טוט דערביי אַ נדר, אַז אויב ער וועט זיגן, וועט ער דעם ערשטן, וואָס

ער וועט באַגעגענען נאָך זיין צוריקקער אַ היים, מקריב זיין צו גאָט. קומענדיג נאָכן זיג אַ היים, האָט ער די ערשטע דערזען זיין איינציקע טאָכטער, וועלכע איז אים ארויס אַנטקעגן מיט געזאנג און טענץ.

אַזאַ איז דער אינהאַלט פון זיבן און פערציק פסוקים וועגן יפתחן.

פויכטוואַנגער דרינגט אריין מיט א היינטיק אויג אין דער דראַמע פון יפתח'ס לעבן. ער טראָגט צו צו דעם קאַרגן ביבלישן עפּאָס זיין פאַנטאַזיע, אינסצענירט און פאַראידייאיזירט די געשטאַלט און די סביבה. ער פירט אונז אריין אין פּראָצעס פון געטער און מענטשן־געראַנגל דורך דער אידעע פון יפתח'ס „נדר".

נאָכן טויט פון זיין פאָטער גלעד, ווערט יפתח פארפאָלגט דורך זיינע ברידער פון דעם טאָטנס געזעצלעך ווייב ווייל ער איז אַ ממזר, און אויך דערפאַר ווייל ער אליין האָט חתונה געהאַט מיט אַ א פרוי פון עמון. דער כהן־גדול אבים, וועלכער האַלט פון אים שטאַרק, רעדט אים צו ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין געצנדינעריש ווייב און ער וועט אים מאַכן פאַר אַ שופט אויף זיין טאָטנס אָרט, אָבער יסתח זאָגט זיך אָפּ פון דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, פאַרלאָזט מיט ווייב און קינד זיין וואוין־אָרט מחנים, וואָס זיין טאַטע האָט אים איבערגעלאָזט בירושה און לאָזט זיך אוועק מיט אַ קליינע צאָל אָנהענגער אין סטעפּ, אין ארץ־טוב, וואָס דער נאָמען אליין זאָגט עדות אויף דעם פרוכטבארן באָדן וואו עס פליסט מילך און האָניק.

און אָט באַפאַלט נחש, דער מלך פון עמון דאָס לאַנד גלעד. יפתח שליסט צום אלעם ערשטן א וואפנשטילשטאַנד מיט נחש'ן און ווערט דערפאַר באַלוינט: ער ווערט באשטימט אַלס שופט פון גלעד. דער שלום האַלט אָבער לאַנג ביט אָן און ווידער צעפלאַקערט זיך א קריג מיט דעם מלך פון בשן וועלכן נחש קומט צו הילף.

„דו האָסט געעפנט דיין מויל צו גאָט... אָבער לאָז מיך אָפּ אויף צוויי חדשים צייט, וועל איך גיין און אַראָפּגיידערן אויף די בערג צו באַוויינען די מיידלשע יאָרן מיינע, איך און מיינע חברטעס".

דער פינאַל, דער דאַמאַטישער הויך־פונקט איז די אידעע פון

נדר און קרבן. יפתח דער זיגער שפּרייזט איבער די גאַסן פון מצפּה באַגלייט פון די אָוואַציעס פון פאָלק. אָבער אַ טונקלער וואָלקן שפּרייט זיך אויס פאַר אים אין מיטן העלן טאָג. אים אַנטקעגן בראש פון אַ גאַנצער קאָמפּאַניע מיידלעך גייט מיט געזאַנג און טאַנץ, מיט אַ פּויק אין דער האַנט, זיין איינציקע טאָכטער, די שיינע יעלה.

יפתח׳ן מאַטערט דאָס געוויסן און ס׳קוועלט אים דאָס האַרץ. עס טויכט מיטאַמאָל אויף פאַר זיינע אויגן זיין טאָכטער, וואָס ליגט אַ גע־בונדענע אויף אַ שטיין און ער, איר טאַטע, הייבט אויף איבער איר דאָס אָנגעשאַרפטע מעסער. איצט מוז ער יעלה׳ן אַנטפּלעקן דעם סוד. ווי וועט זי עס אויפנעמען? ער האָט קיין מוט נישט איר עס צו זאָגן. ער רעדט דערפאַר פאַרשטעלט מיט רמזים:

„גאָט האָט אין דיר ארייגעהויכט זיין קראַפט, אז מיט דיין אָנבליק און מיט דיין שטים זאָלסטו מענטשן באַצויבערן. איצט וויל ער דיך אליין האָבן און וויל דיך ביי מיר אוועקרויבן".

פויכטוואַנגער גייט דאָ אין די טריט פון אלטן מדרש: יפתח האָט געזוכט אַ וועג ווי אַרויס פון זיין נדר און איז געגאַנגען צו פּנחס׳ן ער זאָל אים מתיר נדר זיין. דער ראָמאַניסט פירט דאָ אריין די געשטאַלט פון דעם כהן אבים, וואָס שפּילט די הויפּט־ראָל אין דעם נדר־מאָטיוו. אבים וויל די טאָכטער ראַטעווען נאָר יפתח אליין איז אַנטשלאָסן צו ברענגען דעם קרבן, כדי זי זאָל אויף אייביק פאַר־בלייבן דער סימבאָל פון פאָלקס פּאַטריאָטיזם. דער סימבאָל פון דעם פּאַטריאָטיזם איז דער אומזיכטבארער יהוה־גאָט וואָס איז איבער די גרענצן פון די ארומיקע פעלקער. „יפתח׳ס טאָכטער" איז, אזוי ארום א וואַריאַנט פון דער אַברהם־יצחק עקדה־דראַמע, וואָס ענדיקט זיך ניט אַזוי טראַגיש ווי יפתחס.

עס איז דעמאָלט געווען פרילינג. אינדערפרי האָבן די בערג און די סטעפּעס געשימערט מיט פילפארביקייט קעגן דער זון און פאַרנאַכט איז יעלה, יפתח׳ס טאָכטער גענידערט שווער, אַ באַ־גאָסענע פון דער שקיעה און געטרונקען די שיינקייט פון באַרג און סטעפּ... זי האָט טיפער אריינגעהויכט די פרישקייט פון די ווילדע

בלומען, געפליקט גאנצע הויפנס און אריינגעאָטעמט זייערע ריחות און א גרינגע ליכטיקייט איז אריין אין איר גאנצן גוף.

אנדערש ווי דער תלמודישער זאָג וואָס טייטשט אויס אז יהוה האָט געאָרניט פאַרלאַנגט דעם מענטשן קרבן, טייטשט פויכטוואַנגער איבער דעם מדרש רעאַליסטיש. די מוטער קטורה קומט צו יעלה׳ען און בעט זיך ביי איר צו אַנטלויפן פון דעם „בלוט-דורשטיקן גאָט פון ישראל׳ן". זיי וועלן אריבערשווימען דעם טייך קיין עמון פונוואַנען זי, קטורה, שטאַמט, און זיך באַהעפטן אין די געצן, אָבער יעלה זאָגט זיך אָפּ און שטרעקט אויס איר האַלדז צו יפתח׳ן...

אַזוי פאַרענדיקט זיך די נדר־סצענע, די לעצטע רעאַליזאַציע פון קרבן, אבער יעלה שטאַרבט מיט א שמייכל, דעם לעצטן שמייכל קעגן די בלויע הימלען, און מיט דעם באַוואוסטזיין, אז דער נדר, דער קרבן צו יהוו׳ן, דעם סימבאָל פון איר פאָטערס זיגן מוז גוט געמאכט ווערן, אז נצחונות פארלאנגען אויך אומשולדיקע קרבנות.

פון פויכטוואַנגערס קרבן־מאָטיוו לאָזט זיך מאַכן אַ שפרונג צום היינט, צו די נאַציאָנאַלע פיינטשאַפטן, רעליגיעזע מחיצות און קולטור־פאַנאַנדערטיילונגען, וואָס פאָדערן אויך אזויפיל אומזיסטע קרבנות.

אוירנעסט העמינגווײַ

אַ. העמינגווײַ געהערט צו די אַזוי גערופֿענע קלאַסיקער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער האָט געשאַפֿן זײַן אייגענע פֿאָרם. העמינגווײַס אַ זאַץ קען מען דערקענען צווישן צענדליקער אַנדערע. מיט זײַן שרײַב־קונסט האָט ער באַאײַנפֿלוסט אַ גאַנצן דור שרײַבער. די קריטיקער וועלכע קענען זיך ניט אָפּלייבן פֿון העמינגווײַס אַ זאַץ, פֿון זײַן אופֿן פֿון שרײַבן, ווײַזן אָן אויף די פֿאָרמעלע מעלות פֿון זײַן שאַפֿן. זײַנע נאַטור־בילדער זײַנען קרעפֿטיק, פֿול מיט פֿאַרב; ער קאָן אָפּמאָלן אַ געשטאַלט בלויז דורך דיאַלאָג. כאָטש זײַנע ביכער זײַנען אָפֿט געשריבן אין אַ ניהיליסטישן גלײַכגילטיקן צושוײַעריש אופֿן, איז אָבער פֿאַראַן אַ שטאַרקע עמאָציאָנעלע באַטאָנונג אין זײַן בילד. דערצו איז ער אַ שרײַבער מיט אַ שאַרף אויג און וואַכע חושים אַ סאָלדאַט ,אַ ספּאָרטסמאַן, אַ מענטש וואָס ווידמעט אַ גרויסן טייל פֿון זײַן לעבן צו יאַגד און פֿישפֿאַנג, אַ שרײַבער מיטש אַרפֿע סענסועלע געפֿילן. וואָס האָט ניט ווייניקער הנאה פֿון אָקסן־געפֿעכט און יאַגד אויף חיות ווי פֿון גוטן ווײַן. דעם פֿאַרגעניגן פֿון שיכּרות און יאַגד גיט ער איבער מיט דער זעלבער קראַפֿט.

לאַקאָנישקייט און געשליפֿנקייט פֿון וואָרט, שפּאָרזאַמקייט אין דער שילדערונג, דאָס איז דער הויפּטשטריך פֿון זײַן שאַפֿן. בײַ אַ טיף־סאָציאַלן אינהאַלט קענען זיי שטאַרק דינען דער ליטעראַטור. מ׳־קען אָבער קיין שרײַבער ניט אָפּשאַצן נאָר לויט זײַנע פֿאָרמעלע ניי־גונגען. דער אַמעריקאַנער וואָרט־קינסטלער האָט אין משך פֿון זײַן לאַנג־יאָריקן שאַפֿן זיך ניט באַוויזן צו באַפֿרײַען פֿון זײַן באַגרענעצטן בליק אויף סאָציאַלע אידעען און מענטשלעכע פּראָבלעמען, און זײַן פּלאַסטישקייט שטרײַכט בלויז אונטער דעם מאַנגל פֿון טיפֿן געדאַנק און פּראָבלעמאַטישקייט.

זײַן שרײַבערישע רעפּוטאַציע האָט זיך אַ. העמינגווײַ דער־וואָרבן מיט זײַנע ערשטע ווערק: „די זון גייט אויף״ („דהי סאַן אַלסאָ רײַזעס״, 1926) און „געזעגענונג מיט וואָפֿן״ („פּערוועל טו אַרמס״,

1929).ביידע ביכער זיינען געווידמעט דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין ערשטן בוך פירט ער ארויס אַ גרופע אמעריקאַנער שרייבער און אינטעלעגענץ אין לאַטיינישן קוואַרטאַל פון פאַריז וואָס לאָזן זיך אַוועק קיין שפּאַניע צו באַאָבאַכטן די אַרענעס פון אָקסן־געפעכט. דאָס צווייטע ווערק איז די געשיכטע פון דעם אמעריקאַנער סאָלדאַט הענרי אויפן שלאַכטפעלד.

דער מלחמה־ראָמאַן פאַרנעמט עטלעכע חדשים פון סאָלדאַט׳ס לעבן אויפן שלאַכטפעלד. דער זעלנער ווערט פאַרוואונדעט, פאַרליבט זיך אין דער ענגלישער קראַנקן־שוועסטער קעטרין, דעזערטירט מיט זיין געליבטער פון קריג, און נאָכדעם ווי זי שטאַרבט אין קימפּעט, גע־זעגנט ער זיך מיטן קריג אַף אייביק. עס זיינען פאַראַן אינעם בוך רייד וועגן פּראָבלעמען פון שלום און מלחמה, ליבע און טויט, אָבער מער ווי עטלעכע סענטענצן וועגן בראַווקייט און ברוטאַלקייט, גע־פינען מיר ניט אין דאָזיקן בוך, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסן איינ־פלוס אויפן יינגן אַמעריקאַנער דור אין די דרייסיקער יאָרן.

איז טאָקע די פראַגע: פאַרוואָס האָט דער שרייבער אזוי באַ־איינפלוסט דעם יונגן דור פון דער אַמעריקאַנער אינטעלעגענץ וועלכער האָט זיך ניט בלויז באַמיט צו קאָפּירן זיין מאַניר פון שרייבן נאָר אויך דיאַלאָגיזירט, געפירט געשפּרעכן לויטן מוסטער פון הע־מינגוועיס דיאַלאָג, קולטיווירט די מעלאַנכאָליע פון זיינע העלדן

דער ענטפער איז, אַז דאָ האָט געווירקט די אַנטוישונג און די פאַרלוירנקייט פון דעם נאָך־מלחמה דור, וועמענס אילוזיעס זיינען צעקלאַפּט געוואָרן אין דעם קריג. ער האָט געוואָלט רעוואָלטירן קעגן די סטאַנדאַרדן פון מיטל קלאַס זייענדיג גלייכגילטיק צו פּאָליטיק האָט ער געפונען אין פאַציפיזם דעם אויסוועג.

דער גרונט־שטריך פון דער פאַציפיסטישער אידעאָלאָגיע איז איר אינטעלעגענטישער אוניווערסאַליזם, וועלכער זעט ניט אויפן שלאַכטפעלד קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען. ס׳איז ניט קיין עפּישע פאַנאַנדערוויקלונג פון געשעענישן און מענטשן, נאָר אַ דעצענט־ראַליזירטע נעץ פון לירישע אימפּרעסיעס״ (עדווין ב. באַרגום, „הע־מינגוועי און די פּסיכאָלאָגיע פון פאַרלוירענעם דור״, 1949).. אָט דער

פּאַציפיזם האָט געבראַכט דערצו, אַז דער שרייבער זאָל בלויז זען דעם ביאָלאָגישן סאָציאַל ניט דיפערענצירטן מענטשן. ער זאָל זיין בלוט לעבן דערזען אָבער ניט זיין סאָציאַלן לעבן.

דער קינסטלערישער פּאַטאָס פון א. העמינגוועי דריקט זיך אויס אין דער מעלאַנכאָלישער פאָן פון זיין שלאַכט־לאַנדשאַפט. דער שטייגער פון העמינגוועיס מלחמה־שילדערונג איז אַזאַ: „מחנות זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם הויז, און דער שטויב וואָס זיי האָבן אויפגעהייבן האָט גרוי געמאַכט די בלעטער פון דיביימער. די צווייגן זיינען פול געוואָרן מיט שטויב, די בלעטער זיינען פרי אַראָפּגעפאַלן און מיר האָבן אַלץ געזען די סאָלדאַטן מארשירן און דעם שטויב אויפגיין און באדעקן די גרויע מחנה און דעם וועג, וואָס איז געווען ווייס און ליידיק״.

העמינגוועי האָט ניט אויסגעטיילט אין דעם דאָזיקן פיינטלעכן בילד פון דעם סאָלדאַטן־מארש דעם סאָציאַלן כאַראַקטער, וואָס ליגט אין דעם פאַרבאָרגן. ער דריקט ניט אויס דעם אינהאַלט, ער זעט דאָס מלחמה־בילד דורכן נעפּל פון עראָטישע מאָטיוון און ביאָלאָגישע אינסטינקטן. דער יינגער אמעריקאַנער לייטענאַנט זאָגט צו זיין 19 יאָריקער געליבטער: „די וועלט צעברעכט יעדן איינעם און די וועלכע זי צעברעכט ניט, — הרג'עט זי, זי הרג'עט אָן אונטערשייד די בראַווסטע און די איידלסטע. אויב דו געהערסט ניט צו די דאָזיקע ביסטו אויך זיכער אין טויט, וואָס וועט קומען פריער אָדער שפּעטער״.

העגרי דעזערטירט און אַנטלויפט מיט זיין געליבטער קעטרין אין דער שווייץ. „איך וויל פאַרגעסן די מלחמה. איך גיי מאַכן אַ סעפּעראַטן שלום!״ — זאָגט אָן אַנדער מלחמה העלד אין זיין נאָוועלע „אין אונדזער צייט״. אַ סעפּעראַטער שלום פאַר אַ סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד, ווייסט אָבער דער העלד, איז עסקעיפיזם, אַנטרינונג דורך טויט, איז קיין וואונדער ניט וואָס העמינגוועי זעט אין מלחמה בלויז דעם ביאָלאָגישן קאָשמאַר פון לעסטערונג און פאַרניכטונג, אנטבלויזט פון יעדן סאָציאַלן מיין. „איך בין שטענדיק גלייכגילטיק צו די ווערטער גלאָריע, הייליקייט, העלדישקייט, קרבן. מיר האָבן

זיי געהערט שטייענדיק אין רויש פון רעגן, זיי געלייענט אין פּראַק־לאַמאַציעס אויף די ווענט, אָבער איך האָב ניט געזען קיין הייליקייט. די קרבנות זיינען ווי די חיות אין די שלאַכטהייזער פון שיקאַגאָ, מער ניט וואָס דאָ איז גאָרניט געטאָן געוואָרן מיטן פלייש. מען האָט עס בלויז געבראַכט צו קבורה".

דער דאָזיקער קאָשמאַר פון מלחמה איז געגעבן אַבסטראַקט. ווי אַנדערש זיינען די שילדערונגען פון שלאַכטפעלד ביים גרויסן פראַנצויזישן שרייבער אַנרי באַרביס, אין זיין בוך „פייער", וואו די זעלנער ווערן פאַקטאָרן פון וועלט־דערלייזונג.

וואָס זיינען די הויפּט־עלעמענטן פון העמינגוועיס שאַפן, רע־אַליזם וואָס דערגייט ביז נאַטוראַליזם. אנטבלויזונג פון די פיזישע זייטן פון מאָרד, גוואַלדטאַט און סעקסועלער ליבע ווי די הויפּט־עקספּרעסיע פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. אַן אויסערלעכע מאַלעריי פון אַ באַגאַנגענעם פאַרברעכן איז פאַר אים וויכטיקער ווי א צע־בראָכן מענטשלעך האַרץ און אַ מעכאַנישע מאַלעריי פון א ליבע־שפּיל פאַרנעמט דאָס אָרט פון ארויסברענגען די צעוויטיקטע מענש־לעכע נשמה.

מאַקסים גאָרקי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט ווי ער איז באַפריינדעט געוואָרן מיט אַ קוכער אויף א דאַמפער. דער קוכער לייענט א סך איבערזעצונגען פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. זאָגט ער איינמאָל צום יונגעטשקען גאָרקי: אַ גאַנצן טאָג אָדער זיי עסן, אָדער זיי ליבן זיך"...

פאַר העמינגוועין איז די ליבע אַ שפּיל, אָפט אַ שפּיל פאַרן טייוול. זיינע העלדן זיינען אָפט מקריב דאָס לעבן אָבער ביזן דער־גרייכן זייער ציל, נאָכדעם טרעט אָפּ דאָס געפיל צוריק. די מענער זיינען ניט ערנסט אין זייער ליבע. די פרוי איז אַן אָביעקט ניט קיין מענטש מיט אייגענע פאָדערונגען און אייגענער אינדיווידואל־קייט, נאָר א ליאַלקע, א שפּילעכל.

דער גרעסטער קאָמפּלימענט וואָס דער שרייבער גיט דעם יידישן העלד פון זיין בוך „די זון גייט אויך אויף", ראָבערט קאָהען, איז דאָס וואָס „ער האָט געקוקט אויף זיין געליבטער עשלי ברעט, ווי

זיין לאַנדסמאַן (משה) ווען ער האָט געזען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד״.

מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז העמינגוועי צייכנט זיך אויס מיט „אהבת ישראל״ פון גוט־באַקאַנטן רעאַקציאָנערן מוסטער. ער שילדערט דעם יידישן טיפּ קאָהען, א טאַלאַנטלאָזן שרייבער, וואָס יאָגט זיך נאָך פרויען און האָט צו זיי קיין מזל ניט, ווי איינעם וואָס האָט „פאַרמאָגט א וואונדערבאַרע קוואַליטעט אַרויס צו ברענגען דאָס שלעכטע פון יעדן מענטשן״. דאָ ווערט העמינגוועי מיטאַמאָל אַ מאָראַליסט און גיסט אויס זיין גאַנצן פּוריטאַנישן צאָרן אויף קאָהענס אוממאָראַלישקייט. ווען די קריסטלעכע געליבטע נאַרן קאָהענען היטנער די פּלייצעס, דערציילט עס דער שרייבער מיט אַ נצחון׳דיקן שמייכל.

אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק פון די סוף־דרייסיקער און אָנהויב פערציקער יאָרן: „צו האָבן און ניט צו האָבן״ (טו העוו ענד נאָט טו העוו, 1937) און „פאַר וועמען עס קלינגט דער גלאָק״ (פאָר הום די בעללטאָללס, 1941), האָט זיך העמינגוועי דערנעענטערט צו סאָציאַלע אידעען. די דאָזיקע אָריענטאַציע זעען מיר אין ערשטן ראָמאַן, וואו ער אַנטפּלעקט די טראַגעדיע פון אמעריקאַנער מיטל־קלאַס, וואָס וויל שטייגן אויפן סאָציאַלן לייטער פון דער בורזשואַזיע און פאַלט אַ קרבן פון דער קאָרופּטירטער אָרדנונג. אין צווייטן ראָמאַן, וואָס שילדערט דעם אמעריקאַנער העלד, אַנטיילנעמער אויפן לאָיאַליסטישן שלאַכטפעלד פון שפּאַניע האָט ער זיך געווענדט מער צום קינסטלערישן רעאַליזם, צום סאָציאַל־קאָנקרעטן ראָמאַן.

העמינגוועיס דערנעענטערונג צו אידעען דערקלערט זיך מיט דעם גרויסן קער, וואָס אמעריקע האָט דורכגעמאַכט אין יענע צייטן פון רוזוועלטס „ניו דיל״־פּעריאָד און דער ווירקונג, וואָס די צייט געהאַט אויף די שרייבער און דער אַמעריקאַנער אינטעלעגענץ. העררי מאָרגאַן ,דער אייגנטימער פון אַ פישער־שיפל אין „קי־וועסט״, פלאָרידאַ, אין דעם ראָמאַן „צו האָבן און ניט צו האָבן״, פאַרדינגט זיין שיפל כדי צו שפּייזן זיין פרוי און טאָכטער. לכתחילה דאַכט זיך אים, אַז ער וועט באַגליקן און רייך ווערן אָבער צום סוף ווערט

ער געצוואונגען צו אַנטלייען דאָס שיפל צו בראָנפן־שמוגלערס, וואָס דער׳הרג׳ענען אים, ווען ער וויל זיי איבערגעבן צו דער גרענעץ־מאַכט.

דאָ איז העמינגוועי צום ערשטן מאָל צוגעקומען צום פּראָבלעם פון אָרעמקייט. דער אָרעמער מענטש ווערט באַזיגט אין דער געזעלשאַפט דורך דער ברוטאַלקייט פון די רייכע. דער מאָטיוו איז דאָ אויך אַבסטראַקט: העלדישקייט דורך טויט. „עס באַקומט זיך — זאָגט דער קריטיקער עדווין באָרגהאם — אַז דער אָרעמער מענטש פירט אַן אויסזיכטסלאָזן קאַמף קעגן די פאַרברעכער. די דעפיניציע פון טראַגעדיע ווערט די הילפלאָזיקייט פון דעם מוטיקן מנטשן וואָס וויל באַקעמפן אומרעכט. אפילו דער סטיל איז דאָ ברוטאַל, ווי דער שרייבער וואָלט געוואָלט באַקעמפן די פּריווילעגירטע מענטשן און די פאַרברעכער מיט זייער אייגענעם ״לשון״ („דער ראָמאַן און דער וועלטס דילעמע״).

העמינגוועיס בעסט ווערק איז אָן שום ספק דער ראָמאַן וועגן די געשעענישן אין שפּאַנישן בירגער־קריג. אויף אַ מייסטערישן אופן ברענגט דער שרייבער ארויס די העלדישע שלאַכטן אויפן שפּאַנישן שלאַכטפעלד... באַזונדערס די פּאַרטיזאַנישע באַרג־קאַמפן. ניט אומזיסט איז דאָס בוך גענוצט געוואָרן ווי אַ טעכניש האַנט־בוך אויף די פּאַרטיזאַנישע פּאָזיציעס פון די אַמעריקאַנערביים פּאַסיפישן פראָנט און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אלס מאָטאָ צום בוך פּאַראפּראַזירט העמינגוועי אַ פּערז פון באַקאַנטן פּאַרצייטיקן ענגלישן דיכטער דזשאָן דאָן:

״קיין מענטש איז ניט קיין אינדזל. יעדער מענטש איז אַ שטיק פון קאָנטינענט; אַ טייל פון אַלגעמיינעם. אויב אַ זעמדל ווערט אַוועק געוואַשן פון אַ ים־כוואַליע, ווערט אייראָפּע קלענער: דער טויט פון אַ מענטשן פאַרקלענערט מיך; ווייל איך בין אַ טייל פון דער מענטשהייט. דערפאַר פרעג קיינמאָל ניט: פאַר וועמען קלינגט דער גלאָק? ער קלינגט פאַר דיר״.

העמינגוועי איז אין דעם ווערק אויף דער זייט פון גערעכטן לאָיאַליסטישן קאַמף. ערטערווייז געלינגט אים צו באַווייזן אויף אַן

אוממיטלבאַרן אופן, ווי דער אויפברויז צווישן די שפּאַנישע פּויערים האָט בעת דעם בירגער-קריג זיך אויפגעהויבן צו אַ גרויסער מאָראַלישער הויך. פּאבלאָ דער אַלטער שפּאַנישער פּויער־פּאַרטיזאַן, וואָס שטייט לאַנגע חדשים אויף זיין פּאָסטן, אויף וועלכן די פּאַרטיידיקונג פון דער רעפּובליק האָט אים אַוועקגעשטעלט, דערהייבט זיך צו אַ גרויס הומאַניסטישן חשבון הנפש. ער זעט פאַר זיך רויטמענטשלעך בלוט, אויך אַזאַ בלוט, וואָס ער איז געצוואונגען צו פאַרגיסן, אָדער איז גורם אַנדערע צו פאַרגיסן. ער ווייסט, אַז ער דערפילט אַ פליכט און ער וואָלט געפילט די גרעסטע פאַראַכטונג צו זיך ווען ער וואָלט זיך פון דער פליכט אָפּגעזאָגט, אָבער זיין העלדנטום די גאַנצע צייט באַגלייט פון אַ געפיל: עפּעס איז אין דער וועלט נישט אין אָרדנונג, אויב עס איז אַ מוז אַזעלכע פליכטן צו מקיים זיין. אָפּטמאָל אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, טראַכט ער דערפאַר, אַז ווען „דאָס אַלץ" וועט זיך ענדיקן, וועט מען אפשר עפּעס דאַרפן טאָן, כדי צו פאַרגיטיקן די „זינד" פון פליכט־דערפילונג.

אַזעלכע מאָמענטן כאַפּט דער שרייבער אויף אין דער פּאַנאָראַמע פון העלדישן לאַיאַליסטישן קאַמף, אָבער אויך אין דעם ווערק איז העמינגוועי ניט פריי פון דער לאַסט פון ביאָלאָגיזם. אָפּט מאָלט ער בילדער פון דער אַנאַרכיש־אינדיווידואַליסטישער סביבה, אין אַנאַרכאָ־אינדיווידועלע טענער. דעריבער ווערט ביי אים דער קאַמף קעגן פאַשיזם נישט אַזוי די טעמע ווי די פאַן פאַרן ראָמאַן. דער גרויסער קאַמף טרעט אָפּ דאָס אָרט פאַר דעם אינדיווידועלן געברויך.

העמינגוועיס קליינע נאָוועלע „דער אַלטער מאַן און דער ים" (דהי אָלד מען ענד דהי סי) איז בעת׳ן דערשיינען, געלויבט געוואָרן פון דער קריטיק ווי „אַ גרויס ווערק אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס קאָן פאַרגליכן ווערן מיט דער פּאָעזיע פון האָמערן". די דערציילונג איז ביז אַ געוויסן גראַד אַן אָפּנויג פון זיין נאַטוראַליסטיש־רעאַליסטישער ליניע. דאָס איז אַ דערציילונג, וואָס איר אַקציע שפּיגלט זיך אָפּ ביי די ברעגן פון קאַריבעאישן ים. דער צענטראַלער

העלד (פאַקטיש דער איינציקער) איז דער אַלטער קובאַנער פישער סאַנטיאַגאָ וואָס האָט קיין מזל ניט אין דער מלוכה פון פיש־פאַנג.

דער אַלטער פישער, פון אַפריקאַניש־נעגערשן אָפּשטאַם, האָט פאַרלוירן זיין ווערדע אין די אויגן פון זיינע חברים, די פישער־לייט, ווייל שוין פיר און אַכציק טעג אַז ער האָט ניט באַוויזן צו פאַנגען קיין איין פיש. דער אַלטער וויל צוריק געפינען זיין מענטשלעכע ווערדע און ער פּראָווט זיין מזל. ער לאָזט זיך מיט זיין שיפל איבער די גרענעצלאָזע ברייטקייטן פון ים און עס געלינגט אים יאָ צו פאַנגען אַ ריזיקן פיש.

אַ גאַנצן טאָג פירט ער אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט דעם פיש און נאָכדעם ווי ער האָט אים געכאַפּט מוז ער פון׳סניי פאַרקניפּן אַ שלאַכט מיט די ים־עקדישן („שאַרקס״), וואָס ווילן פון אים אַוועק־רויבן זיין פאַנג. דער אַלטער קעמפט מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג צו דעם כבוד פון זיין פישפאַנג־מלאכה. נאָך עטלעכע טעג קערט ער זיך אום צו זיין פישער־חברה מיט די רעשטן פונעם פיש־סקעלעט. (דאָס פלייש האָבן די עקדישן צעגריזשעט). דער פישער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ער האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע בראַווקייט און ער האָט געזיגט.

די קריטיקער, וואָס האָבן געהאַט אַזויפיל לויב פאַר העמינג־וועיס העלד, זאָגן, אַז דער אַלטער פישער איז אַ סימבאָל פון בראַווער אַנטשלאָסנקייט, העלדישקייט און טראַגיזם. דער פישער איז אַ גע־שטאַלט וואָס ווייסט נאָר פון קאַמף אָפּן וועג צו באַזיגן די נאַטור.

די דערציילונג שילדערט ניט נאָר דעם אַלטן אין זיינע געפאַרן נאָר אויך די גאַנצע פּרעכטיקע ים־לאַנדשאַפט אָבער דעם אויטאָר געלינגט צו מאַכן דעם אַלטן פישער פאַר דעם צענטער פון פאַר־כאַפּנדיקן אינטערעס, אַזוי אַז זיין שיקזאַל איז פאַר אונדז וויכטיק ווי אַ סימבאָל, ווי אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַ פאַראייינזאַמטן העלד, וואָס איז טראַגיש אין זיין אַליינקייט.

געדאנקען און מיינונגען

געדאנקען און מיינונגען

די עטישע פילאסאפיע פון הערמאן קאהען

„אַ געוועזענער טעאָלאָג איז שטענדיק אַ פילאָסאָף", האָט לעאָפּאָלד צונץ באַמערקט, ווען מען האָט אים פאָרגעשטעלט הערמאַן קאָהענען, דעם געוועזענעם סטודענט פון ברעסלאַווער ראבינער־סעמינאַר אַלס „געוועזענעם טעאָלאָג און איצטיקן פילאָסאָף". די באַמערקונג פון אלטן היסטאָריקער, דעם פאָטער פון דער „יידישער וויסנשאפט" האָט בולט סימבאָליזירט דעם פילאָסאָפישן גאַנג פון דעם פּראָפעסאָר פאַר פילאָסאָפיע אין דעם אוניווערסיטעט פון מאַרבורג הערמאַן כהן.

אָנהייבנדיק מיט טעאָלאָגישער חקירה, מיטן לימוד פון „גאָטס וואָרט" אין באַרימטן ברעסלויער סעמינאַר האָט הערמאַן כהן, נאָך א הפסקה פון פופציק־יאָריקן וואַנדערן אין מדבר פון מעטאַפיזיק, דערפירט צו א דערנעענטערונג די צוויי מינים מעטאפיזישן דענקען. דעם טעאָלאָגישן און פילאָסאָפישן; די פּרינציפּיעלע זעלבסטשטענדיקייט פון ריינעם מענטשלעכן שכל און דעם יידישן מאָנאָטעאיזם. ניט קוקנדיג אויף זיין ענגער פאַרבונדנקייט מיט דער דרויסנדיקער וועלט און זיין אָפּהענגיקייט פון דער פרעמדער סביבה האָבן זיך דאָך די צוויי עלעמענטן ביי אים צונויפגעשמאָלצן צו איין אָרגאַנישער גאַנצקייט.

דער בעסטער ביישפּיל פון זיין טעאָלאָגיש־פילאָסאָפישן סינטעז איז זיין ווערק וועגן דער רעליגיע פון שכל, „רעליגיאָן דער פאַרנונפט אַאוס דען קוועלן דעס יודענטומס" (די רעליגיע פון שכל אויפן סמך פון יידישע מקורים), א ווערק וואָס דער יידיש־דייטשער דענקער פראַנץ ראָזענצווייג האָט גערופן דער נייער „מורה נבוכים".

זיין אויפטו פון „רעליגיע פון שכל' איז דער בעסטער באַווייז, די ליניע פון זיין גייסטיקן שאפן אין אַלע סטאַדיעס איז געווען איין אנטוויקלונגס־ פּראָצעס פון טעאָלאָגיע צו פילאָסאָפיע.

פון צייט און דויער

אין דער געשיכטע פון דער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָ־סאָפיע ווערט כהן באַטראַכט אַלס דער גרויסער מפורש פון קאַנטן; דער טיפסטער דענקער פון דער ניי־קאַנטיאַנער באַוועגונג.

„ווילסטו וויסן וועלכע אידייע וועגן דער וועלט פירט מיט גוואַלד צו געלייטערטער יידישקייט? לערן קאַנטן!" שרייבט דער רעליגיעזער דענקער ד״ר ברויער. הערמאַן קאָהען האָט געלייגט תפילין דרבנו קאַנט, וויצלט זיך בערדיטשעווסקי. מע האָט כהנען פאַרגליכן מיטן רמב״ם. פונקט ווי דער רמב״ם האָט פאַרבונדן דעם אריסטאָטלשן געדאַנק מיט יידנטום, אַזוי איז דער קאַנטיאַנער באַג־ריף וועגן מהות פון דער וועלט געווען פאַר כהנען אַן אַקסיאָמע וואָס איז באַגרינדעט אויף די אייביקייט־פעלזן פון געלייטערטן פאַרשטאַנד.

קאַנט האָט געלערנט אַז רוים און צייט און קאַזאַליטעט, ד״ה די וועלט ווי מיר לעבן זי איבער און די וועלט וואָס מיר ברייגגען זי אַלס שייכות צו זיך אַליין, זיינען קאַטעגאָריעס פון אונדזער „פאַר־נונפט", פון אונדז אַליין אַריינגעבראַכט אין פאָרעם פון אונדזער באַ־וואוסטזיין.

קאַנט רופט עס די „שעפערישע סינטעזע", ד״ה מיר וועבן צו־זאַמען פראַגמענטן פון דער וועלט, מיר סינטעזירן זי. די וועלט אין אונדז איז כאַאָס, מיר ערשט מאַכן זי פאַר אַ וועלט.

כהן האָט דעם געדאַנק פון קאַנטן איבערגענומען און אים אָנ־געווענדט אויף זיין גאָטבאַגריף. גאָט איז פאַר אים געווען יענע אי־דייע וואָס בינדט צונויף אין איין איינציקער ממשלה פון שעפערישער שכלדיקייט „די נאַטור פון דער נאַטור־וויסנשאַפט", און די מאָראַ־לישע וועלט־אָרדנונג, וואָס שאַפט די מעגלעכקייט פונעם העכסטן עטישן אידעאַל.

קאַנט זאָגט: געגעבן איז אונדז די וועלט פון חושים, מיר טראָגן אין איר אַריין זין און אָרדנונג. כהן לערנט: בראשית איז געווען דער געדאַנק; ער איז דער „אורשפרונג", דער קוואַל וואָס שאַפט די וועלט. די וועלט איז לאָגיק און דערפאַר — לאָגיש. די וועלט איז אידייע און דערפאַר איז אויך די סאָציאַלע וועלט, ד״ה, די באַציאונג צווישן מענטש און מענטש, די עטיק, ניט אָפּגעטיילט פון דער וועלט און

איר גאַנצקייט. פּונקט ווי עס איז דאָ די „ריינע ערקענטעניש״, דער ריינער פאַרשטאַנד, וואָס איז ניט אונטערוואָרפן די חושים, אַזוי איז אויך דאָ דער ריינער ווילן, דער ווילן וואָס איז אייביק, דער אידעאַל. און דער אידעאַל דאָס איז צוועק. אַזוי האָט כהן געבויט זיין סיסטעם אינעם צייכן פון קאַנטישער „ריינקייט״. זיין עטיק — אַן עטיק פון „ריינקייט״ האָט געטראָגן אויף זיך דעם קאַנטישן שטעמפּל און האָט אויסגעדריקט די „אויטאָנאָמיע״ פון שכל, זיין אומאָפּהענגיקייט פון יעטווידער אנדער אינסטאַנץ.

כהן האָט געוואָלט פאַרשפאַרן גאָט אין די ד׳ אמות פון עטיק, געוואָלט יידנטום פאַרגייסטיקן, פאַראידעאַליזירן, אויסטייטשן געדענקלעך, אבסטראַקט.

און דאָך האָט זיך עס אים ניט איינגעגעבן. ס׳איז אוממעגלעך געווען ארויסצולערנען וויאַזוי דאָס יידנטום פאָלגט פון דעם אַבסטראַקטן שכל־סיסטעם.

אָבער אויך די דייטשע אידעאַליסטן האָבן אים ניט פאַרשטאַנען. דער דייטשער היסטאָריקער פון פילאָסאָפיע קונא פישער האָט זיין סיסטעם אָנגערופן: מער ראַסע ווי פילאָסאָפיע. פאַר די דייטשן איז עס פאַרט געווען טעאָלאָגיע, ניט קיין פילאָסאָפיע.

אין יאָר 1915, אין מיטן ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט כהן ארויסגעלאָזן אַ שריפט אין וועלכער ער האָט געוואָלט געפינען אַן אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט צווישן דייטשנטום און יידנטום.

אין דעם בוך „דייטשנטום און יידנטום״ וואָס דער העברעאישער פילאָסאָפישער שרייבער ד״ר יעקב קלאַצקין רופט א „גייסטיקער ממזר״, וויזט ער אָן אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, וואָס יידן האָבן דורכגעמאַכט אין דייטשלאַנד, און אַז ס׳איז דאָ אַ גייסטיקע פאַרוואַנדשאַפט צווישן דייטשער קולטור און יידנטום. דאָרט צייכנט כהן אָן אַזאַ סכעמע : דאָס יידנטום איז דער מקור פון קריסטנטום און דאָס קריסטנטום האָט מער ווי אַלץ באַאיינפלוסט דעם דייטשן אידעאַליזם. אַזוי ארום איז יידנטום דער הויפּטקוואַל פון דייטשנטום.

אין דער קאַנטיאַנישער פילאָסאָפיע האָבן זיך ענדלעך צענויפגעגאָסן דער יידישער גייסטיקער ברען און דער ריינער דייטשער אידעאַליזם.

אויך דער זיווג צווישן דייטשנטום און יידנטום איז געווען אַ ניט געראָטענער. אין די יאָרן פון דער לעצטער וועלטמלחמה האָט זיך שוין אויך אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פון דייטשן אידעאַליזם. דעם אָרט פון קאַנטס „ריינער פאַרנונפט" האָט פאַרנומען דער מיליטערישער מיטאָס פון לודענדאָרפן. די עפּאָכע פונעם דייטשן אידעאַליזם האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. אַ נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהייבן. די עפּאָכע פון די שפּענגלערס און די ראָזנבערגס, מיט זייער רוף צוריק צו ראַסע, שבט, בלוט און באָדן, צו דער נאַטור און מיטאָס. די וואַנדאַליסטישע באַרבאַרישע עלעמענטן פון דער דייטשער קולטור האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַנטפּלעקן. די גרויסע קולטור־רעגרעסיע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט כהנס פאַרזוך פון אַ סינטעז צווישן דעם יידישן און דייטשן דענקען.

אַנדערע צייטן זיינען אָנגעקומען, און הערמאַן כהן דער ייד, האָט זיך אומגעקערט צו טעאָלאָגיע. ער האָט זיך באַזעצט אין בערלין און דאָרט געשאַפן זיין „רעליגיע פון שכל" — אַ נייעם געוואַגטן פּראָוו צו דערקלערן דעם תוך און דעם מהות פון יידישקייט.

„די רעליגיע פון שכל", דאָס איז געווען אַ טייל פון כהנס ניט פאַרעפנטלעכער ליטעראַרישער ירושה, זיין „בן זקונים" דאָס ווערק יואס ער האָט געשאַפן אויף דער עלטער און וואָס איז דערשינען אַ יאָר נאָך זיין טויט (1919, כהן איז געשטאָרבן אין בערלין אין 1918).

אין דעם ווערק האָט דער אַפּאָסטאָל פון דער באַנייטער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט געשאַפן אַ יידיש רעליגיעזן און סאָציאַלן סיסטעם, וואָס ער אַליין באַצייכנט אַלס עטישן מאָנאָטעאיזם, אַ סיסטעם, וואָס גיט די דערקענטעניש פון דער עקזיסטענץ פון אַ פולקומענעם שעפערישן אורגרונט פון דער וועלט און פון אַ וועלטפּלאַן וואָס איז געריכטעט אויף אומענדלעכן פאַרשריט.

קיין אינעווייניקסטן אָרגאַנישן קאָנפליקט צווישן וויסן און אמונה האָט כהן אין זיינע פריערדיקע ווערק אויך ניט געזען. קען זיין, אַז זיין ניי ווערק איז גאָר געווען אַ המשך פון די ערשטע ווערק, אָבער אפילו די וועמען עס איז ניט געלונגען אריינצודרינגען אין היכל פון זיין פריערדיקן גאַטגעדאַנק, זיך צו אָריענטירן אין זיין פילאָסאָפישן באַנעם, האָבן איצט קלאָר דערזען דעם יידישן תמצית פון זיין פילאָסאָפיע און עטיק.

הערמאַן כהן האָט זיך געווענדט צו יידישע מקורים, צו די פון דער נבואה און רעליגיעזן דענקען, און די עלעמענטן האָט ער אַריינגעשטעלט ווי בויטווענדיקע עקשטיינער אין דעם בנין פון זיין נייעם רעליגיעז־פילאָסיפישן סיסטעם.

די יידישע רעליגיע איז אַ נביאים־רעליגיע, געווענט צו דער צוקונפט. להיפוך צו אַלע מיטאָלאָגישע רעליגיעס וואָס זיינען ווענדט צו דער פאַרגאַנגענהייט, איז דער פּראָפעטיזם פון יידישער אמונה אָריענטירט דער עיקר עטיש. להיכוך צום קריסטנטום, איז אין דער יידישער רעליגיע ניט פאַראַן קיין מיטאָלאָגיע. מ׳קען די יידישע רעליגיע מיטאָלאָגיש ניט דערקלערן.

דער גאָט פון תנ״ך איז שאַרף אָפּגעגרענעצט פון גאָט פון מיטאָס. די מיטאָלאָגישע געטער זיינען מער ניט ווי פאַרגעטערטע נאַטורקרעפטן, דערפאר זיינען די געטער אָביעקטן פון האָס, ווייל זיי שטאַמען פון מענטשלעכע אַפעקטן פון פחד, קנאה, שנאה, אאז״וו.

אין דער מיטאָלאָגיע איז דער מענטש לחלוטנדיק אונטערוואָרפן דעם בלינדן שיקזאַל ,אָבער אין דער „רעליגיע פון שכל״ איז דער מענטש גופא פאַראַנטוואָרטלעך פאר זיינע האַנדלונגען. ער ווערט דערהייבן צו אַ פערזענלעכקייט און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער מענטש איז ניט פאַרשקלאַפט צו די נאַטור־כוחות, איז ניט קיין טייל פון אַ זינלאָזן מעכאַניזם ווי ביים שפינאָזאַאיזם, פאַרגעטערט מער די נאַטור, מאַכט מען בטל דעם גאָטבאַגריף. אגב, האָלט כהן, פירט אויך די מאָדערנע וויסנשאַפט ניט צו אַן אַבסאָלוטיזירונג פון דער נאַטור צו איר רעלאַטיווירונג.

אַנטקעגן שפּינאָזאָס פאָרמולע „גאָט איז די נאַטור, האָט כהן געלערנט: גאָט און די נאַטור.

די יידישע רעליגיע איז אַ פאַרשטאַנד־רעליגיע, זי פאָדערט ניט קיין קרבנות פון שכל. ווער ס'לייקנט אָפּ די וויסנשאַפט איז אין אַ געוויסן זין אַ שונא פון דער יידישער רעליגיע.

דערפאַר איז יידישקייט באַפרייט פון יעדן מיטאָלאָגישן עלע־מענט, ווייל גאָט איז די עסענץ פון דער ווירקלעכקייט (אהיה אשר אהיה). און דאָ ווייזט כהן אָן אויפן טיפן חילוק צווישן דער ספּינאָ־זאָאיסטישער איינהייט און דער יודאָאיסטישער איינציקייט, צווישן דעם געדאנק פון "אחד", וואָס ליגט אין יסוד פון מאָנאָטעאיזם און שפּינאָזאָס גאָט, נאַטור, געדאַנק.

דער מיטאָס האָט ניט אָפּגעטיילט דעם מענטשן פון דער נאַטור, דערפאַר איז ער געצנדינעריש און איז ניט אָריענטירט עטיש, ווייל בכלל קען מען נאָר אין גאָט געפינען א גאראנטיע אַז עטיק איז אַ ווירקלעכער כח. אין דער נאַטור איז אַזאַ גאַראַנטיע ניטאָ. נאַטור איז פיזיק, ניט קיין מאָראַל.

שפּינאָזאַ האָט געהאַלטן, אַז גאָט אליין האָט ניט קיין עפעקטן, ווי שנאה, ליבע. מיט זיין אויסשפרייטן גאָט אין דער נאַטור האָט דער אַמסטערדאַמער פרוש ארייננגעזעצט גאָט, אַזוי צו זאָגן, אין תפיסה און האָט די נאַטור געמאַכט פאַר אַן אַבסאָלוט, פאַר אַ געפלעכט פון אייביקע, אייזערנע, בלינדע געזעצן, אַן איינמאָל פאַר אלעמאָל אָנגע־צויגענען מעכאַניזם. פונקט ווי ביי די סטאָאיקער זיינען אַלע עמאָ־ציעס נאָר קייטן וואָס בינדן דעם מענטשלעכן גייסט, אַזוי זעט שפּי־נאָזאַ אויך קיין אונטערשייד ניט צווישן רחמנות, געפיל און קנאה. דאָס זיינען בלויז „אַפעקטן" פון וועלכע מען דאַרף וויכן.

כהן האָט שפּינאָזאָס אַבסאָלוטיזירונג פון דער נאַטור ניט אָנע־גענומען, ווייל אויב דער אמת זאָל זיין מיט שפּינאָזאַן, אַז גאָט איז בלויז געזעץ, אָרדנונג, אינהאַלט און פאָרם פון דער וועלט, איז ניטאָ מער קיין איין ווינקעלע וואוהין צו אַנטלויפן, איז דאָך גאָט שוין פאַרטיק מיט דער וועלט, איז, פונוואַנען די עטיק?

פאַר דער נאַטור איז ניטאָ קיין יחיד. זי ווייסט בלויז פון דעם

כלל. איר עובדה איז דער ביאָלאָגישער מין, די פּאַראַלגעמיינערונג פון מין. איין מענטש לײדט — און אַנדערער געניסט דערפון: די עטיק קען בלויז דיב אַציאונג פון יחיד צום כלל, פון מענטש צו דער געזעלשאַפט, צום צווייטן מענטשן. דערפאַר — האַלט כהן — קען די עטיק נאַטוראַליסטיש ניט באַגרינדעט ווערן. זי קען נאָר באַגרינדעט ווערן ריין פילאָסאָפיש.

אין דעם פונקט — האַלט כהן — גייען זיך צענויף פּלאַטאָס אידעאַליזם מיט דעם פּראַקטישן אידעאַליזם פון משיחישן געדאַנק. פּלאַטאָן, דער פאָטער פון וויסנשאַפטלעכן אידעאַליזם, איז אין דער זעלביקער צייט אויך געווען דער פאָטער פון עטישן אידעאַליזם, מחמת ער האָט דער ערשטער באַגרינדעט די וויסנשאַפטלעכע עטיק דורך דעם, וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט די טראַנסצעדענץ (די יענזייטיקייט) פון דער אידייע פון גוטס, ד״ה, ער האָט מעטאָדיש אָפּגעגערענעצט דאָס זיין פון גוטס, פון זיטלעכן, פונעם זיין פון דער נאַטור. פונקט ווי דער פּלאַטאָנישער אידעאַליזם, שטעלט זיך אויך דער משיחישער אידעאַליזם פאַר דעם יענזייטיקן גאָט, ווי דעם גאָט פון זיטלעכקייט, וואָס איז פּרינציפּיעל פאַרשיידן פון די נאַטור־כוחות. די יענזייטיקייט פון גאָט אין דער משיחישער תורה איז נאָר אַן אַנאַלאָגיע צו דער יענזייטיקייט פון דער אידייע פון גוטס ביי פּלאַטאָנען. אַזוי קומען אין באַרירונג דער גריכישער פילאָסאָפישער אידעאַליזם מיט דער רעליגיע פון די יידישע נביאים, מזרח און מערב האָבן זיך אַזוי ווי געגעבן די הענט.

און דאָ קומט כהן צו זיין טיפער אַנטפּלעקנדער קאָנצעפּציע פון זיין גאָט־מענטש באַציאונג, צו זיין אַזוי גערופענעם קאָרעלאַטיוון סיסטעם.

עס איז געקומען די צייט ווען פּראָפעסאָר הערמאַן כהן דער פילאָסאָף האָט זיך ווידער גענומען צו טעאָלאָגיע. ער האָט „צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע״ אוועקגעשטעלט דעם יחיד אין צענטער פון דער וועלט. ער האָט געמאַכט גאָט און מענטש פאַר שותּפים, אָדער ווי כהן נוצט פאַר דעם אַ פילאָסאָפישן טערמין, פאַר „קאָרעלאַטיווע״, געבונדענע, פאַרקניפּטע באַגריפן.

די יידישע רעליגיע רעדט ניט סתם וועגן אַן אַבסטראַקטן מענטש, נאָר וועגן דעם נאָענטסטן, דעם שכן, דעם מיטמענטש. די גרויסע אידייע פון מענטשן־ליבע, אַט דער צענטראַלער פונקט פון דער נביאים־לערע קען זיך באַציען נאָר אויף קאָנקרעטע מענטשן און ניט סתם אויף ליבע. „ואהבת לרעך כמוך״ — קען מען טייטשן נאָר אויף אַ קאָנקרעטן אופן: „ליב דיין מיטמענטש ווייל ער איז ווי דו״. ווייל דער תמצית פון דער ליבע איז צו ליבן דעם מענטשן מיט וועלכן איר קומט אין באַרירונג. סאָציאַלע גערעכטיקייט איז טאַקע דער יסוד פון דער עכטער מענטשן־ליבע. די פאַרבעסערונג פון די מאַטעריעלע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען איז אָבער ניט דער ענדציל, זי איז בלויז די פאַרשטופע צו דער פאַרווירקלעכונג פון מענטשן־ווערדע און דער אינדיווידועלער פרייהייט.

פון דער דאָזיקער הנחה פאָלגט די מאָראַל, די עטיק פון יידנטום. די עטיק פון גלייכקייט, פון שותּפותדיקייט. גאָט איז דער בונד צווישן מענטש און וועלט. ער איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער. „הנפש החוטאת היא תמות״, „איש בעוונו ימות״. מענטש צו מענטש איז שותּף ווי צו גאָט. דער פונדאַמענט פון כהנס שכל־רעליגיע איז בכן די קאָרעלאַציע, די מענטש־גאָט באַציאונג, וואָס פון איר פאָלגט די מענטש צו מענטש באַציאונג.

יחזקאל האָט מער פון אַלע פאַרטיפט די אידייע פון דער אינ־דיווידועלער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט מיט איר ריין־אינדיווי־דועלער שליחות און אחריות. דאָס איז דער ווינקלשטיין אין יחז־קאלס געדאַנקען־געבוי.

יחזקאל איז גערעכט ווען ער האָט געזאָגט „די נשמה האָט געזינדיקט״, זינד און גוטס זיינען ביידע זאַכן וואָס קומען ניט בירו־שה, אָדער זיינען נאַטור־עלעמענטן. די עטיק זאָגט דעם מענטשן, דו זאָלסט, און דאָס מיינט, דו קענסט! דאָס מיינט דו ביסט אַ פרייער טרעגער פון דיינע אַנטשיידונגען.

אַזוי ווערט די לאָגיש־איינגעפונדעוועטע עטישע וועלט אַנ־שויאונג פון הערמאַן כהן פאַרבונדן מיט דער טעאָלאָגיע פון יחזקאלן. די צווייי יחזקאלס (כהנס יידישער נאָמען איז אויך געווען יחזקאל),

יחזקאל הכהן, דער נביא פון בבל און יחזקאל הכהן, פּראָפעסאָר פון קאַנטיאַנער פילאָסאָפיע אין מאַרבורג, האָבן זיך באַגעגנט. און יחזקאל דער נביא האָט גובר געווען קאַנטן, ווייל אויב קאַנט און פלאַטאָן זיינען די צוויי פּאָלוסן פון כהנס פילאָסאָפיע, בילדעט די געשטאַלט און די עטיק פונעם נביא יחזקאל דעם צענטראַלן פונקט פון זיין יידישער לערע.

דער לעצטער און חשובסטער יידישער מערב־דענקער איז אין זיינע לעצטע יאָרן געוואָרן אַ באַגרינדער פון עטישן מאָנאָטעאיזם און דער שטרענגער מאָנער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט אַלס אַ פאָרשטופּע צו אינדיווידועלער פרייהייט.

פון כהנס אינדיווידועלן סיסטעם פאָלגט לאָגיש אויך זיין עטי־שער סאָציאַליזם. וואָלט מען נישט אריינגעטראָגן אַזויפיל כוונות אין דעם באַגריף פון „רעליגיעזן סאָציאַליזם", איז, ווען מיר וואָלטן וועלן האָבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג פון אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, וואָלטן מיר אָן שום ספק געקענט אָנווייזן אויף הערמאַן כהנס „רעליגיע פון שכל". ניט דערפאַר ווייל דאָס „וואָרט" סאָציאַליזם איז אַ סך מאָל דערמאָנט אין זיין ווערק, נאָר ווייל ער האָט בפירוש געהאַלטן, אַז די פאָדערונג פון סאָציאַלער גע־רעכטיקייט האָט איר מקור אין דעם איין און איינציקן גאָט באַגריף, וועלכער איז דער העכסטער אידעאַל פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער גערעכטיקייט.

די פּאָליטיק פון די נביאים איז ניט קיין אַנדערע ווי די וואָס מיר רופן איצט סאָציאַליזם, און איר יסוד איז געווען אויסקעמפן רעכט פאַר די אָרעמע" (עטיק דעם ריינעס ווילנס, ז. 529).

„אַ שליח פון דעם גאָט פון דער געשיכטע וואָס זיין גאַנצע אַרבעט איז געטריבן געוואָרן פון אַ מאָראַלישן פייער־גייסט", אַזוי כאַראַקטעריזירט כהן קאַרל מאַרקסן, הגם עס איז קלאָר, אַז ער איז געווען וועלטנוויט פון זיין מאַטעריאַליסטישער אַנשויאונג.

באַטראַכטן מיר כהנען אין דעם ליכטיקן שיין פון זיין לעצט ווערק, דעמאָלט קענען מיר זאָגן, אַז ער איז אין זיין רעליגיעז־עטישן וועג דערגאַנגען ביזן סוף. היסטאָריש געזען געפינען זיך זיינע אידייען

אין הסכם מיט די אַלגעמיינע יידישע אידעאַלן פון עסכאַטאַלאָגיע.

זיינע געדאַנקען וועלן דערפאַר אַריינגיין ווי שטאַרקע פונ־דאַמענט שטיינער, ניט נאָר אין דעם שטאָלצן בנין פון רעליגיעזן דענקען, נאָר אויך אין דעם סיסטעם פון אַ באַגייטן עטישן סאָציאַליזם.

טאָינבי און זיין פאַרשטיינערטע יידישקייט

געשיכטע איז אָפט אַ פאַרנעפּלטער ענין. דורך געשיכטע איז גרינגער צו מאַסקירן זיך מיט כלומרשטער ריינער וויסנשאַפטלעכ־קייט, און דורך דעם העלפן פאַרשפּרייטן דעם שרייבערס רעאַק־ציאָנערע קאָנצעפּציעס, ווי אומבאַשטרייטלעכע אָביעקטיווע אמתן.

עס טרעפט, אַז היסטאָריקער און פילאָסאָפן זאָלן אָנהייבן פריי־דיקן אומזיניקייטן, וואָס זיינען אין סתירה מיטן אמת און מיט עלעמענטאַרישן שכל־הישר. אַזאַ איז דער באַרימטער ענגלישער היס־טאָריקער אַרנאָלד טאָינבי, ווי ער האָט זיך באַוויזן אין זיין זעקס־בענדיק ווערק „אַ שטודיע פון געשיכטע” און דער עיקר אין זעקסטן באַנד, וואו ער באַהאַנדלט יידן און יידישקייט לויט זיין געשיכטס־פילאָסאָפיע.

דער קערן פון טאָינבי׳ס היסטאָריש־פילאָסאָפישן סיסטעם, אָדער געשיכטלעכער קאָנצעפּציע, איז אומגעפער אַזאַ: די געשיכטע פון די פעלקער איז ניט דווקא קיין סאָציאַל־פּאָליטישע געשיכטע, נאָר מער אַ קולטורעלע. ער האַלט, אַז די גייסטיקע דערשיינונגען פון דער געשיכטע, ווי פילאָסאָפיע, רעליגיע, מאָראַל און קונסט, זיינען ניט קיין פועל־יוצא פון די ווירטשאַפטלעכע שייכותן און עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען לויטן צושטאַנד פון די מאַטעריעלע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן, ווי די מאָדערנע היסטאָריקער האַלטן, — נאָר זיי־נען אַבסאָלוט און זיי באַשטימען דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג. אין אַנדערע ווערטער: געשיכטע איז פאַר אים „הייליקע געשיכטע”. ער נעמט אַן

דעם מעטאַפיזישן צוגאַנג פונעם באַגרינדער פון קריסטנטום, אויגוס־טינוס, וואָס האָט נאָך אין פערטן יאָרהונדערט אויפגעבויט אַ טעאָריע וועגן צוויי מלוכה־באַגריפן: אַן ערדישע מלוכה און אַ געטלעכע מלוכה. לויט אויגוסטינוסן איז דער אייגנטלעכער יסוד פון דער וועלט־געשיכטע — דער געראַנגל צווישן די ביידע וועלטן. לויט זיינע פאַראויסזאָגונגען קומט אויס, אַז די ערדישע מלוכה מוז אונטערגיין און מאַכן פלאַץ פאַר דער געטלעכער מלוכה, וואָס וועט אייביק עק־זיסטירן. טאָינבי האַלט, אַז דאָס קריסטנטום, ביי זיין אויפקום, האָט אָנגעוויזן אויף דעם ענדציל פון דער געשיכטע, וואו „מענטש וועט בלויז גלאָריפיצירן גאָט" און שפעטער, ווען דאָס קריסטנטום איז פאַרקערפערט געוואָרן אין דער אינסטיטוציאָנעלער קירך און איז געוואָרן אַ „וועלטלעכע מאַכט", איז די טענדענץ פון גייסטיקייט איבערגענומען געוואָרן פון די אָריענטאַלישע רעליגיעס (בודהא, קאָנפוציוס).

די מערבדיקע קולטור, די אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישע, האַלט טאָינבי, גוססט און האַלט ביים אָפּשטאַרבן, ווייל זי האָט פאַרלאָרן איר גייסט, איר נשמה, איר רעליגיע. זי האָט נאָר אַ „במקום רעליגיע" וואָס איז ניט קיין אָרגאַנישער טייל פון רעליגיע. אויב געשיכטע און קולטור — וואָס איז פאַר אים איינס און דאָס זעלבע — האָבן אַ צוקונפט, איז עס בלויז אין אָריענט, וואו „די קוואַלן פון רעליגיע זיינען נאָך ניט פאַרשטאָפּט געוואָרן" (5טער באַנד).

פאַראורטיילט דעם גורל פון היינטיקן קריסטנטום, נעמט זיך טאָינבי צו דער יידישער געשיכטע. ער אַנטוויקלט אַן „אייגנאַרטיקע" טעאָריע וועגן גורל און דער עקזיסטענץ פון דער יידישער נאַציע און קולטור. דערביי באַנוצט ער זיך מיטן וואָרט „פאָסיל", וואָס מיינט אַ פאַרשטיינערטע פאָרם פון אַן אַמאָליקן לעבעדיקן אָרגאַניזם.

דאָס פאָלק פון בוך און זיין שטאַם — זאָגט דער ענגלישער היסטאָריקער, — זיינען פאַרשטיינערטע רעליקוועס פון דער פאַר־צייטיקער סיריאַקישער ציוויליזאַציע, וועלכע האָט שוין לאַנג אויס־געלעבט זייער שעפערישע נוצבאַרקייט, אָדער נוצנדיק זיין אייגענעם

טערמין „קרעאַטיווע היסטאָרישקייט", דאָס מיינט: זיי זיינען געוואָרן אומרעליגיעז.

לויט טאָינביס באַנעם פון יידן און יידישקייט באַקומט זיך אַזאַ בילד: מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט אַ וואַנדער־גרופּע, וואָס האָט גערעדט העברעאיש און איז באַשטאַנען פון נאָמאַדן, זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע. די דאָזיקע נאָמאַדן האָבן געגעבן די יידן דעם אַלף־בית, דעם גאָט־באַגריף, און אין פּראָצעס פון איר אַנטוויקלונג האָט די דאָזיקע קליינע מינאָריטעט פון נאָמענלאָזע שבט־נאָמאַדן, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די אַסירישע, אָדער אַסיריאָקישע ציוויליזאַציע, געוואָרן איינס מיט דער יידישער נאַציע און גע־האָלפן ציוויליזירן די באַרבאַרישע וועלט.

נאָכדעם ווי ירושלים איז געפאַלן און עס איז אויפגעקומען דאָס קריסטנטום האָבן יידן אויפגעהערט צו זיין שעפעריש — זאָגט טאָינבי. זיי זיינען גייסטיק געוואָרן סטעריל און געבליבן לעבן ווי אַ מין אָפּגעזונדערטער עלעמענט, וואָס האָט מיט דעם קולטורעלן ארום ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס.

אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, זינט דעם חורבן פון בית שני, לאָזט זיך מערקן דער פאַקט, אַז יידן פאַרבלייבן אַ „נאַציע אָן אַ לאַנד — אַ מין גייסטיקע געמיינשאַפט אין אַ וועלט פון גלייכאַר־טיקע נאַציעס און קולטורן — וואָס לעבט זיך אויס בלויז אין איר אַמאָליקן גייסטיקן שאַפן.

דער קערן פון דער נביאישער לערע, וואָס יידן האָבן געגעבן דער וועלט איז אוניווערסאַל, אָבער מיטן אויפקום פון קריסטנטום איז די נביאישקייט, דער פּראָפעטישער גייסט פון יידנטום פאַר־שוואונדן. די הויפּט־שאַפונגען פון יידן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום. יידן שליסן זיך אָפּ אין דער געטאָ אָדער סינאַגאָגע, וואו זיי זעצן פאָר צו לעבן מיט זייערע אַמאָליקע וויזיעס וועגן משיחישער אוניווערסאַלער דערלייזונג, אָבער זיי שטרעבן מער ניט צו דערוועקן צוריק זייער ערדישע נאַציאָנאַלע היים, אָן ערדישע ראַם פאַר קולטור־שאַפונגען, אַזוי ארום ווערן יידן

און די אַנדערע אייראָפּיאַישע און ווייט־מזרחדיקע קולטורן (די אינ־דישע, כינעזישע און אויך אסלאַמישע, אָדער אַראַבישע) צוויי פּיינט־לעכע וועלטן, צוויי ווידערשפּעכנדיקע וועלט־באַנעמונגען, צוויי פּאַר־שיידענע ריכטונגען.

אָבער מיט דעם מאָמענט ווען יידן ווערן ווידער אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, אָדער ווי ער רופט עס אָן מיט די ווערטער פון כלוי־מרשט אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכן לשון, אַ פאָלק מיט „וועלט־גע־שיכטלעכער פּערספּעקטיוו, ווערן זיי אַ דעסטרוקטיווער כוח, אַ פאָלק פון „בלוט און באָדן", וואָס איז אַ געפאַר פאַר דער מזרחדיקער ציוויליזאַציע".

דאָ מאַכט טאָינבי אַ שטאַרקע אַטאַקע אויפן ציוניזם און אויף דער מדינת ישראל, וואָס ער באַטראַכט ווי א אָן אויסדרוק פון אויסער־לעכע קרעפטן און א נאָכאַמונג פון דעם מערב־אייראָפּייאישן נאַציאָ־נאַליזם, און במילא פרעמד זייער אייגענעם היסטאָרישן גייסט. יידן האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט גלויבן אין „פּאַסיווער דער־לייזונג". דער קען־צייכן פון זייער קולטור איז זייער „אַפּאָקאַליפּ־טישקייט" (גלויבן אין א איבערנאַטירלעכן משיח). דער מאָמענט אָבער, ווען זיי הויבן ווידער אָן צו דעראָבערן און פאַרטיידיקן זייער ערדישע היים און ווילן ווערן אַן „ערד־פאַרוואָרצלט פאָלק", ווערן זיי אוועקגעשטעלט אויף איין מדרגה מיט די נאַצישע אידעאָלאָגן פון „בלוט און באָדן". די דאָזיקע יידן, די ציוניסטן און פאַרטיידיקער פון דער מדינה, באַצייכנט דער ענגלישער היסטאָריקער, ווי מענטשן, וואָס ווילן איבערקערן די „היסטאָרישע שיסל" און ענדערן דאָס געשטאַלט פון יידנטום".

דאָ צעלאָזט זיך דער היסטאָריקער אין אַזאַ עלעגיע, אָדער קלאָג־ליד. טאָינבי שרייבט: „צו פאַרוואַנדלען אַ גייסטיק פאָלק, איינוואוינער פון שטאָט אין דאָרפס־מענטשן, פאַרמיטלער — אין פּוי־ערים, פינאַנץ־מענטשן — אין אגריקולטוריסטן, קרעמער — אין שלאַכטלייט, הייליקע — אין טעראָריסטן, ניט־אריער — אין סע־מיטישע פאַרגוואַלדיקער, און אַלץ כדי צו זיין קינדער פון אַן אייגן לאַנד? דאָס איז גלייך ווי איבערבייטן די טראַדיציאָנעלע קריסט־די עוורטער הייבט דער מקובל ר' יוסף קארו אָן זיין „שולחן ערוך"

לעכע האָפנונג אויף דערלייזונג דורך דער ווידער־דערשיינונג פון משיחן (קריסטוסן) דורכן קאָמוניסטישן פּרינציפּ פון וועלט־איבער־קערעניש" (באַנד 6, „שטודיע פון געשיכטע").

טאָיינביס אויספיר איז טיף־רעאַקציאָנער און טיף־אַנטי־סעמיטיש כאָטש ער בויט אויף כלומרשט אַ רעליגיעזע פילאָסאָפיע. לויט דער פילאָסאָפיע קומט אויס, אַז די „נטורי קרתא" (היטער פון דער שטאָט), די פאַנאַטישע גרופּע פון ירושלימער יידן, וואָס באַ־קעמפן די מדינה ווייל זיי האַלטן, אַז משיח דאַרף קומען אויף אַ „ווייסן אייזל", איבערנאַטירלעך, — זיינען די אמתע היטער פון דער יידישער קולטור. „דער ייד, — שרייבט טאָיינבי, — וואָס וויל באַזירן די היסטאָרישע רעכט פון יידן אויף זיין היימלאַנד, אויף דעם פיזישן פאַקט, אַז ער שטאַמט פון אברהם אבינו, ניט זייענדיק טריי צו די אָרטאָדאָקסישע געבאָטן פון זיינע עלטערן, באַווייזט, אַז ער איז גרייט אויפצוגעבן די אמונה פון זיינע אבות און די בכורה פון געטלעכן בונד פאַרן קולט פון „בלוט און באָדן". דער אמת איז אָבער, אַז דער דאָזיקער „ברית אברהם" (בונד פון גאָט מיט אברהם, אָדער ווי טאָיינבי שרייבט „טעסטאַמענט"), איז אָפּהענגיק פון אָפּהיטן גאָטס מצוות" (באַנד 6, ז"ז 601).

דער אַנגלאָ־יידישער שריפטשטעלער מאָריס סעמועל האָט אָנגעשריבן אַ קריטישן ענטפער אויף טאָיינביס „יידישקייט־פילאָ־סאָפיע" „דער פּראָפעסאָר און די פאַרשטיינערטקייט" (אויף ענגליש: „דהי פּראָפעסאָר ענד דהי פאָססיל"). אין דעם דאָזיקן ווערק האָט סעמועל געמאַכט אַ וויכטיקע אָנשטרענגונג צו ווייזן אויף ווי ווייט עם־הארצותדיק און אומגערעכט דער ענגלישער היסטאָריקער איז צו דער יידישער געשיכטע.

איידער אָבער מיר דערמאָנען אַ פּאָר פון סעמועלס אַרגומענטן, איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון טאָיינביס פילאָסאָפיע.

טאָיינביס צושרייבן „פאַרשטיינערטקייט" דער יידישער גע־שיכטע איז אַ פּועל־יוצא, א קאָנסעקווענץ פון זיין מעכאַנישער איינ־

טייילונג פון דער געשיכטע אין ציוויליזאַציע און קולטור־ציקלען. אין קעגנזאַץ צו העגעלס פאַרשטעלונג וועגן געשיכטע, אַז „יעדע דערשיינונג ווערט דורך ווירקונג פון אירע אייגענע כחות פאַר־וואנדלט אין אייגענעם קעגנזאַץ, אַז אין דעם אויפבלי איז פאַראַן דער פאַנאַנדערפאַל, אַז דער טעזע אַנטשפּרעכט די אַנטיטעזע, און אַז פון זיי צוזאַמען ווערט געבוירן די סינטעזע, אין וועלכע עס זיינען באַהאַלטן די ווערטפולע טיילן פון דעם פריערדיקן, — אַנשטאַט דעם פּראָגרעסיוון היסטאָרישן באַנעם, נעמט טאָינבי איבער די „געשיכטס־פילאָסאָפיע״ פונעם פּרייסישן רעאַקציאָנער־פילאָסאָף. אָסוואַלד שפּענגלער, אז די מענטשלעכע געשיכטע גייט נישט צו האַרמאָניש נאָר לויפט ציקליש. יעדער געשיכטלעכער ציקל הייבט זיך אויף פון באַרבאַריזם, פּראָגרעסירט לאַנגזאַם צו דער העכסטער מדרגה פון קולטור, הייבט אָן פריער בהדרגהדיק, לאַנגזאַם, גראַדנווייז צו דעגענערירן, ביז ער שטאַרבט אָפּ. אָבער ס׳איז ניטאָ קיין איינ־הייטלעכע קולטור, נאָר קולטורן, און יעדע קולטור איז קאָסמיש, איז ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס איז אונטערוואָרפן דעם נאַטור־געזעץ, און וואָס פּראָגרעסירט ניט, נאָר לעבט, וועלקט און שטאַרבט.

טאָינבי, ווי פאַר אים שפּענגלער, נעמט ניט אין באַטראַכט, אַז געשיכטע באַשעפטיקט זיך מיט לעבעדיקע גאַנצקייטן, וואָס אַנט־וויקלען זיך און ווערן טראַנספאָרמירט אין עפּעס נייעס. דערפון שטאַמען די פאַלשע טעאָריעס וועגן יידישער פאַרשטיינערטקייט און וועגן א כלומרשטער גייסטיקייט אָן „אַ קערפּערלעכער ראַם״.

עס איז ניט אמת, אז יידן זיינען בלויז אַ טייל פון אַ „פאַר־צייטיקער סיריאַקישער קולטור״, וואָס איז לאַנג פאַרשוואונדן, און עס איז פונקט אַזוי פאַלש, אַז יידן האָבן, נאָכן פאַרלירן זייער שטאַט, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, געבויט אַ גייסטיקע הימלאָזע רע־ליגיעזע נאַציע, די נביאים האָבן מיט זייערע „וועלט־געשיכטלעכע פּערספּעקטיוון״ שטענדיק געהאַט אין אויג קאָנקרעטע פּאָליטישע צילן. אויפּפאַסנדיק יהוה׳ען ווי אַן אוניווערסאַלן גאָט, האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו שפּינען דעם געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ היסטאָרישער איינס, וואָס וועט דערלייזט ווערן אין אַ וועלט פון

פעלקער־ברידערלעכקייט און זיין צוריקקער צו זיין היים־לאַנד איז אַ רעזולטאַט פון אַ באַנייטן סאָציאַלן און קולטורעלן פעלקער־רענע־סאַנס.

מאָריס סעמועל ווייזט אָן, מיט רעכט, אַז טאָינבי פארשווייגט בכיוון, אָדער מאַכט זיך ניט וויסנדיק, פון יענער העלדישער רע־בעליע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דווקא אין דער צייט פון אויפקום פון קריסטנטום (פּונקט דעמאָלט ווען די יידישע קולטור איז, לויט טאָינבין פארשטיינערט געוואָרן) די עפּאָכע פון דעם העלדישן בר־כוכבא אויפשטאַנד.

דער גייסטיקער פירער און אידעאָלאָג פון יענעם העלדישן פּאָלקס־אויפשטאַנד, רבי עקיבא, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון סט. פּאול, דעם גרינדער און פאַרשפּרייטער פון קריסטנטום, האָט אין דעם העלדישן בר־כוכבא ארויסטריט דווקא געזען די פאַר־ווירקלעכונג פון דער נבואה: „דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל — והיה אדום ירשה", — אַ שטערן איז אַרויסגעטראָטן פון יעקב׳ן, וועל־כער וועט באַזיגן די אדום־מאַכט. רבי עקיבא האָט טאַקע באַגייס־טערט די מורדים אין בית־רמון און עמק, דער העלדישער היסטאָ־רישער ביישפּיל פון די ישראל־קעמפער אין זייער אומאָפּהענ־גיקייטס־קאַמף אין 1948.

רבי עקיבא האָט געזאַלבט דעם מיליטערישן אָנפירער בר־כוכבא מיטן גייסט פון משיחישער דערלייזונג דווקא ווייל ער האָט געקעמפט פאַרן קאָנקרעטן „ערדישן הימלאַנד". עס איז אויך סימבאָליש און באַלערנדיק דער פאַקט, וואָס דער פּאָלקס־פירער און לערער האָט זיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פּאָליטישער פרייהייט נישט באַטראַכט ווי אַן אָפּגעזונדערטן פאַל, נאָר אים פאַרבונדן מיט אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אידעאַל פון פעלקער־אויפריכטונג.

טאָינבי אָפּערירט מיטן וואָרט „גלות", און עס דינט פאַר אים ווי אַ באַווייז פאַר יידישער אָפּגעזונדערטקייט און פאַרשטיינערט־קייט, אָבער דער אמת איז, אַז מיט „גלות" פלעגט דאָס פאָלק תמיד כאַראַקטעריזירן זיין געגנוואַרט, האָפנדיק אויף אַן אייגענעם אויסלייז.

מאָריס סעמועל ווידמעט אַ קאַפּיטל פון זיין בוך טאָינביס

שעדלעכער און עם־הארצותדיקער באצייכענונג פון דער יידישער שפּראַך. דער היסטאָריקער זאָגט וועגן יידישן לשון: „דער יידישער (דזשואיש) דיאַלעקט פון דייטש, וואָס איז באַקאַנט ווי יידיש", פרעגט סעמועל אין זיין קאַפּיטל „דער פאַסיל באַשאַפט אַ שפּראַך", וויבאַלד יידן זיינען בלויז געבליבן מיט זייער פאַרשטיינערטער רעליגיע, וויאַזוי האָבן זיי געקאָנט זיין אַזוי שעפעריש צו שאַפן אַ שפּראַך?

עס האַנדלט זיך אָבער ניט וועגן שפּראַך אַליין. די גאַנצע „טעאָריע", וואָס טאָינבי ברענגט צוליב זיין מיסטישער קאָנצעפּציע וועגן אַ „רעליגיע פאָלק", וואָס לעבט „אויסער געשיכטע" און קאָן בלויז ווירקן אין דער געשיכטע (אין אייגענע נאַציאָנאַלע, טער־טאָריעלע און קולטורעלע ראַמען) ווי אַ דעסטרוקטיווע באַרבאַרישע קראַפט, — די דאָזיקע „טעאָריע" האַלט ניט אויס, פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, די מינדסטע קריטיק. בעת מיר בלעטערן געשיכטע פון נאָכן צווייטן חורבן, וועלן מיר ניט געפינען קיין איינציקע תקופה, אין וועלכער די טירן און טויערן פון יידישקייט זיינען געווען פאַר־האַקט פאַר די השפעות פון די אַרומיקע קולטורן. די געטאָ, די יידישע רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט, וואָס האָט זיך איצט פאַרקערפּערט אין טאָינביס פאַראידעאַליזירטער „מאה שערים־און וויליאַמסבורג־אָרטאָדאָקסיע" — איז אַ באַגריף, וואָס האָט אין דער יידישער קולטור־געשיכטע קיין באַזונדערן ווערט ניט. די יידישע קולטור איז געלאָפן ווי אַ שטראָם דורך אַ סך לענדער און באַגעגנדיק זיך אין פאַרשיי־דענע צייטן מיט דער אַלגעמיינער קולטור, האָט זי שטענדיק אויפ־גענומען די ווערטן פון דער וועלטלעכער קולטור. וואָלט טאָקע די יידישע קולטור געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן קעגן דרויסנדיקע ווינטן, וואָלט די דורות'דיקע יידישע קולטור־שאַפונג אויסגעטריקנט געוואָרן און מיר וואָלטן ניט געהאַט ניט קיין רמב"ם, ניט קיין אָקאָס־טאַ און אויך ניט קיין משה העס, הערצל, י. ל. פּרץ און ביאַליק. אַ קולטור שפּייזט זיך קודם־כל מיט די אומצייליקע לעבנס־אינהאַלטן וועלכע קומען צו איר פונעם גאַנצן אַרומיקן און אייגענעם לעבן; פונעם אייגענעם עבר און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

ווי אַ רעאַקציאָנערער געשיכטס־פילאָסאָף איז טאָינבי פול

מיט סתירות אין זיין געשיכטלעכער קאָנצעפּציע בכלל, און בעיקר אַנטפּלעקן זיך די שאַרפע סתירות אין זיין באַהאַנדלען די יידישע געשיכטע. ער זאָגט, צום ביישפּיל, אַז דער אייראָפּייאישער נאַציאָנאַליזם איז אַ גלגול (איבערוואַנדלונג) פון יידישן „אתה בחרתנו" און באַשולדיקט דעם ציוניזם אין אַסימילאַציע. „אויפן אַרט פון באַגנוגענען זיך צו זיין אַ "מינדערהייט" — שרייבט ער — ווילן זיי נאָכמאַכן אייראָפּע מיט זייער „אַרכאַאיזם, אויפצולעבן דעם אַלטן באַגריף פון „שיבת ציון"; פון איין זייט זיינען יידן, לויט אים, אַ פאַרשטיינערטער צווייג, וואָס איז עקרדיק, קאָן ניט געבוירן קיין קולטור־ווערטן, און פון דער צווייטער זייט, האַלט ער, אַז יידן דאַרפן זיך ניט דערנידעריקן צו קעמפן פאַר אַן „אייגענעם מיזאַרעבעלן ווינקל, ווייל זיי זיינען פאַרבליבן אין דער געשיכטע צו זיין דער קאָלעקטיווער פאַרפּייניקטער דערלייזער פון אַלע אַנדערע פעלקער"...

טאָינבי באַטראַכט דאָס יידישע פאָלק ווי אַן אתה בחרתנו־פאָלק אין דעם זינען פון פוסטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און איבערפעלעכלעכן גדלות. אָדער שאָוויניזם, און אויך אין זינען פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַ היסטאָריש־עטישע מיסיע און אַ באַזונדערע אחריות פאַר דער וועלט. אַז יידן זיינען, דאַרפן זיין און ווילן זיין, אַ נאָרמאַל פאָלק ווי אַלע פעלקער, פאַלט אים גאָרניט איין. די אַסימילאַטאָרישע מיסיע און דער פאַלשער פאַטריאָטיזם זיינען, ווי באַוואוסט, צוויי זייטן פון איין פאַלשער מטבע. דער נביאישער „אתה בחרתנו"־געפיל האָט גאָרניט אוועקגעשטעלט איין פאָלק העכער פאַרן אַנדערן, פאַרקערט: דאָס באַוואוסטזיין פון אייגענער אחריות פאַר דער וועלט, האָט פאַר־לאַנגט אַז אַזאַ מין באַוואוסטזיין זאָל באַזעלן אויך אַנדערע פעלקער־קאָלעקטיוון.

טאָינביס קינות אויפן גורל פון יידן, וואָס ווערן „מיט פעלקער גלייך" און וואַרפן אַוועק זייער „רעליגיעזע מיסיע", איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַ געוויסן שכט פון אייראָפּעס אינטעלעגענציע, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען די לאַסט פון בריטישן קאָלאָניאַלן סטאַטוס, ארויסגייענדיק, מכלומרשט, פון אַן עסטעט־טיש־קאָנסערוואַטיוון מאָטיוו: מען דאַרף אויפהיטן די סטאַטישע

טיש־קאָנסערוואַטיוון מאָטיוו: מען דאַרף אויפהיטן די סטאַטישע לאַנדשאַפֿט און די אַלטע פֿאָרמען פֿון דער מזרח־קולטור, מיט וועלכע דער אייראָפּייאישער צושוויער זאָל זיך קוויקן. אויך לויט טאָיינבין איז דער „יידישער פֿאָסיל", דער פֿאַרשטיינערטער צווייג, געווען אַן אינטעגראַלער טייל אין דער קולטור־ראָם פֿון דער קריסט־לעכער אייראָפּע, אַן דעם „פֿארשטיינערטן טייל" וועט עפּעס פֿעלן אין דער אייראָפּייאישער קולטור־לאַנדשאַפֿט...

אין סך־הכל האָט זיך דער ענגלישער היסטאָריקער באַוויזן, אין זיין צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע, ווי אַ דורכאויס־רעאַק־ציאָנערער שרייבער, ווי אַ רעליגיזער קריסט, וואָס האָט שטאַרק ליב „דאָס בוך פֿון די ביכער" — די ביבל — און האָט שטאַרק ניט ליב דאָס פֿאָלק, וואָס האָט דאָס בוך געשאַפֿן.

ריינהאָלד ניבור — זיין סאָציאַל־ראַדיקאַלער באַנעם

ווען ריינהאָלד ניבור איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע ערשטע שריפֿטן אין וועלכע ער האָט געפּריידיקט, אַז אַ רעליגיעזער אידע־אַליזם איז אַן אָרגאַנישער זיווג מיט אַ געזונטן סאָציאַלן ראַדיקאַליזם, האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז אים דערוואַרט דער זעלבער טראַ־גישער גורל ווי אַנדערע רעליגיעזע סאָציאַליסטן, וועלכע זוכן אַ סינטעז צווישן רעליגיע און מאַרקסיסטיש־סאָציאַלאָגישער אָריענ־טאַציע. אויף די אַלע רעליגיעזע סאָציאַליסטן קען מען, אין אַ געוויסן זינע, אָנווענדן דעם באַקאַנטן וואָרט פֿון סט. פּאולן: „מיר פּריידיקן דעם געקרייציקטן, — אַ שפּאָט פֿאַר די העלענער און אַן ערגערניש פֿאַר די אידן. די רעליגיעזע סאָציאַליסטן וואָלטן דאָס אייגענע גע־קענט פֿאַראַפֿראַזירן אַזוי: מיר פּריידיקן די פֿאַראייניקונג פֿון רעליגיע און סאָציאַליזם — אַ שפּאָט פֿאַר די סאָציאַליסטן; אַן ערגערניש פֿאַר דער פֿרומער וועלט.

ווי מענטשן מיט אַ נייעם וואָרט פֿאַר ביידע אַליין נאָך פֿרעמדע

און פײַנטלעכע וועלטן האָבן זיי זיכער אַ רעכט צו פרײדיקן זייער נייעם גלויבן און זיין גרייט צו האָבן דעם סוף פון דעם אַפּאָסטאָל פון קריסטנטום, עס הייסט ארויסגעשטויסן ווערן פון איין צד און פאַרפייניקט ווערן פונעם אַנדערן.

דער גורל פון די רעליגיעזע סאָציאַליסטן (צו דערמאָנען די מער וויכטיקע: לעאָנהארד ראַגאַץ פון דער שווייץ, נ. בערדייעוו פון רוסלאַנד, בלומהאַרדט און טיליך פון דייטשלאַנד), איז טאַקע ביז אַ געוויסן גראַד געווען איינזאַמקייט. זיי זיינען ביז צום אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געבליבן פרעמד, סיי אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי דער לאָזונג: רעליגיע איז אָפּיום פאַר די מאַסן!״ און סיי אין דער אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזער וועלט, וואָס דענקט עד־היום אין קאַטעגאָריעס פון דעם מענטשנס אָנמאַכט און באַגרענעצטקייט פון דער וועלט מיט אירע דאָאיקע דאגות און שטרעבט זיך נאָר צענויפגיסן מיט דעם גייסטיקן יסוד פון דער וועלט.

ניבור׳ס גורל איז אָבער פון אָנהייב אָן געווען אַ מער גליקלעכער. די יסודות פון זיין רעליגיעז־סאָציאַלן באַנעם זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער סאָציאַליזם, די עקאָנאָמישע גערעכטיקייט און זיין דינאַמיש־טעאָלאָגישער אויסטייטש פון דער קריסטלעכער עטיק אָדער ווי ער אַליין האָט עס שפּעטער באַצייכנט: „ביבלישער רעאַליזם״, זיינען געווען אָרגאַניש צענויפגעוואָקסן, אַז זיי שטאַמען ביידע פון איין וואָרצל.

נאָך זייענדיק אַ גייסטלעכער — אין דער עוואַנגעלישער בית־אל קירך אין דעטראָיט — האָט ער זיך פון אָנהייב אָן ניט פאַר׳קנסט מיטן קרייז, מיט דעם. געוויסן פון דער וועלט, נאָר האָט די באַשטאַנדטיילן פון זיין רעליגיעז־ראַדיקאַלן סינטעז פאַראייניקט אין איין פּסיכאָלאָגישן גאַנצקייט־געפיל, (די מיטגלידער פון זיין קאָנגרעגאַציע האָבן מסתמא שוין דאַן ווייניק געלערנט פון זייער „פּאַסטוך״ וועגן דער וועלט פון אייביקייט, זיי האָבן אָבער דערפאַר זיכער אָפט געהערט פון אים דעם „באַנאַלן״ כלל־גדול, אַז ברויט צום עסן, מיני־

מאַלע עקאָנאָמישע באַפרידיקונג, קומט יעדן לעבעדיקן נפש, און ווען איינער האָט עס ניט, זיינען פאַר דעם פאַראַן צוויי סימנים: איינס, אַז שטאַרקערע פון אים האָבן אים באַרויבט פון דער דאָזיקער רעכט, און אויך אַ סימן, אַז אַזאַ געזעלשאַפט איז. — אַ גאָטלאָזע).

אַז ניבור האָט שוין דאַן געזוכט מער דעם לעבעדיקן גייסט ווי דעם טויטן אות, איז צוזען פון זיין ערשטן בוך „בלעטלעך פון אַ טאָגבוך פון א געצוימטן ציניקער״ (ליוווס פראָם דהי נאָוט בוק אָוו עי טהעימד סיניק״), און זיינע אנדערע ווערק פון פון די שפּעטע צוואַנציקער און פריע דרייסיקער יאָרן.

ניבור׳ס ערשטע ווערק זיינען פון יענע ווערק וואָס האָבן געלאָזט א צייכן אין דער געשיכטע פון רעליגיעזן און סאָציאַלן געדאַנק, דאָ האָבן מיר פאַר זיך צום ערשטן מאָל דערזען א מענטשן מיט אַן אייגענעם צוגאַנג צו רעאלע סאָציאַלע פּראָבלעמען און צו קריטישער פילאָסאָפיע.

ניבור׳ס צוטריט שטעלט מיט זיך פאַר א מין סינטעז, אַ שטרעבן צו ברענגען אין האַרמאָניע די רעזולטאַטן פון אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען מיט די פאָדערונגען פון סוביעקטיווע אידעאַלן, וואָס האָבן פון דורות אָן באַגייסטערט דעם בעסערן טייל פון דער מענטשהייט: די אידעאַלן פון גערעכטיקייט, מענטשן־ליבע און, דער עיקר די שטרעבונג צו אַזאַ גערעכטן סאָציאַלן סדר, וואָס זאָל פאַרזיכערן דאָס גרעסטע מעגלעכע גליק פאַר דער געזעלשאַפט.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט ניבור, ווי געזאָגט, געזען דעם ריין־אָביעקטיוון צוגאַנג אין מאַרקסיזם, און דעם ריין־סוביעקטיוון — אין דעם עטישן מאָנאָטעאיזם פון די העברעאישע נביאים און די ערשטע לערער פון קריסטנטום. דערביי איז אָבער צו באַמערקן, אַז דער רעליגיעזער ראַדיקאַל איז פון אָנהויב אָן ניט געווען קיין אוטאָפּיסט־אידעאַליסט; זיין קריטיק אויף דער קירך און אויפן בורזשואַזן ליבעראַליזם האָט ביי אים געטראָגן קלאָרע סימנים פון אַ מאַרקסיסטישן באַנעם.

אַ פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע, אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם אקאַדעמישן ליבעראַליזם און טעאָלאָגישער קאָנסערוואַטיוו־

קייט, האָט דער מענטש מיטן אָפענעם בליק אויף דער וועלט און אירע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען, אָנגעהייבן קוקן קריטיש אויף ביידע גייסטיקע צענטערס פון דער אַקאַדעמישער אַמעריקע: די אוניווערסיטעטן און די קירכן. דער אויספיר צו וועלכן ער איז געקומען אין זיינע ערשטע ווערק, נאָך ערנסטע שטודיעס און שטיין אין צענטער פון פּאָליטישן ראַדיקאַליזם אין אַמעריקע, זאָגט עדות אויף זיין אַנטי־דאָגמאַטישקייט און זעלבסטשטענדיקן געדאַנק.

לאָמיר איצט באַטראַכטן ניבורס אויפפאַסונג פון דער געשיכטע און זיין פילאָסאָפיע פון „ביבלישן רעאַליזם".

אין איינער פון זיינע פּרעקטיקע האָמילעטישע עסייען אין זיין בוך „פון יענער זייט טראַגעדיע" (ביאָנד טראַדזשעדי), באַהאַנדלט ניבור די אינטערעסאַנטע דערשיינונג, וויאַזוי יעדער רעליגיעזער רענעסאַנס האָט זיך אויסגעבילדעט פון טראַגישע געשעענישן אין דער געשיכטע.

די נביאים האָבן גערעדט בעת'ן פאַנאַנדערפאַל פון יידישן שטאַטס־לעבן; קריסטנטום איז געבוירן געוואָרן ביים אונטערגאַנג פון דער רוימישער קולטור; די רעפאָרמאַציע, דער פּראָטעסטאַנטיזם, איז אויפגעקומען מיטן זינקען פון פעאָדאַליזם.

די טראַגעדיע איז געווען דער סטימול אינעם גאַנג פון דער געשיכטע. ניבור באַהויפּטעט, אַז עס איז דאָ אַ זינדיקער אורגרונט אין מענטשן און דעריבער אויך די אומפאַרמיידלעכקייט פון קאָרופּציע אין אַלע אָרדנונגען און סיסטעמען. אויסגעזעצט צו זינד, און דערפאַר אויך צו טראַגעדיע און דורכפאַל, איז יעדער סאָציאַל־פּאָליטישער סיסטעם, וועלכער מיינט, אַז דער אָדער יענער שיכט, די אָדער אַן אַנדער אָרדנונג וועט שוין אויטאָמאַטיש ברענגען די גאולה שלימה.

יעדע תקופה אין דער וועלט־געשיכטע האָט „געזינדיקט" מיט אָפּטימיזם", מיט דעם וואָס זי האָט ניט איינגעזען, אַז פונדאַמענטאַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען, קענען פונדאַמענטאַל ניט געלייזט ווערן, זיי קענען בלויז טיילווייז רעאַליזירט ווערן.

ניבור באַזירט זיין געדאַנק אויף דעם ביבלישן טעקסט: „פאַרשאָלטן איז דער מענטש וואָס מאַכט פלייש זיין שוץ״ (ירמיהו). און ער רעכנט אויס די פאַרשיידענע פּעריאָדן אין דער געשיכטע. דאָס קלאַסישע גריכנטום מיט זיין פּראָמעטעאישן געניוס, מיט די קונסט־טעמפּלען, מיט איר אַריסטאָקראַטיע און ציוויליזאַציע, וואָס איז פאַרשוואונדן מיטן אויפקום פון קריסטנטום און טיילוויז אַ דאַנק אים.

ווען די גריכישע ציוויליזאַציע צוזאַמען מיט איר שקלאַפן־ווירטשאַפט איז אויסגעגאַנגען האָט זיך אויף איר אָרט אויסגעבויט דער פעאָדאַלער סיסטעם, וואָס זיין סאָציאַלער פּרינציפּ איז געווען די הערשאַפט פון פּריץ איבערן לאַנדקנעכט און איר גייסטיקער אויס־דרוק דעם הייליקן אויגוסטינוסעס „שטאָט פון גאָט״, אָבער אויך דער פעאָדאַליזם, ווי דער רוימישער צעזאַריזם און דאָס גריכנטום, פריער, האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן הערשן אייביק. אונטערגעגאַנגען איז אָבער די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע, דער קלאַס פון די „וואויל־געבוירענע אַדל־לייט״, צוזאַמען מיט דער אַבסאָלוטער הייליקייט פונעם פּויפּסט, בלויז דערפאַר ווייל די דאָזיקע מאַכט האָט צופיל גע־גלויבט אין איר אייגענעם כח.

און די בורזשואַזע עפּאָכע, די תקופה פונעם רייכן געשעפטס־מאַן, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אויף די חורבות פון דעם פעאָדאַל־קירכלעכן רעזשים האָט אויך געגלויבט, אַז זי איז אַן אייביקייט, ביז עס איז אויפגעקומען דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט, און איצט זייַנען מיר עדות פון אַ מצב אין וועלכן די בורזשואַזע עפּאָכע גוסס׳ט אין די מוראַדיקסטע קאָנוואולסיעס. „פאַרשאָלטן איז דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אַפן מענטשן״ — מעג דער דאָזיקער מענטש זיין דער מאַן פון חכמה, — דאָס גריכנטום; אָדער דער מאַן פון גבורה און הייליקייט — דער פעאָדאַליזם מיט דער קירך — אָדער דער מאַן פון עשירות, — די בורזשואַזיע...

ניבור׳ס אויספיר איז דעריבער די הנחה, אַז דער אמתער בטחון איז ניט דער אַבסאָלוטער גלויבן און דאָס שטיצן זיך אויף דעם ציוויליזאַטאָרישן כח, נאָר דער גלויבן אין „העכערן און אַל־געמיינעם חסד״ („קאַמאַן גרעיס״), וואָס מוז קומען נאָך יעדער גרויסער אַנטוישונג, ווען אַלע אוטאָפּיסטישע אילוזיעס ווערן צעש־

מעטערט אין די פעלזן פון דער האַרטער ווירקלעכקייט.

דער דאָזיקער „אַלגעמיינער חסד” אי זאָבער ניט בלויז קיין מיסטישער און איבערנאַטירלעכער, ער איז אַזוי צו זאָגן, אַ רעאַליסטישער. ער גלויבט אַז עס איז ניטאָ די לייזונג, עס זיינען אָבער יאָ דאָ לייזונגען. ניבור איז ניט פון די מענטשן פון קאַזיאָנעם אָפּטימיזם. זיין טעאָלאָגיע איז ווייט פון פערפעקציאָנערער פרומקייט און סטאַטישקייט, און זיין סאָציאַליזם פעלט יענער נאַאיוועט, אָפּטימיסטישער גרונט־טאָן, מיט וועלכן אפילו טיילן פון מאַרקסיזם זיינען געווען דורכגעדרונגען. דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם, איז אַ צייט אויך געווען דורכגעדרונגען מיט אַ גלויבן אין אין דער אַלץ־קראַפט, וואָס וועט באַפרייען דעם מענטשן פון אלע זיינע קלעמען. כאָטש אַן אָנהענגער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אין זינען פון דער נויטווענדיקייט פון היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס רעגולירן די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן, איז ער אָבער אַן אַבסאָלוטער קעגנער פון גלויבן אין מאַקסימאלער דערלייזונג און באפרייאונג פון מענטשלעך לעבן פון קאָנפליקט און דראמע. זעענדיק דעם מענטש אין זיין גאנצן טראגיזם, אין דער „קאָרופּציע, וואָס ליגט אין דער נאַטור”, איז ער אָבער אויך דורכגעדרונגען מיטן באוואוסטזיין, אַז „דעם מענטשנס קאַפּאַציטעט פאַר עגרעכטיקייט מאַכט דעמאָקראטיע (עקאָנאָמישע און סאָציאַלע) מעגלעך, אָבער דעם מענטשנס נויגונג צו אומגערעכטיקייט מאַכט דעמאָקראַטיע פאַר אַ נויטווענדיקייט”.

ניבור זעט דעם מענטשן סיי אין זיין גערעכטיקייט, און סיי אין זיין אכזריות; אין זיין גאָלדענער ריינקייט און אויך אין זיין פּסולת, וואָס שווימט ארויף זייער אָפט איבערן סאַמע אויבן פון דער ריינקייט. דאָס ערשטע דאַרף מען בענטשן; דאָס צווייטע — אויפדעקן און וואָס פאַראינטערעסירטער ארייננדרינגען אין דער טיף פון די היסטאָרישע פּראָצעסן, ארויסשלעפּן פאַר דער אָפנקייט די אכזריות, די בלינדקייטן, די סתירות, די בלוט־און־מאַכט־תאווה׳עס, וואָס לויפן דורך די אָדערן פון דער געשיכטע.

מען קען ניט נעמען אלע זייטן פון די פילקייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור און ארייננקוועטשן זיי אין אַ באַשטימטער פורעם. מע

דאַרף אויפשפּאַלטן דעם רעאַלן, דעם ערדישן פּורעם אָבער אויך בלייבן אינעווייניק אין די געשעענישן און זיי באַווירקן. די רעליגיע קען באַווירקן דעם מאַרקסיזם, דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אים באַפליגלען, זי קען אים אָנטאָן אַלע שטראַלן און אַלע פאַרבן, וואָס ציען זיך נאָך פון דעם ערשטן מענטשן, זינט ער האָט צום ערשטן מאָל ארויסגעזונגען זיין עקסטאַז און זיין פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג, קעגן עוולות אויף דער ערד.

דעם מענטשנס ליידנשאַפטלעכע און אָפטמאָל פאַרצווייפלטע האָפנונג אויף אַ נייער וועלט; זיין רייסן זיך פון פינצטערן קלעם צו ליכטיקייט פון געמיט, שטימען זיי מיט די מאָטיוון פון קלאַסנקאַמף, און זיינע פאָלגן, מיט דער רשעות, וואָס ווערט באַגאַנגען אין נאָמען פון אויסלייזונג? לויט דער דיאַלעקטישע טעאָלאָגיע פון ריינהאָלד ניבור'ן, מוז מען זאָגן: יאָ! די סומע פון טרויער איז טויזנט מאָל גרעסער פאַר דעם ביסל פרייד, וואָס איז אויסגעטיילט דעם מענטשן אויף דער ערד, אָבער יעדער טרויער רייסט זיך צו פאַרוואַנדלען אין פרייד, און אין דער טראַגעדיע פון דער געשיכטע ליגט די גאַראַנטיע אַז דאָרט קען מען געפינען דעם ווייזצייכן פון יענעם פאַרבאָרגענעם וועג, וואָס פירט צו גערעכטיקייט, ליבע און שלום.

אויב עס איז באַשערט, אַז אַ נייע וועלט זאָל אויפקומען פון איצטיקן גרויסן געראַנגל, וועט זי געשאַפן ווערן אויפן יסוד פון די ביז אַהעריקע, דורך דורות געשיכטלעכע רענעסאַנסן, וואָס האָבן דעם לעבן פון דער מענטשהייט געגעבן אַ טיפּון יין, — אויפן יסוד, א שטייגער פון איוב, ישעיהו, ירמיהו, עמוס, האָמער, ישו, אויגוסטינוס, געטע, טאָלסטאָי דאָסטאָיעווסקי געשטאַלטן, וואָס זיינען געווען פונקט אזוי נאָענט צו צו רעליגיע ווי צו גרויס רעאַליזם. זיי און נאָר זיי האָבן געקערעוועט די געשיכטע צו מער העלקייט.

ראזע לוקסעמבורג און די ליטעראטור

יקינטות ואירוס ושחלב וסמבוק,
צפרים השטות ושרות ברמה.
אקרא טוריך כתבת בבית כלאך ..
ואתמה, האותך הימיתו, שלמה?

תספרי על פרחים, תתגעגעי לשמש,
תחבבי אנשים עת דרך בתוכם...
האת הסכנה הגדולה לאנשים
שנבהלו ככה וחגרו כל כחם?

לי נדמה, עת תקע השונא בך חרבו
לא שפך אָז דם כי אם ריחות של פרחים...
ואם גם עוד ישכח כל דם אשר הגיר,
זה שפך הריחות יענו לנצחים.

(ישראל **אפרת, שירים**, 1932).

אפילו ווען איך וועל בלייבן פאַרשפּאַרט אין תפיסה, וועלן אַלץ זיין די פויגל, די בלומען און די פעלדער...מיר מוזן אויפנעמען דעם אמת פון דער וועלט, דעם גאַנצן אמת, דערפאַר רעדן צו מיר אזויפיל די אָפענע פעלדער.." (**וואַלדאָ פראַנק, דער טויט פון דעיוויד מאַרקאַנד**, 1934).

ראָזע לוקסעמבורג איז אַ וועג־ווייזערישער באַגריף אין דער געשיכטע פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פאַר זיין באפרייאונג און דערלייזונג. לוקסעמבורג איז געווען „די שווערד און די פלאַם" פון „ספּאַרטאַקוס־בונד"; די גלענצענדע טעאָרעטיקערין און פירערין פון דייטשן ארבעטער קלאַס אין קאַמף קעגן מיליטאַריזם; די פארפאסערין פון „אַקוקולאַציע פון קאַפּיטאַל",

„מאַסן־שטרייק״, „רעפאָרם און רעוואָליוציע״, איז אויך געווען אַ שעפערישע ליטעראַטור־קריטיקערין. די ארויסגעזאָגטע געדאנקען וועגן שרייבער און ווערק און וועגן דער סאָציאַלער שליחות פון ליטע־ראַטור ,וואָס מיר געפינען אין אירע עסייען, און „בריוו פון תפיסה״, בלייבן אין אוצר פון דער ליטעראַטור קריטיק.

דריי ליטעראַריש־קריטישע דאָקומענטן האָט ראָזע לוקסע־בורג געלאָזן אין איר וועלטפולער ירושה: אַ גרעסערע עסיי „די נשמה פון דער רוסישער ליטעראַטור״, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אירע טורמע־יאָרן און איז אַן אריינפיר צו איר דייטשער איבער־זעצונג פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ׳ס „די געשיכטע פון מיין בן דור״, דאָס איז אַ דיאַלעקטישע באַלייכטונג פון דער רוסישער קלאַסיק; דריי עסייען וועגן גאון פון דער רוסישער ליטעראַטור לעוו טאָלסטאָי און קריטישע ארבעטן וועגן פרידריך שילער און דעם נאַציאָנאַלן דיכטער פון פוילן אדאם מיצקעוויטש.

אין אירע תפיסה־בריוו זיינען אויך צעוואָרפן הונדערטער פערל, ארויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן די שרייבער און דיכטער געטע, באַלזאַק, זאָלאַ, טורגעניעוו, הויפטמאַן, אַנאַטאָל פראַנס, ראָמען ראָללאַן, גאַלסוואָרטי, בערנאַרד שאָו און ליטעראַטור בכלל.

די עסייען וועגן טאָלסטאָיען דערגרייכן ניט די טיפקייט און אַלזייטיקייט פון דער ארבעט וועגן דער רוסישער ליטעראַטור און ניט צו דער סענסיטיווער לירישקייט און טרעפלעכער אַפאָריסטישקייט פון די „תפיסה־בריוו״, אָבער דורך אַלע דריי ארבעטן דערזעען מיר די ליטעראַטור קענערין און קריטיקערין וואָס האָט אין דער קונסט בכלל און דער ליטעראַטור בפרט, געזען אַ סאָציאַלע שליחות.

ווי ברייט עס זאָלן ניט געווען זיין אירע ריין־קינסטלערישע אינטערעסן, פארמאָגנדיק אַ פיינעם ראפינירטן געשמאַק פאר די מאָדערנסטע פאָרמען פון קינסטלערישן שאַפן (אירע באַמערקונגען אין די בריוו וועגן עקספרעסיאָניסטישער מאָלעריי), האָט זי זיך אָבער באַין־אופן ניט געלאָזט פארפירן אויף די ריין־עסטעטישע שטעגן ,וואָס זיינען עלול צו פאַרשטעלן דאָס עיקר׳דיקע, דאָס וועזנ־טלעכע, דעם אינהאַלט.

וועגן ליטעראַרישן וועלט־גאון טאָלסטאָי עקזיסטירט אַ גאַנצע

ליטעראַטור .עס זיינען געמאַכט געוואָרן גענוג פּראַוון צו אַנאַליזירן טאָלסטאָי׳ס שאַפן פון היסטאָרישן און געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. עס איז, צום ביישפּיל, באַקאַנט די טיפע און ארומנעמענדיקע אָפּשאַצונג וועגן טאָלסטאָי פון ג. לענין. ראָזע לוקסעמבורג האָט אין אירע טאָלסטאָי־שטודיעס באַוויזן ווי מען דאַרף קריטיש צוגיין צו דער ירושה פון לעוו טאָלסטאָי.

גלייך ביים אָנהויב פון איר ערשטן אַרטיקל, געווידמעט אַ יובילעי פון טאָלסטאָיען, זאָגט ר. ל.

ניט רוסלאַנד אַליין, נאָר די גאַנצע סאָציאַלע געשיכטע פון דעם יאָרהונדערט, שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין שאַפונג. אין דער ירידה־עפּאָכע פון בורזשואַזער קונסט, וואָס קען זיך שוין מער ניט דערהויבן — אין איר אינערלעכער פלאַכקייט — ניט צום גרויסן ראָמאַן און ניט צו דער גרויסער דראַמע — האָט טאָלסטאָי׳ס מעכטיקע קונסט־מיטלען. טאָלסטאָי האָט אין די טויזנטער געשטאַלטן וואָס פאַרפולן זיינע ווערק, געזען און געשילדערט אַ פאַרבן־רייכע באַוועגלעכע מאַסע פון אַלע קרייזן אין דער געזעלשאַפט".

שוין אָט דער געדאַנק, אַז אַ גרויסער קינסטלער מוז אין זיין שאַפן אָפּשפּיגלען די וועזנטלעכסטע שטריכן פון זיין צייט, דאָס הייסט ער דאַרף זיין אַ גרויסער רעאַליסט, ליגט שוין דער שליסל צו לוקסעמבורג׳ס סאָציאַל־עסטעטישן באַנעם; באַווייזט שוין, אַז ראָזע לוקסעמבורג פאַרנעמט אין פראַגן פון עסטעטיק און קאָנקרעטער ליטעראַטור־קריטיק אַ פּאָזיציע, וואָס שטימט מיט דער אָנשויאונג פון סאָציאַלן רעאַליזם, וואָס פאָדערט געבן דעם מענטשן אַלס טיפּ, וואָס איז ענלעך צו פיל אַנדערע פון אים. „דער מענטש ווערט אַ טיפּ ניט ווייל ער רעפּרעזענטירט אַ געוויסע סטאַטיסטיק פון מענטשלעכע כאַראַקטערן ,וואָס קומען פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן ,נאָר דווקא דורכדעם וואָס אין אים גופא, אין זיין כאַראַקטער און גורל, ווערן אַנטפּלעקט די אָביעקטיווע און היסטאָרישע כאַראַקטערן, די טיפּישקייט פון זיין קלאַס" (געאָרג לוקאַטש).

ווי זשע איז מעגלעך געווען, אַז טאָלסטאָי, דער רעליגיעז־

מיסטישער און אנארכיסטיש־פּאַסיווער פּריידיקער זאָל „אין דער ירידה־צייט פון דער בורזשוּאַזער קולטור" שאַפן אזעלכע גרויסע קינסטלערישע ווערק?

אויף דעם ענטפערט ראָזאַ לוקסעמבורג:

„טאָלסטאָי'ס שאַפערישער כוח איז אַזוי מעכטיק, אַז ער אַליין איז ניט אימשטאַנד צו פארדארבן זיינע באַשעפענישן". דאָס הייסט אין אַנדערע ווערטער, דער גרויסער קינסטלער רעאַליסט האָט גובר געווען דעם באַגרענעצטן פּאָליטישן דענקער, אָבער דער דענקער אליין, כאָטש ער האָט אָפּט ניט פארשטאַנען די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע ער האָט מיט זיין קונסט אָפּגעשפּיגלט. „באַ טאָלסטאָיען קען מען ניט אָפּטיילן דעם קינסטלער פון דער פּערזענלעכקייט. עס הייסט אויך פון דעם קערפּער. אין זייער גאַנצער דערהייבנקייט באַרייכערן ביידע איינע די אנדערע". לוקסעמבורג דערלאָזט נישט קיין מעכאַנישע פּאַנאַנדערטיילונג פונעם קינסטלער און דעם דענקען. די באַגרענעצטע עלעמענטן פון זיין סוביעקטיוון דענקען זיינען באַדינגט געוואָרן פון דער אָביעקטיווער היסטאָרישער ווירקלעכקייט וואָס איז געווען סתירות'פול, ווידערשפּרעכנדיק.

און דאָ מאַכט לוקסעמבורג אַ פאַרגלייך צווישן טאָלסטאָיען און דעם נאָרוועגישן דראַמאַטורג העינריק איבסען. זי שרייבט:

„נאָר אין דער צייט ווען באַ איבסענען אין זיינע דראַמעס געפינט דער דער גרויסען קאַמף פון זיין צייט אַ ביסל אַ משונה־נהדיקן סימבאָלישן אויסדרוק אין גראַנדיעזע זשעסטן פון קאַרליקעס און אין זייער אָפּט קוים פארשטענדלעכער שפּיל — און איבסען דער קינסטלער איז דערביי נישט זעלטן אַ קרבן פון די ניט־געראָטענע אָנשטרענגונגען פון איבסענען — דעם דענקער — איז באַ טאָלסטאָי שוואַכט דער דענקער לגמרי נישט אָפּ זיין קינסטלערישע גאונות".

אַזאַ ריכטיקן דיאַלעקטישן מעטאָד ווענדט ראָזע לוקסעמבורג אָן אין אירע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען. זי אַנאַליזירט דעם גרויסן וואָרט־קינסטלער ניט אין זיין סטאַטיק נאָר אין זיין דינאַמיק, נישט

דורך באַטראַכטן דעם אָדער יענעם בילד, העלד, טיפּ און כאַראַקטער, נאָר דורך אָנמערקן זיין קינסטלערישע גאַנצקייט. „דער שעפערישער כח טאָלסטאָי'ס איז אַזוי מעכטיק, אַז ער אליין איז ניט אימשטאַנד צו פאַרדאַרבן זיינע באַשעפענישן", — דאָס איז אַ קלאַסיש-מאַניס־טישע קאָנצעפּציע פון טאָלסטאָי'ס שעפערישן וועג, וואָס איז אַזוי ענלעך צו לענינ'ס אַרבעטן וועגן דעם גאון פון יאַסנאַיאַ־פּאָליאַנאַ.

דעם צווייטן אַרטיקל נאָכן טויט פון טאָלסטאָיען פאַרענדיקט זי מיט די ווערטער:

„דאָס ווערק פון זיין לעבן, דאָס איז א שטיק קולטור און דער באַוואוסטזיניקער ארבעטער־קלאַס, דער צוקונפטיקער יורש פון דער מענטשלעכער קולטן, בויגט איין מיט דרך־ארץ און דאנק־באַרקייט זיינע פענער באַם קבר פון גרויסן קינסטלער, וועלכער האָט אויף זיין שטייגער געשטריטן קעגן עקספּלואַטאַציע און אונטער־דריקונג און ביזן טויט ניט געגאַנגען אויף קיין שום פשרות".

פאַראַן געוויסע קינסטלער פאַר וועלכע דער קריטיקער בלייבט שטיין און האָט ניט וואָס צו זאָגן, ווייל דער מענטש אינעם קינ־סטלער, אָדער דער מענטש אויסערן קינסטלער, פאַראינטערעגירט אים. עס איז זעלטן אַז מענטש און קינסטלער זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין גאַנצקייט. אַזאַ מין מענטש־קינסטלער איז געווען דער רו־סישער שרייבער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ.

יעדער קינסטלער, דערקלערט לוקסעמבורג אין איר ווערט־פולער אַרבעט „די נשמה פון דער רוסישער ליטעראַטור — האָט אַ כוונה. פּושקין האָט מיט זיין וואָרט געשטרעבט אָנצוצינדן דאָס מענטשלעכע האַרץ; דאָסטאָיעווסקי האָט אויפגעטרייסלט דעם מענש־לעכן געוויסן, ארויסגעגראָבן פון זיינע טיפענישן דאָס שוואַרצסטע, טונקלסטע. אָפּגרונטיקסטע. קאָראָלענקאָ'ס וועלט איז אינגאַנצן אַ ליכטיקע. זיין וועלט איז דורכאויס אַ געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַל־עטישע. ערד פאַרן פויער, גלייכהייט פאַר אַלע בירגער, ברידער־לעכקייט פאַרן מענטש, יושר פאַר פעלקער, שלום — אַלץ קאָנקרעטע

אידעאַלן, וועלכע דאַרפֿן פאַרווירקלעכט ווערן. קאָראָלענקאָ האָט געהאַלטן אַז „דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן צוליב גליק, ווי דער פֿויגל צוליב פֿליען". דאָס ווערט באַזונדער קלאָר אין זיין „געשיכטע פֿון מיין צייט־גענאָסע".

דער שרייבער באַהויפּטעט, אַז דאָס וויכטיקסטע מיט וואָס זיין דור טיילט זיך אויס פֿונעם פֿאַריקן באַשטייט גראַד דערין, וואָס זיין דור איז געווען פֿאַרכאַפּט „מיט דעם בייסנדיקן, שווערן, נאָר שע־פֿערישן באַוואוסטזיין פֿון אַלגעמיינער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט". אין דער צייט ווען אַפֿילו פֿאַר די בעסטע מענטשן פֿונעם פֿאַריקן דור איז דאָס דאָזיקע געפֿיל געווען פֿרעמד; יעדער האָט געהאַלטן, אַז ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך נאָר פֿאַר זיינע מעשים, און די אחריות פֿאַרן גאַנג פֿון די געשעענישן, פֿאַר דער לעבנס אָרדנונג איז גע־לעגן אויף דער עלטסטער נאַטשאַלסטוואָ, אויפֿן קיסר, אויף גאָט".

די דאָזיקע שטריכן פֿון קאָראָלענקאָ׳ס שאַפֿן באַווייזט ר. ל. אין איר גלענצענדיקן אַריינפֿיר צו זיין אויטאָביאָגראַפֿיע.

קאָראָלענקאָ׳ס רעגירונגס־באַאַמטער אין זיין ,געשיכטע" איז געמאָלן מיט אַזויפֿיל קינסטלערישער סימפּאַטיע און ליבהאַרציקער פֿאַרשטענדעניש, אַז עס קען פֿאַרגליכן ווערן בלויז מיט דער שטראַליקער שיינקייט און ברייטהאַרציקייט פֿון דיקענסן, זאָגט לוקסעמבורג, אָבער זי אונטערשטרייכט באַלד, אַז דער „דיקענס סענטימענטאַליזם, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן דעם בורזשואַזן שטעמפּל, איז אינגאַנצן אַנדערש ווי קאָראָלענקאָ׳ס.

קאָראָלענקאָ׳ס נשמה איז אַ טאָכטער פֿון דריי נאַציאָנאַליטעטן: אוקראַאינער, פּוילישע און רוסישע, אָבער דער געזונטער הומאַניזם האָט אים געהאָלפֿן בייקומען די נאַציאָנאַליסטישע באַגרענעצטקייט און, מערקווירדיק, ווי דווקא פֿון דער זעלבער הומאַניסטישער אינטערנאַציאָנאַלקייט אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז קאָראָלענקאָ ווי אַ טיפּישער רוסישער קינסטלער. „ער איז אפֿשר דער נאַציאָנאַלסטער שרייבער צווישן די גרויסע רוסישע ליטעראַטן. ניט נאָר האָט ער ליב זיין לאַנד, נאָר ער איז ממש פֿאַרליבט אין לאַנד, פֿאַרליבט

אין איר נאַטור און אין דעם פאַרבאָרגענעם חן פון יעדער ווינקל אין דער רחבות׳דיקער מדינה״.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַרגלייך וואָס לוקסעמבורג מאַכט צווישן קאָראָלענקאָן און דעם שאַפער פון סאָציאַלן רעאַליזם מאַקסים גאָרקי. פון קינסטלערישן שטאַנדפונקט זיינען די צוויי שרייבער ביז אַ געוויסן גראַד פאַרשיידן. אָבער לוקסעמבורג גיט אונז דעם סאָציאַלן הינטערגרונט פוןביידע וואָרט־קינסטלער, וועלכע זיינען פאָרשטייער פון צוויי פאַרשיידענע דורות. ,,זייער פאַרשיידענער אָפּשטאַם איז דער שליסל צו זייער פערזענלעכקייט. קאָראָלענקאָ זעט אין צענטער פון אַלע פאַסירונגען דעם פויער, און גאָרקי שטעלט אַוועק אין צענטער דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריער און זיין שאָטן, דעם לומפּן פּראָלעטאַריער. באַ קאָראָלענקאָן דינט דער פייזאַזש, ווי די נאַטירלעכע ראַם פאַר דער דערציילונג; באַ גאָרקי׳ן איז די ראַם די קוזניע, די קעלער־שטוב, דאָס אַזיל־הויז פאַר די אָרעמע, היים־לאָזע״.

אין דער גרעסערער אַרבעט ,,די נשמה פון דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס איז אַ חרעכטיקער סינטעז פון אַנאַליז און אימפּרעסיע — וויקלט ראָזע פאַנאַנדער די גאַנצע ליכטיקע מגילה פון דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס זי באַצייכנט ווי אַ ,,העראָישע ליטעראַטור״, אַ ליטעראַטור, וואָס טראָגט אַוועק דעם לייענער אין דער ליכטיקער האַרמאָניזאַנטאַלישקייט פון די מענטשלעכע אידעאַלן, שאַפט באַ אים יענע שפּירונגען, וועלכע גיבן אַ באַגריף וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די העלדן, וואָס איז גלייכצייטיק די פּסיכאָלאָגיע פון גאַנצע שיכטן.

אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, אַנגעוויזן אויפן רעגולאַמענט פון דער תפיסה(אירע בריוו גייען דורך א שטרענגע צענזור), אַרבעט זי אינטענסיוו איבער דער רוסישער ליטעראַטור: דאָס־טאָיעווסקי, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, גאָגאָל, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ, גאָרקי.

ווי אַ מין קרעדאָ קלינגען אירע ווערטער וועגן דער רוסישער

ליטעראַטור: „זי (די ליטעראַטור) האָט געשלעפּט מיט אַן איבער־מענטשלעכער קראַפט די סאָציאַל־פּאָליטישע קייטן פון דער צייט, כדי זיי צו פאַנאַנדעררייסן. די דאָזיקע ליטעראַטור האָט זיך גע־ריסן פון די קייטן, וואָס האָבן זי פאַרוואונדעט און האָט באַצאָלט מיטן דם התמצית פון איר הארץ". און נאָך אַ ריי גלענצנדיקע אַנאַליזן וועגן די דערמאָנטע קלאַסיקער, פאַרענדיקט זי מיטן געדאַנק, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור פאַרבלייבט גרויס און אייביק, ווייל זי האָט געהאָלפן, לויט וואָלט וויטמאַנ׳ס אויסדרוק, „דעם וואוקס פון דער מענטשהייט", און איר עסטעטישער ווערט איז געקומען פון דער אמת׳דיקייט. „די דאָזיקע ליטעראַטור — פאַר־ענדיקט זי — איז אינגאַנצן אמת, ווי אמת עס איז דאָס לעבן פון אירע שאפער".

די צענדליקער באַמערקונגען וועגן שרייבער און ווערק, וועגן מוזיק און מאָלעריי אין לוקסעמבורג׳ס בריוו, גיבן אונז די מעג־לעכקייט אריינצובליקן אין אידייאיש־קינסטלערישן וועזן פון דער דיכטערין, קעמפערין און קריטיקערין, וועמענס גליאיקער הומאַניס־טישער פלאַם האָט געפירט מיט איר שאַרפער און בלענדיקער פען.

פון די בריוו ווערט קלאָר, אַז אין לוקסעמבורג׳ן האָבן זיך איוף אַ גליקלעכן אופן פאַראייניקט אַלע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען נויטיק אַ גרויסן קריטיקער אין די אנטשיידנדיקע מאָמענטן פון דער אַנטוויקלונג פון א ליטעראַטור: פיינער עסטעטישער געשמאַק; עכטער געפיל פארן נייעם אין לעבן און אין דער קונסט; קראַפט פון קינסטלערישער איבערלעבונג; קאָלאָסאַלער ליטעראַרישער טאַ־לאַנט, וועלכער דערטראָגט די דאָזיקע איבערלעבונגען צום לייענער; פאַראַלגעמיינערנדיקער פילאָסאָפישער געדאַנק און דיכטערישע פאַנ־טאַזיע. אוועקשטעלנדיג דאָס לעבן העכער פון דער קונסט. דער־קלערט ר. ל. אַז עס זיינען איר פרעמד די עסטעטיקער, וואָס האָבן ניט קיין אויג פארן מענטשנס פּיין. אין א בריוו צו סאָניע ליב־קנעכט דריקט זי אויס איר גאַנצע פאַראכטונג צו דער עסטעטישער צאַצקעניש מיט „קונסט פאַר קונסט".

פון צייט און דויער

„ביי זיי אַלעמען (די דייטשע דיכטער, ווי סטעפאַן געאָרגע) האָב איך מורא פאַר דער מייסטערהאַפטער באַהערשונג פון פאָרם, די פאָעטישע אויסדרוק־מיטלען און דאָס פעלן פון א גרויסער איי־דעלער וועלט־אָנשויאונג דערביי. דער דאָזיקער מאַנגל קלינגט אָפט אַזוי ליידיק אין מיין נשמה, אַז די שיינע פאָרם קוקט מיר אויס ווי אַ גרימאַסע. זיי גיבן געוויינלעך שטימונגען, אָבער שטימונגען מאַכן נאָך ניט קיין מענטשן".

אָט דער געדאַנק, אַז „שטימונגען מאַכן נאָך ניט קיין מענטשן" האָט געפירט דער עטישער עסטעטיקערין צו רעוואָלטירן קעגן די פאָרמאַליסטן, וואָס האַלטן, אַז ליטעראַטור, האָט ניט צו טאָן מיט אידייאישע ווערטן. אַלס ביישפּיל נעמט זי די צוויי וואָרט־מייסטער: דעם געוועזענעם דייטשן סאָציאַלן דראַמאַטורג גער־האַרד האַופּטמאַן און דעם פראַנצויזישן ראָמאַניסט אַנאַטאָל פראַנס.

„האַופּטמאַנס ,עמנואל קווינט' איז די בלוטיקסטע סאַטירע אויף דער מאָדערנער געזעלשאַפט, אָבער האַופּטמאַן אַליין לאַכט ניט אָפּ, ער שטייט צום שלוס מיט ציטערדיקע ליפּן און מיט ברייט־אָפענע אויגן פול מיט טרערן". און אַנאַטאָל פראַנס?

„לייענט אַנאַטאָל פראַנס' ,,די געטער זיינען דורשטיק" — שרייבט זי אין אַן אַנדער בריוו צו לואיז קאַאוטסקי — איך באַ־טראַכט עס פאַר א גרויס ווערק דערפאַר, ווייל מיט אַ געניאַלן בליק ציינט עס אָן אויף דאָס אַלמענטשלעכע: זעט ווי פון אַזעלכע יאָמער־געשטאַלטן, אָט פון אַזעלכער אַלטעגלעכער קליינינקייט ווערן אין דעם גינסטיקן מאָמענט פון דער געשיכטע, געשאַפן די ריזיקסטע מאָנומענטאַלטע געשעענישן".

אָפּוואַרפנדיק די פאָרמאַליסטישע קונצן־מאַכעריי, ווי אַ רעזול־טאַט פון מעכאַנישער מלאכה, פאַרגעסט אָבער ר. ל. ניט אונטער־צושטרייכן די ראָל פון פאָרם דערגרייכונגען.

דעם אויפגאַנג פון דער עסיי, ווי אַ קינסטלערישער זשאַנר, האָט ראָזע געהאַלטן פאַר איינער פון די וויכטיקסטע דערשיינונגען אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. די עסיי דעפינירט זי ווי אַ קינסטלערי־שער ליטעראַרישער זשאַנר, וואָס שטרעבט צו געבן קינסטלערישע

פאָרם צו געדאַנק, פלאַסטישע געשטאַלטונג צו אידייע. „די עסיי — שרייבט זי אין אַ בריוו צו איר פריינט האַנס דיפענבאַך — איז ניט ווי מען וויל זי דערקלערן פאַר אַ מין אויסדרוק פון אינטעלעקטועלער אימפאָטענץ, נאָר אַ קונסט־פאָרם אַן און פאַר זיך. זי איז באַ־דעכטיקט ווי דאָס ליד אין דער מוזיק".

טענדענץ אין דער קונסט, סאָציאַלער מיין, ציל־באַוואוסטקייט, איז אַ מעלה, אָבער ר. ל. פאָדערט אַז די טענדענץ זאָל ניט אַרויפ־געצוואונגען ווערן פון דרויסן, נאָר זאָל ארויסדרינגען פון עצם ווערק, פונעם בילד פון לעבן, פון די כאַראַקטערן פון די מענטשן וועלכע די שרייבער מאָלן.

„דער דעצידירנדיקסטער מאָמענט באַם עכטן קינסטלער איז ניט אַלעמאָל דער מעכאַנישער געזעלשאַפטלעכער רעצעפט, וועלכן ער לייגט פאָר. אַ דעצידירנדיקער מאָמענט איז דער קוואַל פון זיין קונסט, דער אידייאישער גייסט, וואָס באַלעבט אים, דעריבער זוך איך ניט אין ראָמאַן בלויז טענדענץ, נאָר קינסטלערישן ווערט".

די ווייניקע ביישפילן, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט — און מען קען זיי פאַרמערן מיט ביישפילן וועגן בערנאַרד שאָו, ראָמען ראָללאַן און אַנדערע — באַווייזן ווי גרויס און פרוכטבאַר עס איז געווען ראָזע לוקסעמבורג׳ס באַנעם פון דער ליטעראַטור. אין דער גרעסטער מאָס האָט די ליטעראַטור צו פאַרדאַנקען דער פלאַמיקער רע־וואָליוציאָנערין און אירע גייסטרייכע אַרויסזאָגונגען איבער לי־טעראַטור, דעם פאַקט, וואָס די שיינקייט האָט זי געזוכט אין דער ליטעראַטור, האָט זיך גענומען פון איר קאַמף בייציקומען דאָס מיאוסע אין דער ווירקלעכקייט גופא, וואָס ווערט רעפּראָדוצירט דורך דער קונסט. לויט דער פרעכטיקער פאָרמולע פון דעם קלאַסישן רוסישן דענקער און ליטעראַטור־קריטיקער וו. ג. בעלינסקי — „שיינ־קייט אין דער ליטעראַטור — שיינקייט אין לעבן".

אין מיסטישן „קיינעמס לאַנד"

(וועגן ב. פּאַסטערנאַקס „דר. זשיוואַגאָ")

יצא שכרו בהפסדו (פרקי אָבות)

פרייזן ברײנגען אומגליק — האָט דער פראַנצויזישער דיכ־טער געשריבן מיט הונדערט יאָר צוריק — אַן אַקאַדעמישער פּריז, אַ פּריז פאַר אַ שײן־גײסט, די אַלע טײוולאָנישע מיטלען סטימולירן בלויז צביעות... איך וואָלט זיך באַין אופן ניט געוואָלט צופּיל חברן מיט אַ מענטשן וואָס האָט באַקומען אַ פּרייז פאַר שיינע מידות. וואָס שייך די פּרעמירטע ליטעראַטן זיינען זיי בלויז אַ מיטל אָנצופילן די פייער קאַסעס פון פאַרלאַגן און בוך־געשעפטן".

זאָל פון אָנהויב אָן געזאָגט ווערן, אַז באָריס פּאַסטערנאַקס בוך „דר זשיוואַגאָ" וואָס האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פון 1959, איז ניט קיין ראָמאַן. דאָס בוך איז צום טייל אַ פּאָעטישער אויסגוס, צום טייל אַ מין כראָניק פון די פּאַסירונגען און שטימונגען פון אַ רוסישן אינטעלעגענט, אַ פאַרגלויבטער אין דער פּראַוואָסלאַוונער דאָגמע און ריטואַל, וואָס האָט דורכגעלעבט אַ גרויסע רעוואָלוציע, אַ גלאָבאַלן קריג, און האָט ניט אויפגעהערט צו בלאָנדזשען און וואָגלען צווישן אַ קראַנקן עגאָאיזם און אַ מעטאַפיזישער אַבסט־ראַקציע און געפינט אין ערגעץ קיין רו ניט, ביז ער לאַנדעט צום סוף אין אַ מיסטישן קיינעמס לאַנד.

„דר זשיוואַגאָ" פאַרמאָגט ניט קיין איין לעבעדיקן מענטשן. אַלע „העלדן" און „טיפּן" באַשטייען פון אָנגעוואָרפענע שטריכן—ערטער־ווייז געלונגענע אָבער דאָך נאָר שטריכן — פון אַ פּאָעטישן אילו־סטראַטאָר. מען זעט דאָ קיין איין מענטשן ניט, אפילו ניט אין איין

דימענסיע, אין איין פלאַך. אַלע „העלדן" רעדן און האַנדלען ווי דעם „אינזיכיסטישן" אָדער „אינדיווידואַליסטישן" אינטעלעגענט ווילט זיך זיי זאָלן רעדן אָדער האַנדלען.

ווען דר. זשיוואַגאָ זאָגט צום ביישפּיל, זייער „גייסטרייך", אַז מאַרקסיזם איז ניט קיין וויסנשאַפט... כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען מענטשן זאָלן אַזוי זיין קאָנצענטרירט אין זיך..." — ווייסט איר אַז דאָס זאָגט פּאַסטערנאַק אַליין. דערפאַר איז קיין איין מענטש און קיין איין סיטואַציע ניט איבערצייגנדיק אין פּאַסטערנאַקס ראָמאַן און אפילו ניט די הויפּט-העלדן יורי אַנדרייעוויטש און לאַריסאַ פעאָ־דאָראַוונאַ.

יורי זשיוואַגאָ האָט דורכגעלעבט די 1905 - רעוואָליוציע, געווען אויפן רוסישן פראָנט אין ערשטן וועלט־קריג און אין די יאָרן פון בירגער־קריג זיך געפונען אין „וואַלד פון די ברידער", אויף אַ שלאַכט-פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס מיט די ווייס־גוואַרדייער, — אָבער איר געפינט ניט אין זיין בוך קיין איין מאַסן־סצענע, קיין שפּור פון טיפיזאַציע, ניט פון קריג, ניט פון דער אָקטאָבער רע־וואָלוציע און ניט פון בירגער־קריג.

עס זיינען דאָ אין בוך גלענצענדע זאַצן און פיינע פּאָעטישע מאָלערייען. דאָס בעסטע אינעם בוך איז דער פּייזאַזש, די רוסישע לאַנדשאַפט, אָבער צו קיין פראָזע קומט עס ניט. (פאַרגלייך, למשל, אַזאַ שטיק „פראָזע": „שטערן און ביימער באַגעגענען זיך און שמועסן, בלומען רעדן פילאָסאָפיע דורך די נעכט, שטיינערנע הייזער האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען. ס'דערמאָנט דיך אין דער עוואַנגעליע, געדענקסט דעם הייליקן פּאָול ?").

די צענטראַלע העלדין איז, ווי דערמאָנט, לאַראַ. פּאַסטערנאַק האָט זי באַשאָנקען מיט זיין גאַנצן עסטעטישן האָב-און-גוטס מער ווי אַלע אַנדערע „העלדן" און כאַראַקטערן. אפשר טאַקע דערפאַר איז זי די אמווינציקסטנס איבערצייגנדיקע געשטאַלט אין בוך, און כאָטש די „אַפּאָליטישע" קריטיקער פרייען זיך מיט דעם „ראָמאַן

פון „ריינעם געוויסן”, וואָלטן זיי זיך דוכט מיר, געדאַרפט פילן באַליידיקט דורך אַזאַ מוסטער פון „ליבע”.

דער דאָקטאָר באַגעגנט זיך צום ערשטן מאָל מיט זיין צו-קונפטיקער געליבטער, בעת זי שיסט אויף איר אַלטן פאַרפירער קאָמאַראָווסקי. זשיוואַגאָס אָנקומען אויף דער סצענע איז אַ שטיק נודנע מעלאָדראַמע. פונדעסטוועגן ווען לאַראַ, די פאַרפירטע, האָט געזעצלעך חתונה ווערט דער דאָזיקער פאַרפירער פאַרבעטן צו דער שמחה און ער ראַטעוועט זי שפּעטער פון די „געעפּרלעכע באָל-שעוויקעס”.

„דר. זשיוואַגאָ” איז ניט בלויז קינסטלעריש אָנעמיש נאָר אויך אידעאיש פלאַך. דאָס בוך קאָן באַין־אופן ניט צוגערעכנט ווערן צו דער קאַטעגאָריע אַנטי־סאָוועטישע אָדער אַנטי־ מאַרקסיס־טישע ראָמאַנען (ווי, למשל, ארטור קעסטלערס, „פינצטערניש אין מיטן טאָג” אָדער מאַרק אַלדאַנאָווס „דער פינפטער זיגל”). זיין קריטיק אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע שטאַמט ניט פון אַן אינדיווידועל־עטישן באַנעם וואָס רעוואָלטירט קעגן דער ניוועלירונג פון דער פּערזענלעכקייט אָדער פאַרגוואַלדיקן דעם ייִד. דאָס איז אַן אינדיווידואַליסטישער סנאָביזם פון אַ מין קראַנקן באַהעמישן אינטעלעגענט, וואָס רעדט זיך איין, און וויל אַלעמען איינרעדן, אַז מען קען די וועלט ניט אויסבעסערן.

מען דאַרף ניט זוכן צווישן די שורות צו זען אויף וועלכן צד פון די צוויי זיך באַקעמפנדיקע לאַגערן (אין בירגער קריג) האָט געוואוינען די סימפּאַטיעס פונעם דאָקטאָר. וועגן די „ווייסע” שרייבט פּאַסטערנאַק: „אַלע זיינע סימפּאַטיעס זיינען געווען אויף דער זייט פון די דאָזיקע העלדיש־שטאַרבנדיקע קינדער. מיטן גאַנצן האַרצן האָט ער זיי געוואונטשן דערפּאָלג. זיי האָבן געהערט צו פאַמיליעס, וואָס זיינען זייער מעגלעך געווען משפּחה מיט אים אין גייסט, אין בילדונג, אין מאָראַלער דיסציפּלין און אין ווערטן. ס'איז אים איינגעפאַלן צו אַנטלויפן אין פעלד אריין און זיך איבערגעבן כדי זיך צו באַפרייען”. ווייסן מיר מיט וועלכן צד זשיוואַגאָ סימפּאַטיזירט,

אָדער ווען דער זעלבער זשיוואַגאָ זאָגט: „ערשטנס דער געדאַנק פון סאָציאַלער פאַרבעסערונג, ווי עס ווערט פאַרשטאַנען זינט דער אָקטאָבער רעוואָליוציע שפּייזט מיך ניט מיט ענטוזיאַזם, און צום סוף — און דאָס איז די הויפּט־זאַך — ווען איך הער ווי מענטשן רעדן וועגן איבערמאַכן דאָס לעבן פאַרליר איך גלייך מיין זעלבסט־קאָנטראָל און פאַל אריין אין פאַרצווייפלונג" — די דאָזיקע רייד שמעקן שוין מיט אַ נעבאַכדיקן סנאָביזם פון אַן אויסגעוואָרצלטן אינטעלעגענט און ס'ווערט קאַלאָמוטנע פון דער דאָזיקער שטיק „אָריגינאַלקייט" אגב איז אויך א טוכלער סנאָביזם די "גייסטרייכע כאַראַקטעריסטיק" פון די באָלשעוויקעס וואָס לאַרא גיט: „זיי זיינען געמאַכט פון שטיין די דאָזיקע מענטשן, זיי זיינען ניט מענטשלעך מיט זייער גאַנצער דיסציפּלין און מיט זייערע פּרינציפּן".

עד כאן — ביז אהער וועגן דאָס אלגעמיינע פון דעם בוך. „דר זשיוואַגאָ" האָט אָבער אויך אַן אייגענעם „פילאָסאָפישן" צוגאַנג צום יידנטום.

עס איז ממש ניט גרינג צו געפינען אין דער גאַנצער וויס־עמיגראַנטישער און רעאַקציאָנערער ליטעראַטור אַזלכע ציניש׳ע רייד וועגן יידן און וועגן היסטאָרישן יידנטום ווי אין „דר זשיוואַגאָ". פון די לאַנגע צעצויגענע פּראָזן און פאַרנעפּלטע אַפאָריזמען, וואָס מיר וועלן דאָ ניט ציטירן, וועלן מיר בלויז אויסשיילן דעם דאָזיקן דלות׳דיקן, איך בעט איבער אייער כבוד, „געדאַנקענגאַנג".:

„די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט קריסטוסן און ביז קריסטוסן האָט זיך ניט באַוויזן איז ניט געווען קיין געשיכטע נאָר בלוט און גרויזאַמקייט. ערשט נאָך זיין קומען האָבן מענטשן אָנ־אָנגעהויבן לעבן מיטן פּנים צו דער צוקונפט..."

זיין קריסטאָלאָגישע טעזע לייגט אויס פאַר פאַסטערנאַקן־זשי־וואַגאָן זיין חבר דער משומד מישאַ גאָרדאָן אויפן מלחמה־פראָנט, ווען ביידע האָבן בייגעוואוינט אַ סצענע ווי א קאָזאַק האָט זיך איז־דיעקעוועט איבער אַן אלטן הילפלאָזן יידן.

„וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט וועמען עס איז זייער מאַרטי־

רעריי? פאַרוואָס זיינען די גייסטיקע פירער פון דעם יידישן פאָלק קיינמאָל ניט געגאַנגען ווייטער פון דעם גרינגן וועלט־שמערץ און איראָנישער חכמה? פאַרוואָס האָבן זיי — אפילו מיט דער ריזיקע צו פּלאַצן ווי קעסלען אונטער דעם דרוק פון זייער פליכט — ניט פאַנאַנדערגעלאָזן די דאָזיקע ארמיי (דאָס יידישע פאָלק) וואָס האַלט אָן דעם קאַמף און ווערט געשאַכטן קיינער ווייסט ניט צוליב וואָס? פאַרוואָס זאָגן זיי ניט צו זיי (צו די יידן): קומט צום שכל, הערט אויף! האַלט ניט אָן אייער אידענטישקייט, האַלט זיך ניט צוזאַמען, צעשפּרייט זיך, זייט גלייך מיט אַלע אַנדערע מענטשן. איר זייט דאָך די ערשטע און בעסטע קריסטן אין דער וועלט... איר זייט דאָך טאַקע דאָס דער קווינטעסענץ פון קריסטעלעכקייט קעגן וואָס די ערגסטע און שוואכסטע צווישן אייך האָבן אייך אויסגעקירעוועט..."

און לארא זאָגט ארויס דעם זעלבן „טיפּן" געדאנק וואָס מישא גאָרדאָן האָט ארויסגעזאָגט פריער: „ס'איז אזוי מאָדנע, וואָס די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל באַפרייט די מענטשהייט פון דעם יאָך פון געצנדינסט, און וואָס אזויפיל פון זיי זיינען איצט פאַרנומען מיט דער באפרייאונג פון אומגערעכטיקייט, זאָלן זיין אומפעאיק צו באפרייען זיך פון זייער געטריישאַפט צו אַן אָפּגעלעבטער, פאַרצייטיקער אידענטישקייט, וואָס האָט פאַרלוירן יעדן זינען; וואָס זיי קענען זיך ניט דערהייבן איבער זיך אליין און לעזן זיך ניט אויף צווישן אַלע אַנדערע, וועמענס רעליגיע זיי האָבן געגרינדעט... איך דענק, אַז דאָס קומט טיילווייז פון אן אינערלעכער עובר־בטל'דיקייט, פון א היסטאָרישער אָפּגעלאָזנקייט... איך האָב ניט ליב זייער איראָנישן אָפּטימיזם, זייער פּראָזאאישן באַגרענעצטן אויסקוק, די פּחדנות פון זייער פאַנטאַזיע, זייער שושקען זיך אין דער פינסטער... דאָס רעגט אויף. עס איז ווי זקנים רעדן וועגן עלטער, אָדער חולאים וועגן קראַנקהייטן. דענקסטו ניט אזוי?

— איך האָב אַ פריינט, מישא גאָרדאָן, דענקט ער אויך דאָס זעלבע — ענטפערט דער דאָקטאָר זיין געליבטער.

„די ערגסטע און שוואַכסטע" צווישן די יידן האָבן זיי, נעבעך, ניט געלאָזן אָננעמען די נייע דערלייזערישע אמונה! ווער זיינען

אברהם ביק

עס טאַקע די „ערגסטע און שוואכסטע‟ אין דער יידישער געשיכטע? זאָלן מיר דאָ אויסרעכענען דעם גאַנצן צעטל יידן וואָס האָבן „אויסגעקערעוועט‟ די יידן קעגן דער אמונה פון דעם גליל׳ער סטאָליער? געננג צו דערמאָנען בלויז געציילטע אין אלע דורות: ר׳ עקיבא, ר׳ יהושע און ר׳ מאיר: רש״י און דער רמב״ן, יהודה הלוי און דער אברבנאל, דער מהר״ל פון פּראָג און משה מענדעלסאָן, דר. הערצל און שלום עליכם... דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געשטעלט מיטן רוקן צו דער לערע פון יעזוסן, די יידישע אמונה איז אַן עובר־בטל׳דיקע, דאָס איז די צענטראַלע אידעע פון פּאַסטערנאַקס אָנ־שויאונג וועגן יידנטום און דער מקור פון זייערע לײדן פון טאָרקוועמאַדאַן ביז די צארישע פּאָגראָמשטשיקעס...

פּאַסטערנאַק׳ס כוונה קען מען ארויסלייענען ניט פון זיינע באַשרייבונגען, ניט פון זיין עטישער אָדער עסטעטישער אויפ־פאסונג נאָר פון זיין טעאָלאָגיש־קריסטלעכער, פּרעדיקונג, וואָס איז אויגעליידיקט פון יעדער רעאַל־היסטאָרישן זינען.

איז פאראן עפּעס אַ טיפערע שייכות צווישן דעם גרונט־מאָטיוו פון יידישן גלויבן אין אַן אַבסאָלוטער גוטער צוקונפט, אין דעם „ביום ההוא‟, אין יענעם טאָג פון דערלייזונג, פון וועלכן עס חלומט דער יידיש־נביאישער גייסט, און דער געשטאַלט פון קריסט־לעכן משיחיזם (קריסטנטום איז, כידוע, די גריכישע איבערזעצונג פון העברעאיש, משיח — דער געזאַלבטער), אָדער איז עס ריכטיק, אז פון דעם נייעם הימל און דער נייער ערד, פון וועלכע די עוואַנגע־לישע וועלט רעדט ביז איצט, איז נישטאָ קיין איינציקער פאָדעם וואָס בינדט מיטן יידיש־היסטאָרישן משיח.

ווען מען רעדט וועגן די באַציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער עטיק, וועגן דעם נעעטערן אָדער וייטערן גראַד פון זייער קרובהשאפט, האָט מען געוויינלעך אין זינען די היסטאָרישע וואָרצלען פון קריסטנטום.

איצט קאָן מען שוין ניט באַהויפּטן, אַז ס׳קריסטנטום נעמט זיינע שרשים נאָר פון די נביאים און פון דער תלמודישער עטיק. עס איז איצט גענוג אויפגעקלערט די השפעה אויפן קריסטנטום

אויך פון די פאַרשיידענע אָריענטאַלישע רעליגיעס. מ׳קאָן אפילו זאָגן, אַז דאָס קריסטנטום איז נאָר א לעצטער רינג אין דער קייט פון דער אַלגעמיינער אָריענטאַליזירונג פון מערב: דאָס קריסטנטום, לויט זיין מהות, איז אייגנטלעך אַן אָריעטאַלישע רעליגיע, פון די העלעניסטישע מיטסטעריע־רעליגיעס (אין די קולטן פון אזיס, איזיס אזיריס, מיטרא וכדומה). שוין פאַר דעם קריסטנטום איז צוגעגרייט געוואָרן אַ באַשטימטער קרייז קרובהשע אידייען, ווי למשל: דער מיטאָס פון גאָט,וואָס שטאַרבט און שטייט אויף תחית־המתים, און חוץ דעם האָט אויף דער יידישער רעליגיע גופא געהאַט א השפעה ניט נאָר דער העלעניזם, נאָר אויך דער אָריענט. אַזוי אַז דורכפירן שאַרפע צעטיילונג־ליניע צווישן די יידישע און גריכישע עלעמענטן אין קריסטנטום איז זייער שווער. די עצם פראַגע, — וואו שטעקט מיט זיינע שרשים טיפער דאָס קריסטנטום, אין יידנטום אָדער העלעניזם, — קאָן אייגענטלעך גאָרניט געשטעלט ווערן.

לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳קריסטנטום איז באמת אַ דירעקטער המשך פון תנכישן יידנטום, וואָס איז דען דער פועל־יוצא פאַר אונזער פראַגע וועגן דער שייכות צווישן אינערלעכן יידישן עסכאַטאָלאָגישן גלויבן און קריסטלעכן מעסיאַניזם? זאָל מען אָננעמען, אז דער פונדאמענט פון קריסטנטום איז טאַקע דער יידישער תנ״ך און אַז פון דער געשיכטע איבער קריסטנטום קאָן מען טאַקע ארויסדרינגען די אמתע שטריכן און דעם אמתן ווערט פון דער יידישער אידייע פון גערעכטיקייט, וואָס האָט געקלונגען אין די מיילער פון די יידישע נביאים און וואָס מען געפינט אין תנ״ך, אָבער ווי אַפט דערקענט נישט דער זון זיין אייגענעם טאַטן? און עס שטייט דאָך בפירוש אין נייעם טעסטאַמענט, מען זאָל פארלאָזן טאַטע־מאַמע און גיין אהין, וואוהין דער נייער גלויבן הייסט. כדי צו זען אַן אָרגאַנישע שייכות צווישן צוויי וועלט־אָנשויאונגען, דאַרף מען מער ווי דאָס געפיל פון היסטאָרישער ירושה. די דערקענטעניש פון א פאַקטישער היסטאָרישער פאַרבונדנקייט זאָגט אונז אבסאָלוט גאָרניט וועגן דער אינעווייניקסטער שייכות צווישן צוויי קעגנגעזעצטע לעבנס־בליקן. דער עצם פאַקט, וואָס קרוב צו צוויי טויזנט יאָר איז געווען ווי אין פסוק שטייט,

„ולא קרב זה אל זה", האָבן מיר דאָס קריסטנטום, לאָזנדיק אָן אַ זייטזיינע יידישע עלעמענטן, ניט אָנגערירט אָפּילו מיטן קליינעם פינגער, סיידן בלא יודעים, ווייל באוואוסטזיניק איז אפילו פאַרן סעקולאַרסטן טייל פון יידנטום געווען שמד דער ערגסטער סם. דעריבער ווערט פאַר אונז בטל אויך די היסטאָרישע פארבונדנקייט ווישן קריסטנטום — דער טאָכטער — און יידישקייט — דער מוטער, — און עס בלייבט אונז איבער אפילו איצט, לחלוטין אָפּצולייקענען וואָסער ס'איז שייכות צווישן קריסטנטום און יידנטום.

די צוויי־טויזנט־יאָריקע פאַר'עקשנ'טע אָפּלייקענונג זעען מיר פון אינעווייניק, פון דעם צענטראַל־פונקט אין דער לעבעדיקער יידישקייט, אין דעם משיחיזם.

עס איז זיכער, אַז די גרונט־אידייע פון קריסטנטום איז דער גלויבן אין אַ „מעשה שהיה", אין אַ משיח, וואָס האָט שוין אויס־געלייזט, און אַ וועלט וואָס איז שוין אויסגעלייזט געוואָרן, און ווייל די אויסלייזונג האָט שוין פאַסירט, איז שוין ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר געשיכטע. די וועלט האָט געהאָט איר געשיכטע ביז דער קרייציקונג, נאָך דער קרייציקונג איז די געשיכטע פאַרווירקלעכט געוואָרן. ניט אומזיסט ציילט די קריסטלעכע וועלט פון קריסטוס געבורט אָן, די וועלט פאַר דעם געבורט ווערט גאָרניט גענומען אין חשבון.

לאָמיר זיך דערמאָנען אין דעם באַרימטן ויכוח פון רמב"ן מיט די קריסטן פון זיין צייט: דער רמב"ן האָט גע'טענה'ט: איר, קריסטן, זאָגט, אז די וועלט איז שוין אויסגעלייזט; יעזוס האָט מיט זיין לייב אויסגעלייזט דעם מענטשלעכן מין פון זינד. אויב אַזוי? — פונ־וואַנען אַזויפיל בלוט און רציחה, וואָס די „אויסגעלייזטע קריסט־לעכע וועלט באַגייט? דאָ ליגט טאַקע דער תהום צווישן יידנטום און קריסטנטום, אַ תהום, וועלכן מ'קאָן מיט טעאָלאָגישע דרשות ניט פאַרשיטן. לויטן קריסטנטום האָט זיך די מענטשלעכע געשיכטע געענדיקט אויפן קרייץ, די וועלט איז פאַרטיק, אויסגעלייזט, און די גאַנצע ווייטערע מענטשלעכע געשיכטע איז דערפאַר איין שטיק אי־בעריקייט, אַן אַבסורד.

אָט פאַרוואָס אין די וויכוחים מיט די קריסטן האָבן אונזערע גדולים ניט ארויסגעבראַכט קיין טעאָלאָגישע און ריטואַלע מאָטיוון (אין די פריערדיקע מיטלאַלטערלעכע ויכוחים האָט אפילו דער גלויבן אין דער דריי־איינציקייט פאַרנומען דאָס קלענסטע אָרט), נאָר זיי האָבן גלייך אוועקגעשטעלט דעם צוקונפט־אידעאַל פון יידישקייט אַנטקעגן דער קריסטלעכער „אויסגעלייזטקייט".

אַנטקעגן דעם אידעאַל פון אַ משיח ,וואָס האָט שוין מיט זיין טויט אויסגעלייזט די זינדיקע וועלט עד סוף כל הדורות (דער מענטש בלייבט איבער זינד און צוליב געבעט), האָט יידישקייט געענטפערט מיט איר היסטאָרישן לעבן, מיט אַ לעבן און וואַרטן אויף דער צייט פון דערלייזונג. „אפילו ווען דער משיח פאַרזאַמט זיך, וועל איך פונ־דעסטוועגן וואַרטן אויף אים יעדן טאָג", — ווי פאַרשיידן דעם רמב"מ'ס „אני מאַמין איז אפילו פון דעם קריסטלעכן „אדוועט", דאָס גלויבן, אז דער אויסלייזער דאַרף נאָך צוריקקומען. דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער צוקונפטלאָזיקייט פון קריסטנטום, וואָס פּאָול האָט אויסגעשמידט פאַר די געצענדינערישע שטאַמען פון זיין צייט. דער „אַדוועט" איז בלויז געווענדט צו יענער „גליקלעכער צייט" פון משיח'ן אויפן קרייץ, וואָס וועט ווידער אַראָפּ פון הימל, אָבער דער־ווייל לאָזט ער איבער די ערד פאַרן טייוול.

דאָס יידנטום איז געווענדט צו דער צוקונפט, צו דער צוקונפט, וואָס ווי ווייט זי זאָל ניט זיין, איז זי שטענדיק נענטער, רעאַלער ווי די נאָענטסטע פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז שוין געווען. וואָס עס האָט שוין פּאַסירט איז ניט מער אומצוקערן, אָבער דאָס וואָס דאַרף קומען, קאָן קומען.

די צוקונפט־אידייען פון דעם יידישן משיחיזם האָט דאָס יידנטום געבראַכט צו זיין היסטאָרישן קאַמף מיט שלעכטס אויף דער ערד. פאַרן אָריגינעלן קריסטנטום איז כאַראַקטעריסטיש דער רוימישער און גריכישער קאַטאָליציזם. דער קאַטאָליציזם האָט כסדר איבערגע־לאָזט דעם הימל צום „האַר יעזוס" און די ערד — צו צעזאַרן. אָבער ניט נאָר די קאַטוילישע וועלט, אפילו דער פאָטער פון דער רעפאָר־מאַציע, לוטער, האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די גרויסע

לאַנד־ באַזיצער און פירשטן און געשטארקט זייערע הענט קעגן דער פויערשער רעוואָלוציע און יעדן סאָציאַלן רעוואָלט. ווארים דאָס קאָנ־סעקוועגטסטע פּאַול־קריסטנטום וואָס גלויבט, אַז יעזוס האָט שוין אַלץ אויסגעלייזט, איז און מוז זיין קעגן יעדן ערדישן קאַמף.

פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז באָריס פּאַסטערנאַק׳ס בוך אַ פּאַרס, וואָס אנטפּלעקט אויך אַ טראגעדיע. דאָס איז די טראַ־געדיע פון אַ מענטשן וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט אָדער האָט געהאַט און האָט פארלוירן זיין יידיש געשטאַלט. די טראַגעדיע פון אַ „יידן״ וואָס וויל זיין מער קריסטלעך פון די קריסטן...

די וועגן פון סאציאלן רעאליזם

לערנען מיט די עוורטער: ווי שיין דער דאָזיקער בוים איז ווי שיין דאָס דאָזיקע צעאַקערט פעלד איז, שטעלט זיין נשמה אין סכנה (אבות)

איז! ווי שיין דאָס דאָזיקע צעאַקערט פעלד איז! שטעלט זיין נשמה אין סכנה (אָבות).

ליטעראַטור איז אַ באַשטאַנטייל פון דעם אַלגעמיינעם סאָציאַל־אידייאישן ווערק, איבערצוגעשטאַלטיקן די ווירקלעכקייט, כדי צו זיין שעפעריש, העלפן איבערשאפן, אָדער איבערגעשטאַלטיקן די ווירקלעכקייט, דאַרף מען צום. אלעם ערשטן אָפּשפּיגלען די ווירקלעכקייט. דער שרייבער דאַרף צום אלעם ערשטן אָבסערווירן די פאַקטן פון לעבן, די אָביעקטיווע היסטאָרישע באַדינגונגען, די אָבסערווירטע פאַקטן דורכן שרייבער האָבן אָבער ניט קיין גלייכן דערקענטעניש־ווערט. דער געדאַנק ווערט קלאָר אָנגעמערקט ביי מקסים גאָרקי און י. ל. פּרץ.

„דער פאַקט — זאָגט גאָרקי — איז נאָך ניט דער גאַנצער אמת, דאָס איז נאָר דער רוי־שטאָף פון וועלכן מען דאַרף ארויסציִען דעם עכטן קינסטלערישן אמת, מען דאַרף קענען פון דעם פאַקט ארויסבאַקומען דעם זין".

און י. ל. פּרץ האָט געשריבן: „דער מאַטעריאַל פאַר דער קונסט איז די ווירקלעכקייט, אבער זען וויל מען מיטן אויג פונעם קינסטלער און דאָס קינסטלער־אויג זעט די ווירקלעכקייט, ניט אַזוי ווי זי איז, נאָר פיל ווירקלעכער, ווארים ער זעט איר אינערלעכן אינהאַלט".

דאָס מיינט, אז דער שרייבער מוז קאָנען אָפּקלייבן די אמ־מיינסטנס וועזענטלעכע זאַכן און באַזייטיקן די צווייטראַנגיקע, ניט וועזענטלעכע. דער ליטעראַרישער כאַראַקטער פון רעאַליטעט דעקט זיך ניט אויטאָמאַטיש מיטן אָבעיקטיוון כאַראַקטער פון דער ווירקלעכקייט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ סך אַ טיפערן צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם פון ווירקלעכקייט. דער סאָציאַלער רעאַליזם פאָדערט פונעם שרייבער ניט בלויז פאַרשטעלן דאָס וואָס ע ס איז פ א ר א ן נאָר דאָס וו אָ ס ע ס ד א ר ף ז י י ן.

שטעלט זיך די פראַגע: וויאַזוי אידענטיפיצירט מען די רעאַליסטישע אָפּשפּיגלונג פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט מיטן סוביעקטיוון פאַרשטעלן זיך? וויאַזוי קען מען גלייכצייטיק שילדערן דאָס וואָס עס איז און דאָס וואָס עס דאַרף זיין?

דער ענטפער איז דורך דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. מען מוז אַנערקענען די גרונט־הנחה אַז אין דער דערקענטעניש־ טעאָריע, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע וויסנשאַפטס־געביטן, דאַרף מען דענקען דיאַלעקטיש, דאָס הייסט, „ניט האַלטן פאַר פאַרטיק און אומפאַרענדערלעך אונזער דערקענטעניש, נאָר אַנאַליזירן, ווי־אַזוי פון ניט פינקטלעכן וויסן ווערט פולער", (לענין, דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם, ז׳ 84).

דער נאַטוראַליזם האָט געוואָלט מאַכן פון דער ליטעראַטור אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט דורך פּינקטלעכער אָבסערוואַציע, דורך קאָפּירן טריי די ווירקלעכקייט. עס זיינען אָבער פאַראַן צוויי סאָרטן וויסנ־שאַפטן. די עקזאַקטע, סטאַטישע, און די דינאַמישע, עקספּערי־מענטאַלע. די אמתע, פאַראַלגעמיינערטע וויסנשאַפט וועט זיך ניט באַנוגענען צום ביישפּיל מיט אוועקלייגן אַ וואָרעם אונטער אַ מיקראָסקאָפּ און איבערציילן די די קעמערלעך פון זיין שאָל, זי וועט איבערגיין צום עקספּערימענט, זי וויל וויסן וואָס קומט פאַר ווען מען פאַרבט איבער דעם וואָרעם אַף רויט, צי וועלן זיינע יורשים־קינדער האָבן אַף זיך סימנים פון רויטקייט; אַזוי אויך וועט די וויסנשאַפט ניט באַנוגענען מיט דער דערקענטעניש פון האָדעוועז גרינסן, בלו־מען, פרוכטן, נאָר עקספּערימענטירן כדי אויסצוגעפינען וויאַזוי ווייץ זאָל וואַקסן אַן פייכטקייט, קאַקטוסן אַן דערנער, וויאַזוי קירעוועט מען טייכן אַף צוריק.

פונקט אַזוי דאַרף די ליטעראַטור, דער ראָמאַן צום ביישפּיל, פאַרשטיין און ארומנעמען דאָס לעבן פון אַלע זייטן, זיך באַשעפטיקן מיט דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון אלקאָהאָל, זינד, פאַר־ברעכן. דער אמתער קינסטלער דאַרף פאַרשטיין די וועלט, זי דערפילן און זי שילדערן כדי זי צו איבעראַנדערשן.

מאַקסים גאָרקי אין ווענעמנס ווערק „מוטער" דער רעאַליזם און אקטיווער ראָמאַנטיזם האָבן זיך צום ערשטן מאָל פאַראייניקט אָרגאַניש און אַקטיוו. האָט מיט יאָרן צוריק אין א רעפעראַט ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק, וועגן א לעגענדע אָדער א מיף:

„אַ מיף איז א געדאַכט. א געדאַכט — הייסט ארויסנעמען פון

דער סומע רעאַל־געגעבענעם דעם גרונט־זין און אים פאַרקערפּערן אין א בילד, אזוי וועלן מיר באקומען רעאַליזם. אָבער אויב צום זין, וואָס מען האָט ארויסגענומען פונעם רעאַל־געגעבענעם, זאָל מען צוגעבן, לויט דער לאָגיק, דאָס געוואונטשענע, מעגלעכע, און דערמיט נאָך דערגאַנצן דאָס בילד, וועלן מיר באקומען רעאַליזם.

האָבנדיק אָנגעווענדט דעם סאָציאַל־רעאַליסטישן באַנעם אַף דער ליטעראטור האָט דער פירער פון פאָלקס־כינע, וואָס איז אַליין א דיכטער מאַאָ־טסע־טונג, דורך זיינע פאַרטראַגן איבער ליטעראטור און קונסט אונז געגעבן א קלאָרע דעפיניציע וועגן דעם דיאַלעקטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור אינעם ברייטסטן זין פונעם באַגריף. מאַאָ־טסע־טונג זאָגט:

„די נאַטור שטעלט צו דעם איינציקן קוואַל פאַר ליטעראטור און קונסט און כאָטש די נאַטור איז רייכער אין אינהאַלט ווי די קונסט, זיינען אָבער מענטשן ניט צופרידן בלויז מיט דער נאַטור און ווילן קונסט? פאַרוואָס? ווייל די קרעאַטיווע פאָרמען פון ליטעראטור און קונסט זיינען מער טיפּיש. מער אידעאַליזירט און מער אוני־ווערסאַל ווי די נאַטור”. ער גיט דערביי אַזאַ ביישפּיל:

„דער רעאַלער לעבעדיקער לעבן איז זיכער געווען מער אינ־טערעסאַנט ווי דער לעבן פון א ראָמאַן, אַ דראמע אָדער א פילם. אָבער דער לעבעדיקער לעבן האָט געדאַרפט אָפּטאָן אַ סך זאכן פון פרימאָרגן ביז אָפּדערנאַכט און פיל פון זיינע זאַכן זיינען נישט געווען אנדערש פון זאַכן, וואָס געוויינלעכע מענטשן טוען. נאָך עפּעס: זייער ווייניק מענטשן האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַ־געגענען לענינען באַם לעבן און נאָך זיין טויט קען אים קיינער ניט באַגעגענען. דעריבער איז דער לענין פון די ראָמאַנען און פילמען גרעסער פון לענינען אין בלוט און פלייש. די דראַמע, נאָוועלע, פילם קענען שאַפן אַלע מינים כאראקטערן גענומען פון לעבן, וואָס זאָלן אינספּירירן די פאָלקס־מאַסן..”

— וואָס שיין איז גוט — האָבן געזאָגט די פאַרצייטיקע העלענער.

אברהם ביק

—..וואָס גוט איז שיין — האָבן געזאָגט אבסטראַקטע יידישע מאָראַליסטן.

דער בורזשואַזער אינדיווידואַליסטישער ראָמאַנטיזם, מיט זיין נייגונג צו פאנטאסטיק און מיסטיק, וועקט ניט די פאָרשטעלונגס־קראַפט, טרייבט ניט דעם געדאנק. דע ראַקטיווער ראָמאַנטיזם וואָס איז ניט אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט, בויט זי דאָפּן ווילן, אַף דער איבערצייגונגס־קראַפט פון דער געשטאַלט. ער קען די ווירק־לעכקייט און טרוימט אַזאַ טרוים וואָס העלפט דערגאנצן די ווירק־לעכקייט.

— „יתגבר כּאַרי" — ער זאָל זיך שטארקן ווי א לייב — מיט די ווערטער הייבט דער מקובל ר' יוסף קארו אָן זיין „שולחן ערוך" — „שיהיה הוא מעורר השחר ולא השחר מעורר אותו" — ער זאָל וועקן דעם באַגינען, ניט דער באגינען זאָל אים וועקן. דאָס איז אַ קול־קורא צו דער גייסטיקער קרעאציע פונעם מענטשן. ער זאָל ניט אויפגעוועקט ווערן פון דער שיינקייט, פון א ראָזן באַגינען אָדער פון דער שארפער בלויקייט פון פרימאָרגן, נאָר ער זאָל אַליין וועקן די שיינקייט, פארבינדן דאָס גוטע, דאָס גערעכטע מיטן שיינעם, דאָס וואָס עס קען זיין מיט דעם וואָס עס דארף זיין.

א י נ ה א ל ט

געדאנקען און מאטיוון

יחיד און כלל אינעם שאפן פון י. ל. פרץ.......................................7
טרוים און ווירקלעכקייט ביי שלום עליכם און י. ל. פרץ...............15
דער מתנגדישער טיפ אין דער יידישער ליטעראטור..................23
דער יידישער מאָטיוו אין דער סאָוועטישער ליטעראטור........38

אלט און ניי העברעאיש

שלמה בן גבירול — דער האַר פון ליד..47
ח. נ. ביאַליקס „מתי מדבר" און „מגילת האש"............................56
שמואל יוסף עגנון — מייסטער פון העברעאישער נאָוועלע.........61
די פראָזע פון ניי ישראל.......... 70
משה שמיר און זיין היסטאָרישער ראָמאַן....................................76

פון דער וועלט ליטעראטור

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי — קינסטלער פון צייט און דויער..........85
דער שטריק איבערן תהום...93
השפעה און פארגלייך...97
די השפעה פון דאָסטאָיעווסקי אויף דער יידישער ליטעראטור....102
לעאָן פויכטוואַנגער ביי די קוואַלן פון געשיכטע...........................114
אוירנעסט העמינגוועי........................) 124

געדאנקען און מיינונגען

די עטישע פילאָסאָפיע פון הערמאַן קאָהען..................................135
טאָינבי און זיין פארשטיינערטע יידישקייט..................................144
ריינהאָלד ניבור און זיין סאָציאַל־ראַדיקאַלער באַנעם...................153

א ב ר ה ם ב י ק

ראָזע לוקסעמבורג און די ליטעראַטור......................................160
אין מיסטישן קיינעמס לאַנד...169
סאָציאַלער רעאַליזם..178

פון צייט און דויער

ווערק פון אברהם ביק

יידיש:

גרונט־פרינציפן פון רעליגיעזן סאָציאליזם.................לאָדזש, 1938
קעמפער און היטער...ניו יאָרק,1940
וועלט און היים...ניו יאָרק, 1941
חסידות מאָטיוון...ניו יאָרק,1944
ר' יעקב עמדין..ניו יאָרק,1946
משה העס.. ....ניו יאָרק 1949
אין באַגינען...ניו יאָרק 1952
וואָרט און צייט ....בוענאָס איירעס 1952
מאָריס ווינטשעווסקי — קעמפער און טרוימער..........ניו יאָרק 1957
דורות דערוואַכן... ....ניואָרק 1956

העברעאיש:

חזון התקופה...ניו יורק תרצ"ז, 1937
שאלות ותשובות משנת פועלים .... ניו יורק תש"ח 1948
מדרש סמוכים (פסעוודאָנים א. שאולי) .... ניו יורק תשי"ח 1958

ענגליש:

Exponents of Religious Zionism—New York, 1938
Origin and Development of Jewish Holidays —

אין ליכטיקן אָנדענק

פון ג ר ו ש ק ע ס אָ ס י ס

(געשטאָרבן יאַנואר 1, 1958